STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00968

GEKLIBENE VERK

F. Bimko

Permanent preservation of this book was made possible
by Leah Reich Krueger
in memory of
Sadie Reich

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בימקאַ

געקליבענע ווערק

זיבעטער באַנד

צייט-דראַמען

פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1936

אויפן ברעג ווייסל

צייט-דראמע אין דריי אקטן

מיט א פראלאג און עפילאג

פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא, 1936

ס'איז בפירוש נישט דערלויבט צו שפּילן אין יידיש
אָדער אין אַן אַנדערער שפּראַך – דורך קיין שום
טעאַטער אָדער וועלכער ס'איז אָרגאַניזאַציע אויף
דער גאַנצער וועלט, – איידער מ'פאַרשטענדיקט זיך
מיטן מחבר.

די רעכט אויף אַלע פּיעסען זענען געשיצט דורכן אויטאָר.

Copyright by F. Bimko, New York.

אָנפרעגן אין אייראָפּע ביי:

Łazar Kahan, Warszawa, ul. Nowolipki 32, m. 13.

און אין אַמעריקע:

M. Ceshinsky, 2720 W. Division Street, Chicago ILL.

Printed in Poland

F. Bimko. Dramaty.

Druk. A. Rozensztajn, W-wa, Mławska 5, tel. 11-53-62

עס שפּילן:

ר׳ גבריאל — דער זיידע

ר׳ הענעך — זיין זון

קלאַראַ — זיין צווייט ווייב

ברוך, איגנאַש, יאַנוש, מאַניע — הענעכס קינדער פון זיין ערשט ווייב

אָלעק — אַ יונגעלע פון זיין צווייט ווייב

גיטעלע — ברוכס ווייב

שרהלע — הענעכס אַ ברודערן־טאָכטער

בראָנקע

גלח

פּאַכטשאַרזש

פּאַכטשאַרקע

פּויערן

פראלאג

נאָך אינם פריערדיקן פוילן.

ערגיץ הינטער אַ מויער פון אַ סמענטאַזש. סקוקן אַריבער, „פון צווישן ביימער, — שטיינער.

אַ באַרגל מיט צלם.

דער גלח

זיצט אינם שאָטן פונם פּאַמניק, וואָס שטייט איבערן בארגל, — קוקט אין א ספרל.

גבריאל

קומט אָן, אַ הויכער, אַלטער, גלייכער מאַן; שניי-ווייסע באָרד, ברעמען.

ניעך בענדזשע פּאָכוואַלאָני!

גלח

נאַ וויעקי וויעקוו, אַמין.

גבריאל

לאַנג שוין ווי ס'אי נישט געווען אַזאַ שיינער טאָג, מיט אַזוי פיל זון...

גלח

די זעלביקע זון, נאָר נאָך אַ רעגנדיקן טאָג, דאַכט זיך: אַז זי לייכט מער...

גבריאל

וואָס מאַכן עפּעס מיינע טייבעלעך? זיך נישט געפרעגט אויף מיר?...

גלח

נישט איינמאָל מיר שוין אַרומגעפלויגן איבערן קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט און אויפגעהויבן זיך צוריק.

גבריאל

ווייסן אַ חילוק פון אַן אַנדערן ביז צום אַלטן גבריאל, אַ?

גלח

אַ מענטש גיט זיי אַזוי לאַנג: טאָג-איין, טאָג-אויס, — צו עסן, און זאָלן נאָך אַלץ נישט וויסן?...

גבריאל

נעמט שיטן גאַנצע הויפנס

אַרביס טייבעלעך; ווידער אַרביס אייך געברענגט...

גלח

נעכטן אַרביס, היינט אַרביס, – נישט קאָנען אַזוי פיל אָנוואַקסן ביי דיר אויף די פעלדער, ווי זיי וועלן ברויכן אויפעסן ?...

גבריאל

ווי לאַנג כ׳האָב, זיי נישט זשאַלעוועו; זיך יאָ אַזוי שיין פאַרמערט..

גלח

מעגן זיך צוגעוואוינען אַליין צו גיין פאַראַרבעטן זייער שטיקל ברויט; און נישט שטענדיק זיין אָנגעגרייט, מ׳זאָל זיי געבן; אַריינלייגן אין מויל און לעבן פון גרייטן...

גבריאל

ווי לאַנג כ׳שטיי אויף די פיס...

גלח

אַ מענטש לעבט נישט אייביק...

גבריאל

דערנאָך, מילא, דאָס אַליין גיין אָפזוכן; זיך נישט אַוועקלייגן און שטאַרבן נאָך מיר...

גלח

געדענקסט זיי שוין לאַנג, די טויבן ?

גבריאל

יאָרן.

גלח

און אַלץ די זעלביקע ?

גבריאל

אוודאי דער ניינצענטער דור, אויב נישט מער...

גלח

מער פאַר זיך

אַ סטאַדע טויבן לעבט, שוועבט, און מ׳קאָן בלויז הנאה האָבן פון קוקן אויף איר; אָבער, אויפכאַפּן...

גבריאל

דער אַלטער וויטעק פאַרלייגט אויף אַ פּאָר, וואָס איז איין פּאָר אויף אַזוי פיל?... און זיי פאַרמאַכט אין אַ שטייג אויף אַ בוידעם, — אים די קו געפגרט...

גלח

ביים יונגן אַוועקגעלייגט ס׳ווייב אין בעט: און אַז מ׳האָט מיך גערופן צום ספּאָוויעדזשען, זיי, ס׳ערשטע, געהייסן אַרויסלאָזן; און געברויכט זען: ווי אָנגעקליידט זי איז געווען, נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר, און נאָכדעם אַוועקגעשטעלט אויף די פיס, יאַקבי... אַ געזונטער מענטש!

גבריאל

פראַנצישעק געוואָלט זיין אַן עקשן, און מיט אַ קינד באַצאָלט...

גלח

און ראָמעק שיעור אַליין נישט קראַפּירט.

גבריאל

אַזוי איז יעדער אָפּגעשראָקן, און מ׳לאָזט זיי צורו; מ׳קוקט בלויז צו ווי זיי כאָווען און מערן זיך... וואָס אַמאָל מער... און מער... און ווי קיי-בעמען נישט אָנגעגאַנגען...

גלח

נאָר בלויז דעם אַלטן גבריאל.

גבריאל

מיך אויכעט נישט באַרירן?

גלח

מיט וואָס ביסטו מער אויסגענומען פאַר אַלע? דערמיט וואָס דו האָסט זיי נישט צוגעוואָרפן קיין שטיין, אָדער איבערגעלאָזט אַליין?

גבריאל

יאַנעקס טויבן...

גלח

ווער איז געווען דער יאַנעק?

גבריאל

אַ פאַראָבעק אין שטאַל... שטענדיק צווישן די וועגענער... געשמירט די אַקסן... און מיט זיי אינאיינעם זיך געבאָוועט...

גלח

און געדענקסט, אַז זיי זענען נישט געווען קיין סך?...

גבריאל

בלויז איין פּאָר... ברוינע... מיט די זעלביקע שנעבעלעך... רויטינקע פיסעלעך...

גלח

און ביי אים איינגעשטאַנען?...

גבריאל

פאַרגלוסט צו ווערן אַ פּאָוסטאַניעץ, מיין יאַנעקן; אַוועק אין וואַלד אַריין זיך שלאָגן, — די טויבן מיט אים מיטגעגאַנגען; און אַז מ'האָט יאַנעקן מיט אַ שאַבלע דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט, דאָ אונטערן באַרגל באַגראָבן, — פון אים נישט אָפּגעטרעטן; אויפן בוים זיך געהאַלטן; און אַז ס'אי קיינער נישט געווען, — אויפן באַרגל געשטאַנען, געשטאַנען און געוואַרט: אויב יאַנעק וועט נישט מער אַרויסקומען צו זיי צוריק?...

גלח

און געבליבן אויף די ביימער פון זיי, גאַנצע סטאַדעס; יעדן אינדער־פרי, ווי שוין געוואוסט פון זייערע באָבעס און זיידעס, — מיטאַמאָל זיך אויפצוהייבן, און איבערן באַרגל אַרומצופליען, איינמאָל און נאָכאַ־מאָל...

ג ב ר י א ל

אַזוי פליען, ווי לאַנג ס'באַרגל וועט זיין...

ג ל ח

אַז אויסכאַפּן וועלכע, איז מע איינגעשטעלט ביי איר מיטן לעבן...

ג ב ר י א ל

איז דאָך קיין חידוש נישט ס'האָבן זיך געקאָנט אַזוי פיל אָנקלויבן...

ג ל ח

און דו, זיך אונטערגענומען זיי צו קאָרמענען; אַרויסטראָגן דעם הויף תבואה...

ג ב ר י א ל

מיין יאַנעק... געלאָזט אָפּהאַקן דעם קאָפּ פאַר פוילן... אים נישט גע-קאָנט העלפן מיט גאָר, — כאָטש זיינע טויבן עפּעס פון מיר האָבן...

נעמט שיטן פולע גאָרשטשן, און די טויבן באַהענגען אים פון קאָפּ ביז די פיס.

פון וויטנס הערט זיך ס'קלינגען פונם קלויסטער.

ג ב ר י א ל

טויבן, טויבן, טויבן,
פון אונטן ביז אויבן.
טויבן, טויבן, טויבן,
פאַר די געפאַלענע פון פוילן.
בלייבן קיינמאָל נישט פאַרהוילן, —
טויבן, טויבן, טויבן.

פ אָ ר ה אַ נ ג

ערשטער אקט

אין דרויסן, פֿאַרן הויף פֿון ר׳ הענעך. אָן אַ זייט דאָס הויפּישע הויז, מיט אַ ברייטן פֿעלד פֿאַראַרבעטן צוגאַנג. ביימער, בלעטער, גראָז. פֿאַרנאַכט־צו.

י אַ נ ו ש

מיט אַ בלייך מיידעלש פנים, אָנגעטון אין שוואַרצע סאַמעטענע בלוזע, זיצט אויף אַ פּיען, מאָלט.

אָ ל ע ק

אַ מאָגער קאַפּריזנע ייִנגעלע, רייסט די קייט פון דער בודע

נעראָן, קום אויף האָזן!

ש ר ה ל ע

אַ דראָבנע מיידל, קומט דערנאָך אַרויס פונם וואַלד

יאַנוש! יאַנוש, וואָס מאָלסטו?

י אַ נ ו ש

שטאַרק איבערגענומען

ש-ש-ש... די פאַרבן גייען אויס...

ש ר ה ל ע

מיט דער זון, יאַנוש?

י אַ נ ו ש

ס'באַרגל בלענדט נאָך; כ'וויל, ס'זאָל אַזוי זיין באַהעלט; אַ רגע, ווי די זון איז אַראָפּ דערפון, מיטן צלם זיך געקושט, און געלאָזט שטיין אַ מידן, אומצופרידן...

ש ר ה ל ע

און די רויטקייט העכער, איבער די ביימער... זעסט: די שפּיצן זייערע, ווי פון געלן גאָלד...

י אַ נ ו ש

ס'פעלד לעשט זיך מיטן קוק, און ווערט גראָ... ס'גאָלד צערינט...

ש ר ה ל ע

ס'בלישטשעט שוין אַרויס דער טוי פונם גראָז... גיט זיך א כאַפּ אַ קעפּל פון אַ האָז!... אַריבערגעקוקט דעם באַרגל...

אָ ל ע ק

אָפּ מיטן הונט

זיי הייבן אַצינד אָן אַרויסצוקומען...

י אַ נ ו ש

ווי פריער

אַ... די זון קומט הינטערן וואַלד אַצינד... לייכט אים אַדורך, און ס'ווערט העל צווישן די ביימער... זע נאָר די העלקייט צווישן די ביימער...

ש ר ה ל ע

ס'וואַסערל געוואָרן פּיאָלעט.

י אַ נ ו ש

ס'קוועלט שוין פון די זשאַבעס.

ש ר ה ל ע

ס'פעלט אַן אַלטע פּייערטע, זי זאָל דערביי זיצן און וואַשן גרעט...

י אַ נ ו ש

פאַראַן אַזאַ פּייערטע וואָס זיצט און וואַשט, שרהלע...

ש ר ה ל ע

און וואָס זאָל זי וואַשן, יאַנוש?

י אַ נ ו ש

איר זונס העמדל, וואָס זי האָט אים ביינאַכט פון לייב אַראָפּגענומען...

ש ר ה ל ע

אַ שאָד... די קלעפּ וועלן זיך נישט אַרויסהערן, וואָס ס'וואַסערל האָט געהערט...

י אַ נ ו ש

אָבער, די רויטקייט...
די רויטקייט
אין דער לענג פון די בייט...
דאָס האָט ער עס אין בלוט

אויסגעווייקט,
ביינאַכט אינם וואַלד, —
פאַר פוילנס גאָב...

שרהלע

יאַנוש, און אַ שוואַרצע ראָב?
ס׳פעלט אַ ראָב!

יאַנוש

אַרופצוציער אַ ביסל, וואו ס׳אי נאַכט; די ראָב איז נאַכט...

שרהלע

און אַ קאָסע, יאַנוש? אַ קאָסע?

יאַנוש

דער בלאַסק אירער ליגט דאָך איבער אַלעם אויסגעגאָסן.

שרהלע

פון די פוילישע קאָסע...
די פוילישע קאָסע
איז ווייס ווי די ראָסע, —
די פוילישע קאָסע.

יאַנוש

געווען געשליפן ווי אַ בריליאַנט, און אויסגעריבן זיך ווי אַ שטיקל גלאָז...

אָלעק

לויפט מיטן הונט

אַ האָז! אַ האָז!

שרהלע

אַ שאָד: זיך נישט פילן דער ריח פונם בלוט, וואָס ס׳האָט דערפון אַראָפּגעטריפט...

יאַנוש

ס׳איז אין די לופט; די געלקייט איז דער ריח...

אַ ל ע ק

מיטן הונט

ער איז אַרונטער צום טײַך... צום טײַך...

ש ר ה ל ע

און מיר זיך געדאַכט: ס׳אי דער װאַרימער נעפּל פון צװישן די בײמער...

י אַ נ ו ש

ער איז אַ ביסל אַהערצו־צו, איבער אַלעם, דער נעפּל, – װי אַ תּפילה...

ש ר ה ל ע

אַ שאָד: אַזאַ שטילע,
און זיך נישט הערן...

י אַ נ ו ש

אָבער, פילן;
עטלעכע שאַרפע פלעקן,
און װי פײערן זאָלן ליגן
מיט די פּנימער אַראָפּ,
זיך מורא געהאַט צו רירן...

ש ר ה ל ע

אַ שאָד: די גלעקלעך...
די גלאָקן זיך נישט װיגן...

י אַ נ ו ש

די טאַטרעס בײם װאַסערל עטװאָס אָנגעבױגן: װי געװען געגלעט פונם קלינגען; און די בלעטלעך פון די בײמער ציטערן פון זײ...

ש ר ה ל ע

פאַרטראַכט

פוילנס שיף איז דענסטמאָל אונטערגעגאַנגען; ס׳האַרץ בײַ איר אױפגעהערט קלאַפּן...

י אַ נ ו ש

אומרואיק

ש-ש-ש... כ׳ברויך נייטיק האָבן ס׳שטיקעלע זון, און זי קומט מיר אַוועק...

ג ב ר י א ל

שטעקט אַרויס זיין אַלטן גרייז-גראָען קאָפּ דורכן פענסטערל פונם דאַך

אָ-ה-אָ-אָ-אָ!

ש ר ה ל ע

שרייט אַרויף

אָ-ה-אָ-אָ-אָ!

ג ב ר י א ל

ש-ר-ה-ל-ע!

ש ר ה ל ע

ז-יי-ד-ע-ל-ע!

ג ב ר י א ל

נעמט אים צוריק אַריין.

ש ר ה ל ע

ער וויל, כ׳זאָל זיך נעמען מנחה דאַווענען אינם וואַלד; דער וואַלד גייט נישט פריער שלאָפֿן, ביז ער דאַוונט-אָפּ אין אים; דערנאָך ערשט לאָזט ער אַראָפּ די ברעמען, און מאַכט צו די אויגן...

י אַ נ ו ש

דער וואַלד.

ש ר ה ל ע

פאַרטראַכט

ס׳קאָן נאָך זיין אַ מענטש מער גראָער פאַר אים?

י אַ נ ו ש

און ווייסער?

שרהלע

כ׳חלש מער איבער די עלטער זיינע, ווי פאַר די אויגן...

יאַנוש

וואָס אי געווען מיט די אויגן, ביי אים?

שרהלע

פינסטער געוואָרן, ווי פוילנס מזל אויף די וועלט.

יאַנוש

פאַרטראַכט

אַ סך געקלערט איבער
די צוויי שוואַרצע גריבער,
און וואָס מער געטראַכט,
וויי׳ניקער דערגרונטעוועט די נאַכט
ביי אים.

שרהלע

דער קוואַל
פון זיינע אויגן, איז שוואַרץ
און טונקל, ווי אַ גרעלער שטראַל
אויף פוילנס טיפע עלטער.

יאַנוש

קעלטער
אין גוף, פון דרויסן;
און עפעס ווי אויסגעגאָסן
אַזוי הויך, און ברייט;
אַ קליין ביסעלע צעשטרייט, —
קוקן לעכער צוויי,
ווי אַן אימהדיק געשריי,
אַריין אין די וועלט.

שרהלע

ער קוועלט
נאָך ווי אַ קינד,
פון יעדע גוטע בשורה:
אַז פוילנס שטאַרקע מאַכט
איז נישט אויף תמיד צו קבורה
געוואָרן געבראַכט.

מאַניע

פון הויף

טאַ-טע! טאַ-טע-לע! קומט אַרויס וואו איז דער טאַטע?

שרהלע

אין שטוב.

מאַניע

שוין געזוכט אין שטוב.

יאַנוש

אוודא, זיך פאַרמאַכט.

מאַניע

נישט געזען פון נאָכן האַלבן טאָג. לויפט אין שטוב טאַ-טע-לע!

שרהלע

ג׳יט אַרום אַן אַ קאַפּ; אים דער הויף שוין באַלד אָוועקגעלייגט... און ברוך?

יאַנוש

געקומען, ברוך?

שרהלע

אויכעט נישט היימלעך מיט אים; קומט, קוקנדיק, אום...

יאַנוש

זיך אין דרינען צוגעלייגט?

ש ר ה ל ע

ווייער מיד ; און ס׳פּנים נישט אויסגערוט

ג ב ר י א ל

שטעקט ווידער אַרויס דעם קאָפּ

ש־ר־ה־ל־ע !

ש ר ה ל ע

פאַרגעסן: דער זיידע וואַרט, און זיך פאַרעדט. אַפּ, אָ־האָ! זיי־דע־לע!

מ אַ נ י ע

ברענגט אַרויס הענעכן

טאַטעלע, זיך פאַר עמיצן באַהאַלטן ?

ר׳ ה ע נ ע ך

פאַר זיך, טאָכטערלעב ; כ׳זוך די לעצטע צייט אַן אָרט, וואו כ׳זאָל זיך קאָנען פאַר מיר אַליין באַהאַלטן...

י אַ נ ו ש

דאָס אין ערגעץ נישט געפינען...

מ אַ נ י ע

שטייט־צו

פאַרוואָס, טאַטעלע, איז שטיין געבליבן די מיל, טאַטעלע ?

י אַ נ ו ש

אויך געוועזן אַ בעלן צו וויסן...

ר׳ ה ע נ ע ך

מ׳ברויך פרעגן ביים דאָרף... ס׳דאָרף טרייבט די מיל... טרייבט דעם הויף... די רעדער דרייען זיך מיטן דאָרפס כוח... מיינער איז אויסגעשפּילט...

י אַ נ ו ש

אָפּגעלאָזט ס׳וואַסער, און דעם „זאַסטאַוו" אויפגעהויבן...

ר׳ הענעך

פאַרלייגט מיט תבואה איבערן קאָפּ... מ׳קאָן נישט אַדורכגיין... אַ טריט שטעלן... און ס׳וואַסער אָפּגעלאָזט ווי אין מיטן ווינטער, ס׳וואָלט געווען איינגעפרוירן...

יאַנוש

אַ ברוגז אַרויסגעקומען ?...

ר׳ הענעך

כ׳לייג מיך אונטער... לאָז אויף מיר טרעטן...

מאַניע

ווער טרעט, טאַטעלע ?... ווער טרעט ?...

ר׳ הענעך

קושט איר

נישט פאַר דיין יונג קעפּעלע, נאָך... ווי לאַנג ס׳אי זומער... זומער־פייגעלעך פליען... פלי מיט זיי אינאיינעם... אַ סך ביימלעך, קינד... און בלעטעלעך... און גרעזעלעך... און העזעלעך...

יאַנוש

עפּעס, אַ שוואַרצע קאַץ אַדורכגעלאָפן...

ר׳ הענעך

ווי פריער

און נישט, איינע... אַ סך... שוואַרצע... ווייסע... און געלאָזט אַ שלאַד אויפן דאָרף... אַ טיפן שלאַד ווי פון וועלפישע פיס... וועלפישע טריט פון קעצישע פיס...

יאַנוש

אין מיטן העלן טאָג לאָזט דער מילנער אָפּ ס׳וואַסער, און...

ר׳ הענעך

הלך לעולמו, נישט מיין מענטש מער...

מ אַ נ י ע

פּאַרוואָס, טאַטעלע, פּאַרוואָס ?

י אַ נ ו ש

ניִשט, אַן עוולה געטון ?

ר׳ ה ע נ ע ך

אַ סך עוולות געטון מענטשן, אייער טאַטע ?... און ביי מיר נאָך אויפן הויף ?... די שפּייכלער תּמיד אָפן... נאָך קיינער נישט אַרויס מיט קיין ליידיקע האַנט... כּל דכפין, — נעמט ער זיך אָן : ווער, אַ זעקל מערן, אַ ביסל בוראַקעס, אַ הייפּמל קרויט... חלילה קיינעם נישט אַרויסגענומען פון די האַנט גאָר... און פון הינטער די פּאָלע אַוודאי נישט...

י אַ נ ו ש

מ׳טאָר נישט זיין צו גוט; און מ׳ברויך זיך אָפּלערנען פון זיי, פון די אייגענע שכנים, אַז פּאַר נעמען אומגעפּרעגט, — שמייסט מע; און אַמאָל אויך ביז צום טויט...

ר׳ ה ע נ ע ך

כ׳קאָן נישט אַנדערש ; ס׳רהבות אויפן הויף איז כּמעט ווי אַ מסורה פון זיידן ; מיר איבערגעלאָזט אַ ירושה און אַן אָפענע האַנט, — קאָן איך זי נישט האַלטן צוגעמאַכט, נו ?... מ׳ברויך טאַקע קאָנען מאַכן אַ פויסט... נאָר מאַך, אַז די האַנט איז ליידיק און פאַרמאַכט זיך נישט ?...

י אַ נ ו ש

מוז מע טאַקע דערפאַר זיין גרייט צו קריגן מיט אַ שטיין...

ר׳ ה ע נ ע ך

אַ שטיין ?... שטיינער !... מ׳ברויך נאָר קוקן, זיך בייגן אין אַלע זייטן, — אַז ס׳זאָל נישט וועלכער לעכערן... אויפעפענען דעם קאָפּ... ענדערט געשיקט איגנאַשן איבערן דאָרף אויפשטעלן מענטשן צום היי, און אים באַפאַלן ווי אַ סטאַדע הינט ; מיך, אַוודאי געוווען צעריסן...

י אַ נ ו ש

און איגנאַש ?

ר׳ הענעך

ער קאָן זיך מיט זיי פאַרמעסטן; אַז ס׳קומט צו קלעפּ, האָט ער די־
הענט מיט זיך... ענדערט און קוים אויפן דריטן וויאָרשט, זיי בייקומען;
אין אַן אַנדער דאָרף שוין...

יאַנוש

נישט אומעטום, אַפּנים, נאָך...

ר׳ הענעך

אין פאַר דיין געלט... נאָך אַ טובה געטאָן... נו?... נישט צו לעבן אויף
יענעמס חסד?...

מאַניע

טאַטעלע, וואָס ווילן זיי?

ר׳ הענעך

קושט איר אין קעפּל

אַ חילוק?... אַז כ׳קאָן זיי דאָס נישט געבן, וואָס זיי ווילן...

יאַנוש

זיי אָנגעשפּאַרט...

ר׳ הענעך

אַ קליפּה... אַ בייזע, פינסטערע קליפּה... פאַרסמט און פאַרכאָמט...

יאַנוש

ער שטעכט זיי דאָך די אויגן אויס, דער יידישער הויף...

ר׳ הענעך

כע־כע... נאָך אַראָפּגעקרייעט פון בוידעם, — דאָ דער הויף אַ יידישער
געוועזן, און דער זיידע אַ תושב אין אים...

יאַנוש

אַזוי שיין געקלאַניעט: פאַניע „דזשעדזשיצו!“

מ אַ נ י ע

און מיר בלימעלעך אין קאָרן, אויפגעקליבן...

י אַ נ ו ש

נישט אַנדערש ווי דעם כראַביעס קאָפּ: אַז אונזער הויף זאָל צו אים אַרײַנפּאַלן; ער וויל אים אָנקריגן, און אויפגערודערט די פּויערן, — מ׳זאָל אַלץ ברויכן איבערלאָזן, און אַוועקגיין...

ר׳ ה ע נ ע ך

ס׳אי גוט צו גיין, יאָ... וואו גיין?... אַז כ׳בין שוין דאָ אַרײַנגעוואַקסן אין דרערד... און כ׳ווייס באַלד נישט: צי די ערד איז אויף אַזוי פיל מיין, ווי איך בין אירס; זי וועט דאָך מיך מאָגען נאָכן טויט...

מ׳זעט פּויערן אָנקומען מיט קאָסעס אויף די אַקסלען, — אַרײַנגיין פון הינ-טערגרונט אינם הויף.

ר׳ ה ע נ ע ך

קומען שוין אַראָפּ, נאָכן שניידן; און מ׳ברויך זיי אַרײַנגיין באַצאָלן. קוקט זיך אַרום וואו איז איגנאַש? טרייבט זיך נאָך אַלץ אַרום אויף פּאָלע-וואַניע?... וואָס דאָ טוט זיך אָפּ, און ס׳געמיט זיינס טראָגט עס אויס?...

רופט גייענדיק מאַניע! זי גייט אַוועק מיט אים.

י אַ נ ו ש

מאָלט

דער הויף האָט אָנגעאַרבעט, נישט די פּויערן; די פּויערן זענען אַלע-מאָל די זעלביקע פּויערן; האָבן אַליין פיינט דעם כראַביע, און קאָנען אים נישט פאַרטראָגן...

ג ב ר י א ל

הערט אַרויסגעפירט פון שרהלען, שטאַרק געעלטערט, רעדט שווער און אומרואיק

שוין די זון טיף פאַרגאַנגען?...

ש ר ה ל ע

הינטערן באַרגל, זיידע.

ג ב ר י א ל

אַלעמאָל, הינטערן באַרגל...

י אַ נ ו ש

ווייל ס׳אי דאָרט, וואו די זון פאַרגייט.

ש ר ה ל ע

אַ סך טויטע אונטער דעם, זיידע?

ג ב ר י א ל

אַריינגעלייגט, אומגעצײלט.

י אַ נ ו ש

ווען ס׳לעבן איז שוין פון זיי, סײווי געווען אָפּגעטײלט.

ג ב ר י א ל

פיר מיך דאַווענען מנחה.

ש ר ה ל ע

אין וואַלד, זיידע?

ג ב ר י א ל

און קעגן מזרח... וואו דער טאָג גייט פריער אויף... די נאַכט ברויך זיך באַגעגענען מיט נאָך אַ נאַכט... כ׳בין בלינד... שטענדיק נאַכט אין מיינע אויגן... פוילנס שוואַרצע נאַכט...

ש ר ה ל ע

אין פוילן איז היינט טאָג, זיידע.

ג ב ר י א ל

אַמאָל געווען, ווען כ׳האָב די אויגן געהאַט...

ש ר ה ל ע

וואָס אי מיט זיי געוואָרן, זיידע?

ג ב ר י א ל

וואָס ברויך ווערן מיט אויגן, זיי זאָלן אויפהערן זען ?...

ש ר ה ל ע

עפּעס זיי די ליכטיקייט צוביסלעך פאַרשמעלט, אָדער אינגאַנצן מיטאַמאָל פאַרשטעלט ?...

ג ב ר י א ל

אָ־ה־אָ־אָ !... ס'טליעט נאָך אין דמיון... ווייט...

י אַ נ ו ש

יענע גאָלדענע צייט...

ג ב ר י א ל

ווען ס'האָט אַ ווינט געווייעט... אַ וואַרעמער ווינט... זיך געפרייט יעדעס קינד... מאָרגן שוין געזאָלט ווערן טאָג אין פוילן...

י אַ נ ו ש

און נישט געוואָרן...

ג ב ר י א ל

דאָ אין וואַלד זיך געקליבן...

י אַ נ ו ש

די פּאָוסטאַנצעס ?...

ג ב ר י א ל

און מאָסקאַלעס זיי געהיטן, —
אויף פערד נאָכגעריטן...

ש ר ה ל ע

און די אויגן, זיידע, די אויגן ?...

ג ב ר י א ל

גלייכער: געפּטרט, און דאָס נישט ברויכן צוקוקן...

יאַנוש

וווערן רויט און פאַרשעמט...

גבריאל

וואָס די אויגן זען נישט, איז פרעמד פאַרן האַרץ...

שרהלע

וויל אַלץ רערגיין

אויסגערונען מיט די טרערן?...

גבריאל

פיר מיך דאַוונען מנחה... נישט פאַרגעסן אַוועקצושטעלן מישן פנים צו מזרח... צוויי נעכט זיך באַגעגענען, און אָנקוקן... ווערט אָפּגעפירט.

יאַנוש

פאַר פוילן געוואָרן אויפגעוועקט,
און דעם האַלז געשטרעקט...

איגנאַש

אַ שטאַרקער, ברייטער, הויכגעוויקסיקער, ס'פנים, — אָפּגעברענט, פויליש-כראַבסקע אָנגעטון; רויטע שטיוול, אַ ביקס, אַ לעדערנעם בייטל, פירט מיט זיך אַ הונט

ס'איז שטילער אויפן הויף, ווי אין וואַלד, אַז מ'קומט אַריין... דערשפירט עפּעס, און כאַפּט אויף דער גיך אַראָפּ די ביקס, שיסט אויס אַוועקגעלייגט...

יאַנוש

אונטערן די נאָז

געקומען שיסן האָזן הינטערן פענסטער.

איגנאַש

ס'צעקראָכענע מיידל זיך איבערגעשראָקן. אָפּ.

יאַנוש

גריר זיך צוגעלענט, און אים געמוזט אויפוועקן. אָפּ.

איגנאַש

מיט אַ טויטן האַז

אַ בחור, מיר די האַנט שיער אָפּגעריסן.

ס׳דערהערט זיך אַ טרילערן ווי פון אַ פויגל.

בראָנקע

גיט אַ קוק אַרויס

אָפּגענאַרט?

איגנאַש

געמיינט: דער סקאָווראָן שפּילט...

בראָנקע

איינמאָל אַוועק מיטן טאַטן אין וואַלד, איז געווען אַזוי שטיל אין אים, — אַז מ׳האָט געקאָנט הערן ס׳פּאָכען פון די האָזן; האָב איך אָנגעהויבן שפּילן, און מיר פון אַלע צווייגן די סקאָווראָנעס, קוויטשאַרעס גענומען צוהאַלטן...

איגנאַש

איי, שעלמאַ... זיי אויך אָפּגענאַרט?... ווי ביסטו פּלוצלינג דאָ אויסגעוואַקסן?...

בראָנקע

געהערט אַ שאָס, און זיך געטראַכט: ווער קאָן נאָך דאָ שיסן, אויב נישט איגנאַש?... דער יונגער דזשעדזשיץ?...

איגנאַש

יאָ... איך בין דאָ דער איינציקער אויפן הויף, וואָס רוימט זיי אויס; מער הרגעט זיי קיינער נישט; מיין טאַטע זאָגט: ס׳אי גאָר קיין יידישע מידה נישט...

בראָנקע

דו ביסט מיט אַלעם אַנדערש ווי זיי דאָ, אויפן הויף...

אִיגנאַש

מיין פּאָטער קאָן נישט צוזען, ווי ס'גיט זיך עמעץ אַ שניט אין פינגער; און איך האָב ליב צו האַלטן דעם האָז אַזוי לאַנג, ווי ס'בלוט, וואָס טריפט מיר איבער די האַנט, איז וואַרעם...

בּראָנקע

הייבט אים אויף

אַ שווערער האָז... נישט קיין מורא געהאַט אַרויסצוגיין פּאַרנאַכט?...

אִיגנאַש

טרינקען וואַסער בּיי די רינטשקע.

בּראָנקע

און אים געלאָזט?

אִיגנאַש

בּלויז עטלעכע שליִנג.

בּראָנקע

זומערדיקער פאַנג; ס'פעל גייט אים אויס.

אִיגנאַש

מיר קיין פעלץ פון אים נישט מאַכן; און קיין פּאָר שטיוול אויכעט נישט; אַוועקשענקען דעם אַלטן גאַיאָווע...

בּראָנקע

אַ שאָד... אים דיר אָנגעבּראָטן... ס'פלייש איז זייער זיס... און פאַרטרינקען מיט ווײַן...

אִיגנאַש

כ'עס נישט קיין האָזנפלייש; ס'זיסקייט פאַרקלעפּט ס'מויל; כ'הרגע זיי בּלויז פאַר תענוג...

בּראָנקע

אינגאַנצן ווי מיין טאַטע; ער עסט זיי אויכעט נישט, נאָר הרגעט זיי בּלויז פאַר תענוג; זיך גיכער געפּאַסט זיין זון צו זיין...

א י ג נ אַ ש

און דו, אויכעט נישט מיין טאַטנס טאָכטער...

ב ר אָ נ ק ע

מיין טאַטע זאָגט: איך בין דער גאַנצער זיידע...

א י ג נ אַ ש

אַזאַ יחסן געווען?

ב ר אָ נ ק ע

געריטן פון קראָקע ביז וואַרשע אויף אַ פערד.

א י ג נ אַ ש

מיך קענען אים אין רייטן נישט האָבן צו פאַרשעמען...

ב ר אָ נ ק ע

כ'ווייס טאַקע נישט, ווי אַזוי דו ביסט אין אים געראָטן...

א י ג נ אַ ש

מיין עלטער־באָבע זיך מסתמא פאַרקוקט אויף דיין זיידן, און אויך אַזאַ פריץ געהאַט...

ב ר אָ נ ק ע

קיינעם אַנדערש איינפאַלן, ווי' דו זאָלסט זיין איין בלוט מיט מיר...

א י ג נ אַ ש

יאָ... ס'דאַרף נישט לאָזן מער אָפּנאַרן, שיינער בלאָנד־קאָפּ!

ק ל אַ ר אַ

ווייל, דו ביסט היימיש און אויפגעוואַקסן דאָ; עס געדענקט דיך נאָך, אַז דו ביסט אַ קינד געווען...

א י ג נ אַ ש

אַמאָל, אַז כ'פלעג אַדורכרייטן די פעלדער, און אָנמאַכן אַ שטויב ביז אונטערן הימל, נישט געוואוסט קיין חילוק, — צי כ'בין פון טאַטו

הויף, אָדער פון „יאַסני־דוואָר”, פון וואַנעט דו קומסט ?... און היינט, אָפּגעגרעניצט די פעלדער... אויפגעקלעפּט צעטלען...

ב ר אָ נ ק ע

אויף וועמען ?...

א י ג נ אַ ש

אויף די קעלבער... פערד...

ב ר אָ נ ק ע

אָבער, נישט אויף דיר...

א י ג נ אַ ש

ביי זיי מער אויסגענומען פון די פערד ?

ב ר אָ נ ק ע

ביי מיר שוין ליגן טיף אין דרערד...

א י ג נ אַ ש

יענע וואָך געגאַנגען אויפשטעלן מענטשן צום היי, און זיך אָנגערעדט פאַר זיי, געקומען די שוים פאַרן מויל, — נישט געקאָנט קריגן...

ב ר אָ נ ק ע

און זיי דאָס אַזוי געשוויגן ?

א י ג נ אַ ש

אָפּגעקומען בלויז, וואָס כ'האָב מיר די ליפּן צעביסן...

ב ר אָ נ ק ע

מיין טאַטן דאָס געברויכט טרעפן, און זיי אַלע פאַרשמיסן...

א י ג נ אַ ש

בלויז געראָטן אין דיין טאַטן, נאָר כ'האָב נישט סטרפהנע בלוט זיינס ;
ער האָט זיך נאָך נישט אויסגעלעבט פון די פיינזשטזינע, און דאָ איר

ניִשט באַדאַרפֿט אָפּשאַפֿן, — ווייל זי איז אויפֿן טאַטנס הויף ניִשט געווען באַלד איינגעפֿירט...

אַ געריויש אויפֿן הויף, פֿויערן הייבן אָן ארויסצוקומען.

א י ג נ אַ ש

קום! כ׳וויל ניִשט, ס׳זאָל דיך ווער דאָ זען; כ׳האָב שטיין ס׳פֿערד מיינס צוגעבונדן צו אַ בוים; דיך אַרויפֿנעמען, און אונטערפֿירן אין הויף אַריין...

אָפּ מיט איר.

מ אַ נ י ע

קומט אַרויס פֿונם הויף

טאַטעלע, אַ האָז... ס׳גייט אים נאָך בלוט פֿון נאָז...

ר׳ ה ע נ ע ך

קומט אַפֿיר

נאָך וואָרים...

מ אַ נ י ע

פֿאָרעט זיך

אַזאַ שווערער... און אַ פֿעטער...

ר׳ ה ע נ ע ך

ווער האָט אים אַוועקגעלייגט?

מ אַ נ י ע

זיכער

איגנאַש!

ר׳ ה ע נ ע ך

טאַקע געהערט אויסשיסן...

ק ל אַ ר אַ

קומט אַרויס פֿון הויז, אַ הויכע, שלאַנקע, פֿאַרעלטערטע שיינקייט, אָבער נאָך מיט טיפֿע שפּורן פֿון איר, — אין פּנים: שטאַרק געפּודערט. רופֿט

אָלעק! אָ-לעק! אים ניִשט געזען, העניך?

ר׳ הענעך

זיך דאָ פֿריער געשפּילט מיט די קינדער פֿונם דאָרף.

קלאַראַ

כ׳וויל גאָרנישט, אַז ער זאָל זיך מיט זיי שפּילן, — אַז ס׳ווערט נאַכט.

ר׳ הענעך

קינדער... נישט קיין גרויסע, דערוואַקסענע נאָך...

קלאַראַ

ווי פֿריער, רופֿט

אָ־לעק!

ר׳ הענעך

אין מחשבות

פֿאַר גרויסע גיכער מורא צו האָבן ווי פֿאַר קינדער, אַ?...

קלאַראַ

הייסן אַרויסברענגען דאָ עסן, אָדער אינעווייניק גרייטן צום טיש?

ר׳ הענעך

ברוך שוין אויפֿגעשטאַנען?

קלאַראַ

וואַשט זיך אַרום...

ר׳ הענעך

ווי ס׳אי בעסער פֿאַר דיר...

קלאַראַ

אַרטיק

מ׳גייט באַלד עסן, מאַניע; און נישט פֿאַרשווינדן. אָפּ.

מאַניע

שטייט־צו

גייסט פֿאָרן קיין וואַרשע, טאַטעלע?

ר׳ הענעך

ווי לאַנג איז, כ׳בין געקומען?

מאַניע

מיך מיטנעמען צו די מומע גיטעלע?

ר׳ הענעך

קושט איר

אויב די מומע גיטעלע וועט נישט אַרויסקומען אַהער?

ברוך

קומט אַרויס, אַ שלאַנקער יונגערמאַן, מיט אַ בלאָנד צוגעשוירן בערדל,
זיידן פנים, גאָלדענע ברילן

אַ טייערע לופט, דאָ...

ר׳ הענעך

אויסגערוט, שוין?

ברוך

ס׳פענסטער אָפן געשטאַנען, און די אַקאַציע פראָסט פאַרכישופט; אַזוי
געקאָנט אַריינשלאָפן ביז אין די האַלבע נאַכט...

ר׳ הענעך

גאָרנישט געוועזן אָנגעוואוירן...

ברוך

שמייכלענדיק

אַ, דער האָז...

ר׳ הענעך

ער דיר שולדיק?

ברוך

אים דאָס אַוועקגעהרגעט מיטן שאָס!

ר׳ הענעך

און דיך אויפגעוועקט, אַ ?... אים באַרירט עס גאָרנישט...

ברוך

איגנאָשן ?

ר׳הענעך

טרייבט זיך אַלצאיינס, ווי פריער אַרום אויפן פערד, — און שיסט האָזן...

קלאַראַ

שטעלט דערוויילן אויף דעם טיש.

ברוך

זיך אומקוקנדיק

ס׳זאָל זיך עפעס דאָ האָבן אומגעביטן ; אויף קיין האָר נישט...

ר׳ הענעך

כ׳געדענק ס׳דאָרף אַ ביסל לענגער, און...

ברוך

אַלץ די אייגענע פעלדער... כאַלופּעס...

ר׳ הענעך

יאָ... נאָר אַנדערע מענטשן...

ברוך

דער וואַלד בלויז אַ קליין ביסעלע שיטערער געוואָרן...

ר׳ הענעך

טאַקע נישט שלעכט געמאַכט ביי אים...

ברוך

שפּאָר פּאָרעמבעס פונם אויסגעהאַקט...

ר׳ הענעך

נעמט זאָגן הויך

אשרי יושבי ביתך...

ברוך

ווי פריער

אַ טייער ביסל לופט, דאָ; טאַקע מקנא צו זיין מיט איר...

ר׳ הענעך

מ׳קאָן אָבער פון די לופט נישט לעבן...

ברוך

אַז מ׳כאַפט זיך אַמאָל אַראָפּ פון שטאָט, שמעקט ס׳דאָרף גאָר אַנדערש...

ר׳ הענעך

אום־הום...

ברוך

נישט זיין אַזוי פאַרוואָלקנט, — געקאָנט אַרויסשיקן מיין ווייב אַ ביסל...

קלאַרא

וואָס מאַכט זי טאַקע, גיטעלע?

ברוך

אויסגעבלייכט, קיין טראָפּן בלוט נישט אין פּנים.

קלאַרא

ביי וועמען ס׳אי פאַרקערט, און ביי מיר פאַרדרייט; איך חלש ווידער אַ ביסל אין שטאָט אַריין צו פאָרן...

ברוך

זומער אין שטאָט, אַ טייערע מציאָה...

קלאַרא

דאָרט אויכעט נישט הימלעך, אַ?...

ב ר ו ך

ס׳נעמט גוט דעם קאָפּ אַראָפּ.

ק ל אַ ר אַ

און דאָ, נישט בעסער.

ב ר ו ך

יאָ; אומעטום דאָס זעלביקע גיהנום...

ק ל אַ ר אַ

אַ שרעק: וואָס ס׳האָט זיך געמאַכט?... ס׳קומט אויף דער נאַכט, קאָן די נשמה אויסגיין...

ר׳ ה ע נ ע ך

יאָ... יאָ...

ק ל אַ ר אַ

מ׳פאַרמאַכט די לאָדנס...

ר׳ ה ע נ ע ך

פאַר דיינע צייטן נישט אָפן געשטאַנען די פענסטער, צו גאַנצע נעכט?

ק ל אַ ר אַ

און די טירן אויף פרעגנטן...

ב ר ו ך

נעברויכט אָנהאַקן פרעגנטן?

ק ל אַ ר אַ

דער הונט טוט אַ ביל, — ליגט מע שוין אויף, און די האָר שטעלן זיך קאַפויר... ס׳האַרץ שטאַרבט אָפּ...

ר׳ ה ע נ ע ך

אַ חידוש?... פויערן, זיי ווערן אָנגערייצט, — ערגער ווי די גזלנים אין וואַלד...

ב ר ו ך

און צוואָס ס׳וועט ברענגען ?...

ר׳ ה ע נ ע ך

שוין דעם טעם נישט איינמאָל געשפּירט; נישט אַליין, — אַנדערע פאַר אונז; נישט דאָ, — ערגעץ אַנדערש; גזרת ת״ח; מגילת אומאן; פאַראַן דורות מער מזלדיקערע, וואָס לעבן זיך אויס, און ווייסן נישט דערפון; און אַזוינע...

ב ר ו ך

וואָס ברויכן אָפּקומען פאַר אַנדערע...

ר׳ ה ע נ ע ך

גלגול חוזר בעולם... ס׳לאָזט דאָ נאָך, און ס׳כאַפּט ערגעץ אַנדערש אָן; אָבער ס׳זאָל אומעטום און אויף איינמאָל אָנכאַפּן, און מיט אַלעם צוציען שטריקל...

ב ר ו ך

לאָ...

ר׳ ה ע נ ע ך

זיך אַליין דערנאָך געברויכט די נעז אָפּצובייסן; און אָן אַ שעיר־לעזאזל, — נישט געקאָנט אויסקומען...

ב ר ו ך

אייביק זיי ברויכן אויסשטיין, וואו וועט מע געמען כוח ?

ר׳ ה ע נ ע ך

וואו מ׳האָט אַלעמאָל גענומען...

ב ר ו ך

נישט אַלעמאָל טאַקע אַזוי פיל געקריגן, מ׳זאָל האָבן ארויס מיט גאַנצע ביינער...

ר׳ הענעך

רייסן טאַקע אַוועק שטיקער... מאַכן לעכער... אָבער יידן בלייבן נאָכדעם מער, — יידן; מער נאָך געשטאַרקט; אָפּגעשראָקן און צוניפגעטוליעט אין אַ קופּקעלע; און הייבט באַלד ווייטער אָן פלאַמען...

ברוך

אַ דור פריער געווען מער געבענטשט, און מנוחה געהאַט...

ר׳ הענעך

יעדער דור האָט זיך זיין מערכה...

ברוך

און שוין...

ר׳ הענעך

ווי לאַנג לעבט דען אַ דור אינגאַנצן?... צוואָנציק יאָר...

ברוך

וויפיל צוואָנציקער יאָרן האָט מע דאָס אינגאַנצן?

ר׳ הענעך

מילא... ווי איז טאַקע צו זיי, און צו זייער געוויין, וואָס מוזן אַוועק־גיין...

קלאַראַ

וועלכע איז לכתחילה אַוועק, — קומט אַרויס אין הינטערגרונט, וואו זי רופט

אַלעק! אַ־לעק!

אַלעק

קומט אַרויס פונם וואַלד

מאַמעלע, דריי זומער־פייגעלעך געכאַפּט...

ברוך

נעמט אים אויף די שויס

ווי פאַרשוויצט ער איז... גראָט אַריין אין איגנאַשן... און וואַקסט אַ גרייטער שלאַכטשיץ...

קלאַראַ

ווישט אים אַרום ס׳פּנימל

ס׳איז גדולה ס׳האָט מיטן ביקסל... נאַ... עס עפּעס... לייג אַריין, און האָבן כּוח אַרומצולויפן...

אָלעק

פאַרצאַפּלט

מאַמעלע, סטאַך וואַרט דאָרט...

קלאַראַ

זאָל ער וואַרטן...

אָלעק

מ׳גייט כאַפּן פיש...

קלאַראַ

אָפּגעשראָקן

ס׳ווערט פינסטער, און ביים וואַסער...

אָלעק

זיי קומען אַרויס פאַרנאַכט... אָנגעגרייט פאַר זיי שלענגלעך... סטאַך, וואו זענען די שלענגלעך?... אָפּ.

ברוך

פאַרשפּילט זייער...

ר׳ הענעך

אַזוי פיל זומער־פייגעלעך, נאָך איין זומער־פייגעלע אַרומפליען...

פּאַכטשאַזש, פּאַכטשאַרקע, וויסקראַביק, — וועלכער האַלט זיך ביי די מוטערס קלייד; זיי טראָגן מיט זיך די קאַנען מילך, ס׳מעלק־שעפּעלע, ס׳מעלק־בענקעלע.

ר׳ הענעך

די גאַנצע משפחה אויף אַמאָל.

פ אַ כ ט ש אַ ז ש

מ׳גייט פון די מעלך, און מיינע מיך נישט אָפּגעלאָזט: נאָר מ׳זאָל אַרײַנגיין; און רק ווי מ׳גייט און שטייט, — מיט די קאַנען, מיטן מעלך־בענקעלע, און מיטן מעלך־שעפּעלע...

ר׳ ה ע נ ע ך

אַזאַ נייטיקע זאַך?

פ אַ כ ט ש ז אַ ר ז ש

נעכטן נישט געגאַנגען, אייערנעכטן נישט געגאַנגען, וויפיל כוח האָט דאָס אַ מאַנסביל אײַנגאַנצן, ר׳זאָל זיך קאָנען אַקעגנשטעלן אַ יידענע, — אַז זי שפּאַרט זיך אויף אים אָן?

ר׳ ה ע נ ע ך

אַן אומגליק מיט אַ בהמה?

פ אַ כ ט ש אַ ר ק ע

חלילה!

פ אַ כ ט ש אַ ז ש

וואָרן, כ׳ווייס ווי מ׳הייבט אָן? אין סידורל מישט מע גלייך אויף, און דאָ?... אָפּגעווען פּאַכטשאַזש אַזוי פיל יאָרן... נאָך פּאַר ר׳ גבריאלן...

ר׳ ה ע נ ע ך

דערשלאָגן

מ׳ברויך מיר שוין מער נישט זאָגן... כ׳ווייס שוין... כ׳ווייס...

פ אַ כ ט ש אַ ז ש

מיך דאָרט אַרומקוקן און נישט זען: נישט די קאַנען, נישט דאָס בענקעלע, ס׳שעפּעלע, די שוואַרצע בהמה... די רויטע בהמה... און ס׳קעלבל... כ׳וועל וויסן: ס׳איז אונטערגעוואַקסן, און געוואָרן דערפון אַ יאַלעווקע...

פ אַ כ ט ש אַ ר ק ע

ער רעדט?... דער פּאַכטשאַזש רעדט... דער הויף... די פעלדער... די שטאַלן קי...

ק ל אַ ר אַ

איר פֿאָרט ערגעץ אַוועק ?

פ אַ כ ט ש אַ ר ק ע

קיין אַמעריקע, בעלעבאָסטעשי.

פ אַ כ ט ש אַ ז ש

דאָ, נישט אַזוי גיך אויפגעהויבן, די יאַלעווקע מיך שוין געוואוסט צו רופן : מ-מ-מ-ע-ע !... ס׳קעלבל נאָך מיר געמעקעט... און דאָרט, ווער וועט מיך דאָרט רופן ?... און צו וועמען מיך ברויכן אויפהייבן ?...

פ אַ כ ט ש אַ ר ק ע

אין אַמעריקע, מיינט ער : זענען נישטאָ קיין בהמות ? ס׳פעלן דאָרט אָקסן ?

ר ׳ ה ע נ ע ך

יאָ... יאָ...

פ אַ כ ט ש אַ ר ק ע

אַלע קינדער דאָרט, און צו וועמען ער וועט זיך אויפהייבן, אַ ?... יעדער בריוו איז אויסגעווייקט אין טרערן... בלויז געלע פלעקן... מאָלט אייך, קינדער... דאָס האָט שוין דאָרטן פיצלעך, און ווער נעמט עס אויף די האַנט ?... פרעג איך אים : ס׳אַר טאַטע-מאַמע זענען מיר ?... אַז אַריינ-לייגן דערין ברויך מע בלויז זיבעצן טאָג אין ים... און דער שטיק תם : „ר׳וועט נישט קאָנען לעבן אָן די בהמות !“... אָן די קינדער יאָ, און אָן די בהמות, — נישט !... אַ ?... דער טאַטע זיינער דאָ פאַכטשאַזש געווען, און אים, צו לענגערע יאָר, דאָ פאַכטשאַזש געשטאָרבן...

פ אַ כ ט ש אַ ז ש

און כ׳וואָלט איר נישט געהאָרכט... און נישט די קינדער אויכעט... כ׳וויס : ווי גוט ס׳אי צו לעבן אויף קינדערס קעסט... דאָ האָב איך מיר מיין האַרט שטיקל ברויט... נאָר אַז די פויערן זאָלן מיר נישט אָנטון צום טויט... כ׳קום אַנומלט אַריין צו מיטעקן, מאַכט ער צו מיר : „וואַרט, וואַרט, — זיך שוין לאַנג נישט כאָווען דאָ... פאַר אייך אָנגעגרייט...“

אַ ל ע

גיבן זיך אַ כאַפּ

וויַ?

ג ב ר י א ל

קומט אָן, געפירט פון שרהלען

שרהלע, וואָס האָט מע דאָ געשריגן?...

ש ר ה ל ע

כ'ווייס, וואָס מ'האָט דאָ געשריגן?...

ג ב ר י א ל

און אַזוי פיל שרעק אין דעם געוועזן?

ר' ה ע נ ע ך

נישט פאַר דיין עלטער, טאַטע; ס'ברויך דיך נישט אָנגיין...

ג ב ר י א ל

זעצט זיך אַראָפּ אויף אַ פּיען

יאָ... יאָ... אַלע נאַכט, אַז כ'לייג אַוועק דעם קאָפּ, הער איך רופן:
„גברי-אל? גב-רי-אל!"

מ אַ נ י ע

לאָזט זיך אַראָפּ געבן אים

ווער רופט, זיידעלע, ווער?

ג ב ר י א ל

אַ קול פון הימל רופט...

מ אַ נ י ע

וואָס איז ס'רופן, זיידעלע?

ג ב ר י א ל

כ'זאָל מיך אומקערן אַהיים...

מאַניע

פאַרוואָס, זיידעלע, פאַרוואָס ?

גבריאל

ווייל, ס׳אַ אַנדערער דור דאָ אָנגעקומען...

ברוך

און אַ שלעכטער...

ר׳ הענעך

אלה מה, לייקענען ?

גבריאל

און איך בין נישט מער פאַר אים...

ר׳ הענעך

קיינער נישט פאַר אים...

גבריאל

יענער דור, מיינער, — רוט זיך שוין אָפּ פון אַ גוטע מינוט, און איך דריי מיך נאָך אַלץ דאָ אַרום ?... צוואָס ?... אַז כ׳האָב דאָ קיינעם נישט מער פון מיינס גלייכן !... דאָ בין איך איבעריק, און דאָרט וויל מע מיך האָבן...

ר׳ הענעך

דער טאַטע דאָך אַ ברכה, מאה ועשרים...

גבריאל

הונדערט שוין אויפגעקליבן ; הונדערט יאָר, ריינע, געשליפענע...

ר׳ הענעך

אָן סקאַזעס...

גבריאל

און צום סוף זיי מיר פאַרשוואַרצן ?... צוואָס פאַרמיאוסן דעם סוף פון אַ שיין לעבן ?...

א י ג נ אַ ש

זײַן קול אין הינטערגרונט, העפטיק

וואָס שטייען זיי ווי די קעלבער ?... ס׳וואַסער איז דאָרט טיף...

א טומל בײם טיש.

ק ל אַ ר אַ

מיט באַנומענע קולות

אָ-ל-ע-ק !

ב ר ו ך

פֿאַרבראָכן

אַרײַנגעפֿאַלן ?

א י ג נ אַ ש

ווי פֿריער

ב׳נעם אים גלײַך אַרויס...

ג ב ר י א ל

אויף די פֿיס

וואָס טוט זיך דאָ? פֿאַרוואָס זאָל מיך מער נישט ברויכן אָנגיין, און אַלץ פֿאַר מיר באַהאַלטן?...

פֿ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אקט

די ווירטשאַפטליכע שטוב פונם הויף. אַ טישל, אַרומגעצוימט, — אויף וועלכן ס'שטייט שרייבגעצייג און סליגן ביכער.

אַרום, אין די ווינקלען, — אַראָפּגעדרייטע רעדער פון וועגן, געשפּאַנען טיילן פון אַקער-אייזנס, דרעש-מאַשינען, סערפּן, קאָסעס.

א י ג נ אַ ש

(אָנגעטון אין אַ גראָע בלאָזע, זיצט ביים קאַנטאָר־טיש, מישט ביכער.)

י אַ נ ו ש

(וועלכער שטייט האַלב אַרויסגעבויגן דורכן אָפענעם פענסטער, קערט זיך אום)

איגנאַש, ווען ברויך דער טאַטע קומען?

א י ג נ אַ ש

ווען קומט דער צוג?

י אַ נ ו ש

אַזוי ווי ס׳ווערט נאַכט.

א י ג נ אַ ש

ס׳ווערט דאָך נישט נאַכט אַלעמאָל, גלייך.

י אַ נ ו ש

ווי שפעט איז אַצינד?

א י ג נ אַ ש

אַ שעה ווי ס׳אי נאַכט געוואָרן.

י אַ נ ו ש

ס׳ווערט דאָך נישט אַלעמאָל גלייך, נאַכט.

א י ג נ אַ ש

שוין געהערט די וועגעלעך צוריקגיין פון די סטאַציע?

י אַ נ ו ש

ניין.

א י ג נ אַ ש

דער צוג נאָך נישט געמוזט קומען.

י אַ נ ו ש

צו איטלעכן צוג גייען זיי דען אַראָפ?

א י ג נ אַ ש

איינס, אַלעמאָל.

י אַ נ ו ש

און דאָס איינע זיך געקאָנט אַדורכגליטשן, כ׳זאָל נישט הערן.

א י ג נ אַ ש

שטייסט דאָך ביים פענסטער, און היטסט...

י אַ נ ו ש

נישטאָ קיין אַנדערער וועג?

א י ג נ אַ ש

אַ שלעכטער... בלויז זאַמדן... געדויערט צוויי מאָל אַזוי לאַנג, און ברויכן אויף אים דערהרגענען די פערד...

י אַ נ ו ש

אָבער אין וואַלד ביינאַכט... מ׳קאָן זיין איינגעשטעלט...

א י ג נ אַ ש

נאָך אַ ביסל איבערוואַרטן, און זען...

י אַ נ ו ש

ביסט זיכער, אַז ער קומט איצט?

א י ג נ אַ ש

נישט איינגאַנצן; ער זאָל לענגער פאַרבלייבן, — אַוודאי געלאָזט וויסן...

י אַ נ ו ש

וויפיל איז פון דער סטאַציע, אַהער?

א י ג נ אַ ש

וויפל מאָל ער איז שוין געפאָרן, געגאַנגען צופוס, און וויל דאָס ערשט ביי מיר אַצינד דערגיין?...

י אַ נ ו ש

קיינמאָל נישט איינגעפאַלן נאָכצוקוקן...

א י ג נ אַ ש

קאַרגע זיבן וויאָרשט...

י אַ נ ו ש

נישט קיין גאַנצער מייל.

א י ג נ אַ ש

פיר וואָכן פאַר אַ חודש...

י אַ נ ו ש

ווי לאַנג ברויך געדויערן, אַז מ׳זאָל צופאָרן?

א י ג נ אַ ש

כמעט אַ שעה.

י אַ נ ו ש

און, אַז מ׳זאָל גיין צופוס?

א י ג נ אַ ש

זיך גענומען צו מיר, און שוין באַלד פאַרמאַטערט...

י אַ נ ו ש

נישט אויסגעמאַכט: ס׳זאָל אים ווער אַנטקעגן אַרויסגיין...

א י ג נ אַ ש

שווייגט.

י אַ נ ו ש

צוואָס איז דער טאַטע אַצינד געפאָרן קיין וואַרשע?

א י ג נ אַ ש

אַליין דאָס אויכעט געוואָלט וויסן.

י אַ נ ו ש

ס׳פאָרן זיינס געפעלט מיר נישט.

א י ג נ אַ ש

מיט דיר עפעס גערעדט?

י אַ נ ו ש

און מיט דיר?

א י ג נ אַ ש

מיט אַ האַלב מויל.

י אַ נ ו ש

דו ביסט דאָך אין אַלע ווינקעלעך פונם הויף, און ווייסט איטלעכעס מאָל צוליב וואָס ער פאָרט...

א י ג נ אַ ש

ס׳זאָל זיין: איבער די „פּאַסעוויסקי", און אויסצוגלייכן די אַקטן פון די לעצטע פּאַרצילאַציע...

י אַ נ ו ש

און איך האָב געהערט: ווייל ברוך האָט צוגעמאַכט ס׳געשעפט...

א י ג נ אַ ש

כ׳מיין: אַז ביידע נישט...

י אַ נ ו ש

נאַר, וואָס דען?

א י ג נ אַ ש

באַשטאַטן ס׳דאַרף...

י אַ נ ו ש

וועלן מאַכן דערפון אַ סוד?

א י ג נ אַ ש

קריגט נאָך דערווייל נישט קיין קונה אויף די מינוט, וואָס זאָל אים שטופּן ס׳געלט אין די האַנט אַריין; האַלטן דערביי, אַוודאַי פריער איבער־רעדן מיט אַלע...

י אַ נ ו ש

זי האָט איצט איבער אים די גאַנצע דעה...

אִ י ג נ אַ ש

איר אויכעט קנאַפּ צו פֿאַרדענקען...

י אַ נ ו ש

אָפּגעמיאוסט געוואָרן ס'דאָרף, און עסט זיך דאָ אויף אַ לעבעדיקע...

אִ י ג נ אַ ש

אין שטאָט איר בעסער שמעקן?... ווילן נישט דאָ גיין אַרבעטן, ווייל דער הויף איז אַ יידישער; און דאָרט ברוך צוגעמאַכט ס'געשעפט, ווייל ס'אויף אַ גוישע גאַס, — און קיין הונט נישט געוואָלט צו אים אַריינשמעקן...

י אַ נ ו ש

נישטאָ באַלד אויף וואָס איינצוטוישן...

אִ י ג נ אַ ש

אַ שטאָט, און ס'זעט זיך אַזוי נישט אָן... אַ סך יידן אינאיינעם...

י אַ נ ו ש

פֿאַנעוועט שוין צופיל אַרום איבערן פּיצל קינד...

אִ י ג נ אַ ש

איר געגנוג ווי און ווינד...

י אַ נ ו ש

ברויכן אַריינזעצן ערגעץ אין אַ הויז, אויף אַ גאַס; אַריינשפּאַרן פֿון דער אָפֿענער וועלט, — אין אַ שטוב, אַ גרוב; און אַלץ איר צוליב...

ק ל אַ ר אַ

קומט אַריין

אָפּן אומעטום... די שטאַלן אויפגעפּראַלט...

אִ י ג נ אַ ש

ערשט נאַכט געוואָרן...

י אַ נ ו ש

מ׳זעט נאָך די שטיקער טאָג אויפן הימל, אַרומשווימען...

ק ל אַ ר אַ

געווען ווער ביי די שטאַלן?

א י ג נ אַ ש

וואָס דען?

ק ל אַ ר אַ

געהאַט אַראָפּגעלאָזט אינעווייניק נ׳קאָפּ, און צוגעהאַלטן די אויגן, איז
מיר נאָר אויסגעקומען: ווי ס׳וואָלט זיך עמעץ געדרייט...

י אַ נ ו ש

קיינער נישט אַזוי פרי אונטערשטעלן...

ק ל אַ ר אַ

כ׳ווייס?... מ׳ברויך מער זיין אָפּגעהיטן: מיט וואָס מ׳גייט אַריין, ווי
מיט וואָס מ׳גייט אַרויס?... איבער אַ נאַכט, און מ׳זאָל ברויכן אַוועק־
גיין איבער די הייזער. אָפּ.

א י ג נ אַ ש

גיט אַ נעם אַראָפּ די ביקס פון וואַנט

מיך באַלד אַרויסגיין אומקוקן...

י אַ נ ו ש

איר באָסט!

א י ג נ אַ ש

האַרץ, מיינסטו...

י אַ נ ו ש

ס׳רייסט זיך דאָ אָפּ...

א י ג נ אַ ש

אַז זי האָט ס׳קינד נישט...

קלאַראַ

אין טיר, ווידער

איר גייט היינט ביינאַכט אַרויס, היטן?

איגנאַש

נאָר אַזוי לאָזן דעם הויף?

קלאַראַ

אפשר אַריבערגעכאַפּט צו דער באַן, אַז איר האָט שוין די ביקס אין האַנט?

איגנאַש

דער טאַטע זיך אָן איר דערשלאָגן אַהיים...

קלאַראַ

כ׳קאָן נישט איינרועדן וואָס ער איז נאָך נישטאָ...

יאַנוש

איך, אויכעט נישט...

גבריאל

מ׳הערט אים אָנקומען, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן הינטער די וואַנט, — פאַר־ ריסן דעם קאָפּ

שרה־לע!

יאַנוש

זי איז נישטאָ, זיידע!

גבריאל

ציטערט איינגאַנצן

וואו איז זי?

יאַנוש

אין די שטאַל, ביי די מעלק.

ג ב ר י א ל

ווי פריער

דופט מיר מיינע שוואַלבן, די אייניקלעך; ווי לאַנג כ׳שטיי נאָך אויף די פיס, וויל איך זיי האָבן נעבן זיך...

א י ג נ אַ ש

פאַרנעמט זיך

זיי באַלד אַריינשיקן.

ג ב ר י א ל

ניׅשט אַליין, נאָר מיט זיי אינאיינעם אַריינקומען...

י אַ נ ו ש

איגנאַשן

זיך גוט אַרומקיקן; ניׅשט בלויז איר, נאָר פאַר מיר זיך אויכעט גע־דרייט אַ לאַמטער, און אַ פלעמל געריײצט...

ג ב ר י א ל

ווער האָט זיך געדרייט, יאַנוש?

י אַ נ ו ש

עמעץ מיט אַן אָנגעצונדענע לאַמטער.

ג ב ר י א ל

און ס׳אי ניׅשט ווער געגאַנגען זען, ווער?

י אַ נ ו ש

ווייניק לאַמטערן ווערן אָנגעצונדן איבער אַ נאַכט אויפן הויף, און לעשן זיך אויס?...

ג ב ר י א ל

ווידער אומרואיק

קלאַראַ! וואו איז קלאַראַ?...

יאַנוש

ערגעץ אין הויז; וואָס ברויך איר דער זיידע?

גבריאל

כ׳וויל וויסן, וואָס ס׳אי געווען מיטן קינד?

יאַנוש

וואָס ס׳אי געווען, — מער נישט זיין; צוויי מאָל קאָן עס מיט איין מענטש נישט טרעפן...

גבריאל

פון וואַנעט האָט זיך עס גענומען, מ׳זאָל לאָזן אַ קליין פּיצל קינד אומקומען?...

יאַנוש

נישט בלויז, ס׳קינד; נאָר ביי יעדן איינעם ס׳זאָל טרעפן, — זיך געפּאַטשט אין בויך אַריין...

גבריאל

זינקט

און איך האָב מיר איינגערעדט: ס׳אַלטע פּוילן לעבט...

יאַנוש

קיינער נישט געוואָלט אויף די עלטער, פאַרטרייבן דעם שיינעם חלום פון די יונגע יאָרן...

גבריאל

און מיך לאָזן שטאַרבן מיט אים?

יאַנוש

מ׳קאָן אַמאָל, אַוועקנעמענדיק ביי יענעם זיין שיינעם חלום, — אים דערמיט דערהרגענען...

קלאַרא

קומט אַריין, צעטראָגן

אַזוי לאַנג... אַזוי לאַנג... פון אַ גוטע מינוט שוין באַדאַרפט דאָ זיין...

י אַ נ ו ש

די האַנט ביים מויל

ש־ש־ש...

ג ב ר י א ל

כאַפּט זיך אָן

קלאַראַ ?... כ׳קוק דיך שוין אויס מיט ליכט...

ק ל אַ ר אַ

מיט ליכט מיך שוין קיינמאָל נישט אויסקוקן...

ג ב ר י א ל

כ׳וויל וויסן : וואָס ס׳אי געוועזן מיטן קינד ?... זיך אויסגעגליטשט און אַרונטערגעפאַלן, נו ?... קיינער נישט געוועזן און דאָס געזען ?...

ק ל אַ ר אַ

אַלע געוועזן, און אַלע געזען... ס׳דאַרף זיך אויפגעלאָפן, און צוגעקוקט ווי ס׳קומט קאַפּויר, און טאַפּט... טאַפּט... די הענטלעך שטרעקן זיך... ווילן עפּעס אָנכאַפּן... און נאָר באַדאַרפט אַ האַנט דערצו אויסציען... איר בלויז פון ברעג אויסציען...

י אַ נ ו ש

און זיך נישט אויסגעצויגן...

ג ב ר י א ל

זינקט

עס טאַקע נישט געזען... אָבער ס׳לייבעלע געשפּירט... הנאה געהאַט צו גלעטן די ווייכע ביינדעלעך... און הערן אים ווי די בין זשומען...

ק ל אַ ר אַ

שלוכצט אַרויס

וואָס מיר איז צוגעקומען ?...

ש ר ה ל ע

גיט אַ קום אַריין

דער זיידע זיך געפרעגט אויף מיר ?...

גבריאל

וואו ביסטו, קינד?

שרהלע

אין הויף, זיידע.

גבריאל

אַ שעה, ווי כ׳האָב געדאַווענט מנחה אין וואַלד; און אַז כ׳האָב אייך גישט מיט מיר ווען ס׳אי פינסטער אין דרויסן, — נעמט זיך אין מיר וואַרפן ס׳האַרץ, און קלאַפּן... פּלוצלינג וואו איז מרים?...

שרהלע

אין שטאַל ביי די מעלק.

גבריאל

אַלע ביי די מעלק, אין שטאַל?

שרהלע

מוז אויסטרינקען איר גלאָז מילך, וואָס די קו גיט, וואַרימערהייט...

גבריאל

באַאומרואיקט

כ׳וויל האָבן מרימען!... שרייט מרים!... וואו איז מר־ים?...

יאַנוש

אין פענסטער, רופנדיק

מאַנ־יע!

מאַניע

צוקומענדיק

מ׳איז געקומען אַוועקנעמען די קעלבלעך אין שטאָט; און כ׳וויל זיי אַליין איבערציילן, זיידע. אָפּ.

גבריאל

בישט זיין אין דרויסן אַליין, מאַניע.

יאַנוש

דער פּאַכטשאַזש לאָזט פון איר די אויגן נישט אַראָפּ...

גבריאל

זינגט

באַלד מער קיין זיידן נישט; ביז אַצינד נאָך די ברכה געקאָנט חל זיין...

יאַנוש

וואָס וויל מע נאָך פון אויבן?...

גבריאל

נישט מיין וועלט מער; דאָ בין איך איבעריק, און דאָרט וויל מע מיך האָבן... ס'אי זיי פּשיקרע אָן מיר...

יאַנוש

אַזוי לאַנג באַגאַנגען, זיך נאָך אַ ביסל קאָנען באַגיין...

גבריאל

געווען כאָטש ווי ס'אי געווען, נאָך געקאָנט אָנעמען אַ חשק צו וועלן דאָ זיין; אַזוי, איז די ברכה פון רבין געוואָרן אַ קללה... אַ קללה...

שרהלע

וואו וועל איך מיך אַהינטון, אַז דער זיידע וועט אַוועקגיין?... און מיט וועמען דאָ זיין?...

גבריאל

מיט אַלע, אַחוצן זיידן...

שרהלע

און וויסן: כ'האָב אַמאָל אַ טאַטן געהאַט?... אַ מאַמע?...

גבריאל

צוריק מישן פאַר דיר אַ בלאַט?

ש ר ה ל ע

אַמאָל, אין אַ טריבע מינוט, אַז כ׳בלייב אַליין, — לאָז איך אַראָפּ די אויגן צו דער ערד, און האַלט מיך דאָ פאַר אַ פרעמדע ; ס׳קומט מיר אויס, ווי מ׳וואָלט מיך ערגעץ געפינען אין פעלד, און דער זיידע פאַר רחמנות אַהיימגענומען, פאַר זיין קינד אויפגעכאָוועט...

ג ב ר י א ל

חלילה־וחס.

ש ר ה ל ע

און אַצינד, אַז דער זיידע גייט אַוועק...

י אַ נ ו ש

ביטער

גייט נאָך נישט אַוועק...

ש ר ה ל ע

דאָ קיינער נישט מער זיין מיין... אַ ביימעלע אַליין... אַ קליין ווינטעלע בלויז אָנשפאַרן, און עס אומוואַרפן... אין ווען זיך אָנהאַלטן, אַז דער זיידע וועט נישט זיין ?...

ג ב ר י א ל

אין געדעכעניש פון די טאַטע־מאַמע, דיינע...

ש ר ה ל ע

ביי מיר גאָר אַזאַ געדעכעניש נישט געקאָנט בלייבן...

ג ב ר י א ל

אים ביי דיר פון די טיפע טיפן, אַרויסרופן...

ש ר ה ל ע

איך חלש נאָך אים ;
כ׳קום אום
לעבעדיקערהייט
פאַר די ווייטע ווייט,

וואָס בלענדט
און פֿאַרבלענדט
מיט אַזוי פֿיל ליכט,
און מ׳ווערט אויפֿגעריכט
ווי אַ קינד,
צעלאָזן ווי אַ ווינט,
אַ שפּילנדיק שטיק געזונט,
וואָס נעמט זיך איבער מיט זיך אַליין.

ג ב ר י א ל

ווי פֿון געדאַנק אַרויס

אַמאָל אויף די הינטערשטע פֿעלדער געבליבן... פֿאַרנאַכט ראַפּטום צוגע־געפֿאַלן... אַ שווערער נעפּל... און רעגן אויסגעבראָכן... אַ שלאַקס־רעגן די דאָלינע פֿאַרגאָסן...

י אַ נ ו ש

די אַלטע דאָלינע.

ג ב ר י א ל

געוואָרן פֿול מיט וואַסער... אַ ווייסל זיך געטראָגן איבער איר... דאָס קליינע, מאָגערע רינטשקעלע געקריגן אַ בייזן שטערן, וואָס האָט זיך געקנייטשט ווי ביי אַ זקן... און נישט געקאָנט מער קומען... געבליבן אָפּגעשניטן...

ש ר ה ל ע

ווער, זיידעלע?

ג ב ר י א ל

דיין טאַטע.

ש ר ה ל ע

כאַפּט אים אַרום

מיין טאַטע?

גבריאל

שוין געהאַט אָפּגעשניטן ס'היי... אָנגעלייגט אין סטויגן אויף די לאָנקעס... די סטאָדאָלעס געשמעקט און פּאַריסן... און פון פריער נאָך געברויכט אַהיימקומען...

שרהלע

און דערזען אַ ים שווימען...

גבריאל

בין איך אַרויס אונטערן גאָס רעגן; די דונערן זיך אַרום מיר צעפּאַלן ווי קאַשטאַנעס פוןביימער; און גענומען שרייען, — מ'זאָל מיך פון די דאָלינע דערהערן...

יאַנוש

מער ווי דריי וויאָרשט...

גבריאל

און כ'ווייס נישט: ווען מענס קול ס'אי שטאַרקער געווען, ווען מענס קול? ווייל, ס'אי באַלד אָנגעקומען אַ געזאַנג...

שרהלע

פון די דאָלינע?

גבריאל

די שניטערס האָבן געזונגען, און כ'האָב צווישן זייערע קולות, דיין טאַטנס קול דערקענט; עס אויפגעכאַפּט אויפן ווינט, דורך די בליצן...

שרהלע

כ'זע אַ סך מאָל אַ מענטש: אַ הויכן, מיט אַ העלן קאָפּ האָר, — ער האָט זיך ליב אַוועקצושטעלן איבערן בעט, אַז דער הימל איז טריב, אַ רעגנדל פרושעט, און ס'אַזוי שווער פון בעט זיך אויפצוהייבן...

גבריאל

דיין טאַטע.

ש ר ה ל ע

אַזוי טאַקע אויסגעזען ?

ג ב ר י א ל

הויך... שטאַרק... מיט אַ שיינע העלע באָרד... ס׳גאַנצע דאָרף זיך גע־בענטשט אין אים...

ש ר ה ל ע

שוין לאַנג נישטאָ, זיידע ?

ג ב ר י א ל

אין דעם יאָר, וואָס דו ביסט געבוירן געוואָרן, און דעם ערשטן שמייכל געטון...

ש ר ה ל ע

און שוין דעם שמייכל נישט געזען ?

ג ב ר י א ל

נישט דערלעבט צו זען.

ש ר ה ל ע

און מיין מאַמע ?

ג ב ר י א ל

אויף גאַנץ קליין פוילן די שענסטע געוועזן...

ש ר ה ל ע

כ׳בין אַנומעלטן געפאַלן... מיר געוואָרן טונקל פאַר די אויגן... געשפּירט אַ רגע דעם זיידנס טעם... און אויפגעהערט זען... האָט זיך אַוועקגע־שטעלט נעבן מיר אַ פרוי, אַ יונגע, אַ הויכע, און מיר באַנעצט און פייכט געמאַכט די ליפּן...

ג ב ר י א ל

דיין מאַמע.

שרהלע

לאַנג אויך ווי זי איז געשטאָרבן ?

גבריאל

ביי דיר אין בעט ; דיך שווער געטראָגן, און נאָך שווערער געהאַט ; און ווען דו ביסט אויף די וועלט געקומען, — מער נישט געלעבט...

שרהלע

פאַרשטעלט זיך ס'פּנים מיטביידע הענט

מיין שיינע מאַמע...

גבריאל

און נאָך איר טויט, ער אויך אָנגעהויבן טרויעריקער צו ווערן ; פינסטע־רער ס'פּנים ביי אים ; געצאַנקט ווי אַ ליכט, און אויסגעגאַנגען ביים ערשטן שמייכל דיינעם...

שרהלע

אפילו דאָס אים אויכעט נישט געקאָנט צוריק לעבעדיק מאַכן...

גבריאל

און אַצינד, אַז כ'שפּיר מיינע טעג זענען געציילטע... און ווער ווייסט, וואו דיין מזל וועט דיך פאַרטראָגן... איינע אַליין צו זיין... און פרעמ־דע זיך וועלן אויסשטעכן די אויגן מיט דיר : „האָסט קיין טאַטן נישט געהאַט ! דיין מאַמע איז פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די וועגן...״ ביי זיך נישט זיין געפאַלן... ווייל דיין טאַטע איז אין פוילן אַ גרויסער שלאַכטשיץ געווען... און צו דיין מאַמעס שיינקייט קיין גלייכן... אַ גאַנץ דאָרף זיך פאַר זיי געקלאַניעט... אויף די קני געפאַלן...

קלאַראַ

קומט אַריין, זייער אומרואיק

וואָס וועט זיין דער סוף ?

יאַנוש

מיט די האַנט פאַרן מויל

ש־ש־ש...

ק ל אַ ר אַ

מיר פֿאַרמאַכן ס׳מויל, ווייל ער זאָל נישט טאָרן וויסן ?...

ג ב ר י א ל

צעטומלט

וואָס זאָל איך נישט טאָרן וויסן ?

י אַ נ ו ש

וואו איז איגנאַש ?

ש ר ה ל ע

אין פֿענסטער

איגנאַש !

א י ג נ אַ ש

אַרײנקומענדיק

וואָס איז ס׳שרייען ?

ק ל אַ ר אַ

אַרויסגעשיקט אַקעגן די פֿערד ?

א י ג נ אַ ש

יאָ.

ק ל אַ ר אַ

און נאָך אַלץ נישטאָ צוריק ?

א י ג נ אַ ש

ניין.

ק ל אַ ר אַ

וואָס איז ס׳וואַרטן ?

ג ב ר י א ל

ווער ברויך קומען ?

א י ג נ אַ ש

דער טאַטע.

ג ב ר י א ל

אַצינד ?

א י ג נ אַ ש

יאָ.

ג ב ר י א ל

דורכן וואַלד ?

א י ג נ אַ ש

יאָ.

ג ב ר י א ל

ביינאַכט דורכן וואַלד ?

א י ג נ אַ ש

אים אַרויסגעשיקט אַקעגן אַ ביקס אויפן וועג.

ג ב ר י א ל

ווי לאַנג איז, אַז ר׳האָט שוין געבּרויכט דאָ זיין ?

ק ל אַ ר אַ

אַ שעה.

ג ב ר י א ל

און נאָך אַלץ נישטאָ ?

שטיל.

ג ב ר י א ל

קיינער אים נישט אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן ?

שטיל.

ג ב ר י א ל

גיט זיך אַ הייב אונטער

איך אַנטקעגן גיין... און אויב כ׳וועל נאָך באַצייטנס טרעפן, פאַר זיי אַוועקשטעלן : מיך הרגעט !... איך בין שוין אַן אַלט, אַלט פערד ; אויף מיר וואַרט שוין די ערד...

ש ר ה ל ע

כאַפּט אים אַרום

זיידע... זיידע...

א י ג נ אַ ש

גיט אַ נעם צו זיך די ביקס

איך גיי...

ש ר ה ל ע

פאַרביטערט

ניין, איגנאַש; האָבן אַ בייז האַרץ אויף דיר...

ג ב ר י א ל

שאַ... כ'הער ווי מ'בעט אין דרויסן... און מ'קניט אַוודאַי פאַרן צלם אויך... וויפיל מאָל ס'האָט אים שוין אומגעוואָרפן, און אַלץ צוריק געלאָזט אויפשטעלן... רופט עהעי!... כלאָ — — — פּ — — צי!... וואַרט... גאָט פון אייך נישט אַנטלויפן... לאָזט אים אָפּ אַ רגע...

פ ו י ע ר ן

פּאַקן זיך אַריין

צאָ טאַקעגאָ, פּאַניע דזשעדזשיצו?

ג ב ר י א ל

גייט איר אַמאָל צום באַרגל פון פּוילנס אומגעקומענע?... אין זייערע געשלעגן האָב איך געהאַט שטעקן אַ האַנט... און אין די פּאָוסטאַניע מיט זיי געהאַלטן... אַז זיי האָבן זיך אין דעם אַלטן וואַלד אויפגעקליבן, — ביי מיר אויפן הויף פאַר זייערטוועגן תבואה געמאָלן... און אין דעם אייגענעם וואַלד וואַרטן איצט אָפּ מיין קינד, די אייניקלעך זייערע, — און ווילן זיך מיטן אָפּרעכענען דערפאַר...

פ ו י ע ר ן

אומרואיק

— וואו?

— ווער?

— ווען?

א יי נ ע ר

צעבונטעוועט

מ׳גייט אין וואַלד אַריין, זען.

ג ב ר י א ל

אַ שעה ווי ער האָט באַדאַרפט דאָ זיין, און נאָך נישטאָ; ווער האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט, און וויל פונם צונעמען זיין וועלט?...

פ ו י ע ר ן

פאַקן זיך ארויס

מ׳גייט אין וואַלד אַריין, אים ברענגען...

ג ב ר י א ל

מאַט

נאָך, אַפנים, נישט אינגאַנצן קאַליע; די זעלביקע פויערן; אַן אַנדערער בעס ברענט דאָ... אַן אַנדערער... אַ פרעמדער... נישט קיין פוילישער... איך קען פוילן... אָפּ.

ק ל אַ ר אַ

זעצט זיך צום טיש, נעמט מישן אין די ביכער, נאָכקוקן

אויף וואָס האָבן זיי דאָ געוואַרט, די פויערן?...

א י ג נ אַ ש

מ׳זאָל זיי באַצאָלן פאַרן אָפּשניידן ס׳היי.

ק ל אַ ר אַ

און, נישט געהאַט קיין געלט פאַר זיי?

א י ג נ אַ ש

דער טאַטע אוודאי מיט זיך מיטברענגען...

ק ל אַ ר אַ

בענומען און צעטיילט אַ פאַרמעגן; אויף יעדע כאַלופּע קומט געלט.

א י ג נ אַ ש

ס׳אי דאָך נישט קיין ליכווע; אָרימע פויערן, זיי געגעבן אויף צו פאַר־זייען; נאָכן שניט אַלעמאָל געפלעגט צוריק אַריינטראָגן.

ק ל אַ ר אַ

אפילו פון טיילן געלט צווישן פויערן, אויכעט נישט געקאָנט אָפּגעוואוי־נען; און געמוזט נאָכגיין דעם זיידן, אויף זיין פוס. אָפּ.

א י ג נ אַ ש

אליין

הייבט שוין צופיל אָן קריכן אין די ביינער אַריין...

ס׳הערט זיך אַ טרילערן פון אַ פייגעלע.

ב ר אָ נ ק ע

אין פענסטער

אַליין?

א י ג נ אַ ש

כמורנע

אַז דו זעסט, וואָס פרעגסטו?

ב ר אָ נ ק ע

הייסט מיך נישט אריינגיין?

א י ג נ אַ ש

שווייגט.

ב ר אָ נ ק ע

גייסט נישט אַרויס צו מיר?

א י ג נ אַ ש

נעמט איר אַדורך

וואָס טוסטו דאָ?

ב ר אָ נ ק ע

דער טאַטע נישטאָ אויפן דאָרף; עפּעס נייטיק געהאַט צוצופאָרן קיין וואַרשע; אַ זיצונג פון פריצים, כ׳ווייס...

א י ג נ אַ ש

נאָר מ׳האַלט סעסיעס; מ׳טראַכט גוט אין אונז אַריין...

ב ר אָ נ ק ע

ס׳דאַרט זיי דער קאָפּ...

א י ג נ אַ ש

אַליין אַריבערגעקומען?

ב ר אָ נ ק ע

מיטן אַלטן סטעפּאַנעק.

א י ג נ אַ ש

נישט אויספּויקן באַלד אויפן הויף, דערפון?

ב ר אָ נ ק ע

ער שווייגט, ווי דער טאָפּאָל ביים וועג.

א י ג נ אַ ש

אויב ס׳פייער איז נישט געגנוג גרויס נאָך, — עס ערשט דורך דיר צע־בלאָזן; דיין טאַטע זאָל עפּעס דערגיין, — דער טויט פאַר מיר זיין צו־ווינציק און קליין...

ב ר אָ נ ק ע

און דו שרעקסט דיך אָפּ פאַר אים?

א י ג נ אַ ש

ניין... ווען כ׳בין געווען איגנאַש, וואָס האָט געשאָסן האָזן, אַרומגעטריבן אויפן פערד, און ס׳דאָרף, — נישט קיין הינער־שטייג, נאָר אַ פעלד, אויף וועלכן ס׳זינגען סקאָווראָנעס, ס׳ווייבען סאָוועס, און ס׳שניפן האָזן...

ב ר אָ נ ק ע

און אַצינד ?

א י ג נ אַ ש

איז די ביקס פּאַראָסט... און אַז כ'זיץ אין שטוב... אין טאַטנס שטוב... און ברויך שטיין פאַר די ווענט, זען קעפּ מיט ווייסע בערד, אַזוינע ווי דער זיידע האָט, פרעג איך: „וואָס זענען די ווייסע קעפּ ?"... זאָגט מע מיר: „יידן!"... קלער איך: „אַז מ'ברויך זיך אפשר אויכעט לאָזן וואַקסן אַזאַ ווייסע באָרד, און ווערן אַ ייד..."

ב ר אָ נ ק ע

מיט אַזאַ ווייסע באָרד ?

א י ג נ אַ ש

אַז כ'האָב געהאַט ס'מערד, דאָס גרויסע דאָרף, — עפּעס די ווייסע קעפּ ווי נישט געזען, קיינמאָל נישט אויסגעקומען פאַר זיי זיך אָפּצושטעלן, און עפּעס ווערן... ס'פעלד מיך איינגאַנצן געהאַט, געווען דעם פעלדס, און ביים פעלד געבליבן...

ב ר אָ נ ק ע

און זיי דיך דערפון פאַרטריבן ?

א י ג נ אַ ש

כ'פלעג אַריין אין שטוב, אַזוי ווילד ווי נאָך די פּאַלאָוואַניעס, און מיר זיך אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן, — איז פון זיי גאָר אַרויסגעקומען אַ העלער בלאָנד-קאָפּ...

ב ר אָ נ ק ע

מייַנער ?

א י ג נ אַ ש

און איינגעשלאָפן איבער אים ווי דערהרגעט; דער בלאָנדער קאָפּ פאַר מיר געשוועבט, און אַוודאי קיינמאָל נישט געקאָנט אָפּרייסן פונם, אַוועק

נעמען „שלוב" אין קאָסטשאָל; אַרומגעריטן אינאײנעם צווישן ביידע הויפן; מײַן הויף, דײַנער, — קיינמאָל צווישן זיי קיין חילוק נישט געווען; דו האָסט ליב ס'פעלד מיט די ביקס... איך האָב ליב ס'פעלד מיט די ביקס... ביידע, אַלאײנס ליב זיך אַרומצוטרײַבן אויפן פערד, און שיסן האָזן... קוויקן דערמיט וואָס זיי וואַלגערן זיך אויף די וועגן... ביי הירשן די הערנער אויסגעטון... און רויטע פוקסן געוואָרן גראָ נאָך פון ווייטן, פאַר אונזער רייטן...

ב ר אָ נ ק ע

און אַצינד, טאָפּאָל מײַנער?...

א י ג נ אַ ש

מיר צוגענומען ס'פעלד פון אונטער די פיס, און געלאָזט מיטן טאַטנס שטוב... זיץ איך צווישן די הינעודיקע ווענט, און ס'קוקן אויף מיר די קעפ, גרויסע קעפּ מיט ווייסע זילבערנע בערד; און אַז ס'קומט מיר אָן די מינוט, וואָס מ'ברויך אַרויסרײַטן אויפן פערד, זיך צעפּראַלן איבערן פעלד, און האָב ס'פעלד נישט, — ווערן מיר די קעפּ נעענטער; ווי זיי וואָלטן אַרויס פון די רעמען, אַרום מיר אַרומגעשטעלט, און מיט געוואַלט צוריק אַריין אין זייער וועלט...

ב ר אָ נ ק ע

און מײַנע?

א י ג נ אַ ש

איז נאָך ווײַניקער מײַן; כ'מוז איר אַרומגיין היטן ביינאַכט מיט אַ ביקס אין האַנט, — אַז כ'זאָל דורך איר מיט אַלעם נישט ווערן אויסגעריסן; פאַר איר היטן, כ'זאָל דאָס אויך נישט פאַרשפּילן; און גאַנצע נעכט וואָלגערן איבער זיך... שלאָפן אין די שיך... מיט איין אויג אָפן... אויפכאַפּן, און אָנטאַפּן גלייך די וואָפן...

ב ר אָ נ ק ע

אַזוי זעען אויס דײַנע נעכט?

אי גנאַש

און די טעג? געדענקסט זיי נאָך ביים שמאָלן וועג? ווען כ׳האָב דיך אָפּגעוואַרט אויף די באַגראָזטע לאָנקעס? צווישן די סטויגן פּריש אָפּגעשניטן היי? אין די קאָרנפעלדער? אָדער אַקעגנגעלאָזט זיך אויף אַ שלאַקס רעגן, אַז דו האָסט פאַרזוימט צו קומען, — די דונערן האָבן אויסגעהוילט די ביימער; דער הימל זיך געשפּאָלטן פון די בליצן? ס׳וואַסערל פון די רינשטשקע בייזער געווען ווי די ווייסל אין וויאָסנע...

בראָנקע

יענע טעג און נעכט...

אי גנאַש

און פון דער שיינקייט אַוועק אין שטאָט; איבערזעצן דעם בוים, וואָס האָט אַזוי שיין זיך דאָ צעוואַקסן, — צווישן מאָגערע ביימלעך ערגעץ אויף אַ גאַס, פאַרן פּנים פון צוויי לאַנגע שורות הייזער... אָן הימל... אָן זון... אָן לופט... און ברויכן שטיין אין קורזש... כּסדר חלשן און וועלן אויסגיין...

בראָנקע

מיין טאַטנס הויף איז שטענדיק פאַר דיר אָפן... אַריינקומען, וועט אויף דיר אַ ווייע טון דער אַראָמאַט פון אַלט-פּוילישן יחוס, ווי טייערער פּאַרפום; מיין טאַטע איז אַ פּוילישער שלאַכטשיץ; זיין שרייענדיק בלוט לאָזט זיך הערן ווי דער וואַלד, ווען דער ווינט קערט וועלטן אין אים; און אויב איך ברענג מיך פאַר דיר אום, — וועט ער ווערן שטום, און זיך צוימען, אויפהערן שוימען...

אי גנאַש

איך וועל מיך הינטער דיין טאַטנס שלאַכטעסקע פּאָלע, נישט גיין באַהאַלטן און אויפבריען?...

בראָנקע

דיך שטענדיק קאָנען אָפּרוען ביי מיר; אַוועקלייגן דיין שיינעם קאָפּ אויף מיינע קני, און פאַרציען די אויגן ווי אַ טויב; מיר צוקאָפּנס הענגט דער „אַבראַז" פון די הייליקע מאַריא; אויפן בעט איז אויסגענייט אַ

לאַנגער, ווייסער, זילבערנער קזשיזש, — וועסט צעלייגן דיינע הענט איבער זיינע פליגל, און יעזוס לעבעדיק ווערן אונטער דיר, אָנהייבן אָטעמען פון דיר...

א י ג נ אַ ש

און אַז די ווייסע קעפּ מיט די זילבערנע בערד, וועלן אַרויס פון די רעמען ?...

ב ר אָ נ ק ע

דיך אין מיין טאַטנס שטוב מיט זיינע קעפּ, אויכעט נישט האָבן צו פּאַר־שעמען ; מאַטעיקאָ, קאָשציושקאָ, — אין דיר נאָך מער צעברייטערן די ליבשאַפט צו דער ערד, און ס׳פעלד נאָכאַמאָל אַזוי גרויס זיין און ברייט ; דיין פערד שפּריצן מיט שוים צווישן די בייטן, בלאָזן מיט פונקען אין וואַלד, און אָנצינדן די בלעטער...

א י ג נ אַ ש

כ׳זאָל זיי אַלע אַוועקלאָזן,
און דאָ זיין, אַליין, —
ווי וועט מיר דער וואַלד, איינגיין ?
און ס׳ברייטע פעלד, באַשטיין ?
דאָך אויסקרענקען די האָזן,
און די חנעוודיקע הירשן, —
נישט באַקומען די שיינע קאַרשן,
זיין איבעריק דער ווינט,
און ס׳ראָד פון די מיל
אייביק זיין שטיל...

ב ר אָ נ ק ע

ווילסטו אויך מיט זיי אַוועק ?

א י ג נ אַ ש

אַז מ׳וועט מוזן, און קיין אַנדערע ברירה נישט האָבן ?

ב ר אָ נ ק ע

און קאָנען פאַרגעסן אין יענע הייסע, בלוט־הייסע נעכט, — ווען די שטערן זענען געפאַלן איבער אונזערע קעפּ ?... אָ־האָ ! וואו איז דער ווינט, וואָס האָט געלאָשן די באַקן פון דיין רויט פּנים ? די ווינטן, וועלכע האָבן אונז געטראָגן מיטן פערד, די שוואַרצע קאָלענדעס איבערן ווייסן שניי, און דערציילט פון רויטע קוזשניעס ? פון קאָוואַלעס מיט שוואַרצע בלאָז־זעק, און ווייסע ציין ווי עלפענביין...

א י ג נ אַ ש

טריב

צערונען ווי אַ חלום.

ב ר אָ נ ק ע

און גיין צוליגן מיט אַ ווייכע, צעקראָכענע יידישע ריווקע, וואָס האָט מורא צו שלאָפן אַליין אין דער פינסטער, און קוקן אין הימל אַריין, צי ס׳בליצט ?...

א י ג נ אַ ש

שווייגט.

ב ר אָ נ ק ע

ווי פריער

די נאַכט היצט.
קום דיך אַרויס אָפּפרישן.
כ׳וועל דיר אויסקושן
דעם קאָפּ, —
רייטנדיק אויפן פערד ;
פלי דיך מיט מיר אַדורך,
ווי ס׳געריש פון אַ בלעטל,
וואָס פאַלט צו דער ערד
אָן אַ שאָרך.

אָפּ מיט אים.

א גערויש אויפן הויף. ס׳הערט זיך דאָס אַריינפאָרן פון אַ וואָגן, עס קומט דערנאָך אַריין : ברוך, גיטעלע, ר׳ העניך, — זומערדיק אָנגעטון.

ק ל אַ ר אַ

קומט זיי אַנטקעגן פון שטוב, און צעקושט זיך מיט גיטעלען

סקאַנדאַל קומט! אַ גאַסט!

ג י ט ע ל ע

נישט געקאָנט זיך לענגער דערהאַלטן; זיי געזען פאָרן, — אויכעט גע- מוזט מיטקומען...

ב ר ו ך

אַ וואָך דערנאָך, אויך נישט צו שפעט מנחם אבל צו זיין.

ג י ט ע ל ע

אַזאַ אומגליק! אַזאַ חורבן! כאָטש, אויפן אייגענעם בעט געווען געשטאָרבן

ב ר ו ך

דאָס איז נאָך ערגער פון שלעכטע געשעפטן...

ק ל אַ ר אַ

פאַרוויינט

אַ שטיק האַרץ מיר מיט אים, אַרויסגעריסן.

ג י ט ע ל ע

אַזאַ ליכטיק קינד...

ב ר ו ך

די ערד נעמט תמיד צו ס׳בעסטע חלק.

ר׳ ה ע נ ע ך

דערלאָזט נישט

עפעס שטיין געבליבן, און מ׳רירט זיך נישט פונם אָרט? נאָך היינט אין זייער מויל נישט גענומען...

ק ל אַ ר אַ

די שטוב באַוועגט זיך אינעווייניק מיט עסן.

ג י ט ע ל ע

ווייניק מיטגעהאַט אויפן וועג, שווער?

ר׳ ה ע נ ע ך

יאָ; מ׳קאָן טאַקע זיין זאַט פון די נאַשערייען.

גיטעלע, ברוך, קלאַרא, — אַפּ אין די אַנדערע שטוב.

ר׳ ה ע נ ע ך

פאַרטראַכט

נו... געלויבט, כ׳בין נישט ווערט צו מעלדן, אַז כ׳האָלט שוין אַזוי ווייט... אַוועקגיין בלויז מיט איין נפש וויניקער... זיך אָנגעהויבן מיטן זיידנס זיידן, און ביי מיר זיך האָבן געענדיקט; נאָך מיר שוין קיין יידישער פוס מער ס׳אָרט נישט באַטרעטן... שטעלט זיך קוקן בארוט אין פענטער פון וואַנעט קומט ער דאָס אַזוי צעיאַכמערט, אָנצורייטן?

א י ג נ אַ ש

קומט אריין

עפעס אַזוי שווער צוגעגאַנגען ס׳קומען אַהיים?

ר׳ ה ע נ ע ך

דו ביסט געווען ביים שפּאַנען די בריטשקע?

א י ג נ אַ ש

ניין.

ר׳ ה ע נ ע ך

דער קאַשטאַן, וואָס מ׳האָט אַרויסגעשיקט, ר׳זאָל מיך ברענגען, — לאָמט דאָך.

א י ג נ אַ ש

אין וויאָסנע נאָך אַרויסגעריסן פונם אַקער, און צערעכט געמאַכט אַ פוס...

ר׳ ה ע נ ע ך

און פון אַ גאַנצע שטאַל פערד, נישט געהאַט קיין אַנדערס אויסצוקלויבן ווי אים; ער זאָל מיך ברויכן אַהיימברענגען אויף די דריי פיס זיינע?...

א י ג נ אַ ש

אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ! אַזאַ קלײניקײט, און נישט געקאָנט אויף אים דערמיט פאַרלאָזן...

ר׳ ה ע נ ע ך

אַ טריט, און אָפּגעשטעלט; אַ שלעפּ, און אָפּגערוט: מער אים געפירט צופוס, װי ער מיך, — מיט דער בריטשקע...

א י ג נ אַ ש

און דאָ דערװײל נישט געװאוסט װאָס איבערצוקלערן...

ר׳ ה ע נ ע ך

נישט אַנדערש אויסגעקומען װי אים אַרויפצולײגן אויפן װאָגן, און אַרײנברענגען אַלײן צו שלעפּן...

א י ג נ אַ ש

מיט יענעמס הענט איז גוט פײער צו שאַרן.

ר׳ ה ע נ ע ך

נאָך גוט: ס׳ביסל פויערן איז מיר אַקעגן געקומען, געכאַפּט ס׳פערדל מיט די בריטשקע, און זײ בײדע אין הויף אַרײנגעװאָרפן; װאָס האָסטו זײ דאָ אַזוי שפּעט נאָך געהאַט?...

א י ג נ אַ ש

אומישנע נישט אויסגעצאָלט פאַרן אָפּשנײדן ס׳הײ, ביז דו װעסט קומען...

ר׳ ה ע נ ע ך

עס אינגאַנצן אָפּגעקאָשעט?

א י ג נ אַ ש

נישט געבליבן אװדאי קײן גלעזל אויף אַ לאָנקע, שטײן.

ר׳ ה ע נ ע ך

זײ נישט געבּרויכט װידער אויפצוהאַלטן.

א י ג נ אַ ש

גיט אַ רוף

ע, כלאָ־פּ־צי!

פ ו י ע ר ן

פּאַקן זיך אַריין

— דאָברי וויעטשור!

— דאָברי וויעטשור!

— דאָברי וויעטשור!

א י ג נ אַ ש

זעצט זיך אַרונטער צום טיש

גרייט אָן די צעטעלעך.

פ ו י ע ר ן

אויף דער קופּע, אַרום אים

אַלע, מיט די בלעטעלעך.

נעמען אָפּ זייער געלט, איינציקווייז.

ב ר ו ך

קומט דערווייל אַריין, מיט אַ גלאָז מילך אין האַנט

ער באַצאָלט פאַר די אַרבעט?

ר׳ ה ע נ ע ך

פאַרטיפט

אום־הום...

ב ר ו ך

נאָך יאָ ווער אָפּגעזוכט, וואָס זאָל זיך ווען קומען אויפן הויף מאַכן אַ פּאָר גראָשן?

ר׳ ה ע נ ע ך

בישט ביי אַלע נאָך ס׳שטיקעלע געפּיל געוואָרן אויסגעלאָשן...

קלאַראַ

קומט אַריין

אויף די איינע מינוט, כאָטש אַ גלאָז מילך דעם האַלז אַדורכצושווענקען...

ברוך

ס'איינע: וואָס ס'אי נאָך דאָ צו קריגן, אַ גוט גלאָז מילך.

ר' העניך

באַקומט עס אויכעט נישט.

קלאַראַ

זיך אָפּפּאַרטיקן מיט זיי, און אַריינקומען צום טיש; מ'מאַכט דאָרט צוערעכט עסן פאַר אַלע. אָפּ.

ברוך

נישט אַזעלכע געפּערלעכע זולל-וסובאניקעס...

ר' העניך

טרינקט די מילך

אַזוי געווען פאַרטון, אַז דער קאָפּ האָט מיר נישט אויסגעטראָגן, — דיך עפּעס איבערצופרעגן...

ברוך

נישטאָ וואָס.

ר' העניך

געזוכט אין מיינע ענינים, ווי לאַנג כ'האָב מיך דאָרט אויפגעהאַלטן, — צו דערגרונטעווען; און דיר, ווייל כ'האָב געוואוסט, אַז כ'קאָן מיט גאָרנישט העלפן; און אַז ס'וועט נישט אַוועקפליען, — עס אַלץ אָפּגעלייגט אויף דערנאָך, אַז מ'וועט זיך דאָ אָפּרוען...

ברוך

שוין, ב"ה, נאָך אַלעם.

ר' העניך

צוגעמאַכט?

ב ר ו ך

און ווי דען ?

ר׳ ה ע נ ע ך

און די בעלי־חובות ?

ב ר ו ך

בעלי־חובות.

ר׳ ה ע נ ע ך

דיר שווייגן ?

ב ר ו ך

מילא ; ערגער ווי שלעכט...

ר׳ ה ע נ ע ך

אַ סך שולדיק געבליבן ?

ב ר ו ך

נישט צו פאַרזינדיקן...

ר׳ ה ע נ ע ך

הום.

ב ר ו ך

אַז ס׳האָט אַזוי לאַנג געגוססט ? אַ לאַנגע קרענק, — און עס אויפגעגעסן מיט די קאָפּיטעס...

ר׳ ה ע נ ע ך

און דיין געלט, וואָס דו האָסט געהאַט שטעקן ?...

ב ר ו ך

נישט מער מורנה ווי יענעמס.

ר׳ ה ע נ ע ך

גאָרנישט אַרויסגעראַטעוועט ?

ב ר ו ך

הלוואי, כאָטש געקאָנט אָפּקומען דערמיט בלויז?

ר׳ ה ע נ ע ך

הום.

ב ר ו ך

די בעלי־חובות אַרויף, נאָך איידער מ׳איז דערפון אַרויס.

ר׳ ה ע נ ע ך

פאַרטראַכט

ס׳פאַלט־צו פון אַלע זייטן; אויפן דאָרף און אין שטאָט; קיין שום באַהעלטעניש נישטאָ...

ב ר ו ך

מ׳ווערט אַלט פאַר די צייט, און גראָ...

ר׳ ה ע נ ע ך

נישט מער נאָך וואָס דערוויילי צוריקצופּאָרן?...

ב ר ו ך

דערווייל, נישט.

ר׳ ה ע נ ע ך

פאַרטראַכט

נאָך איידער ס׳אי געוואָרן אויס דאָרף, שוין די קראָם דיינע פאַרלאָפן דעם וועג...

א י ג נ אַ ש

ביים טיש

נישט געבליבן קיינער מער?

פ ו י ע ר ן

נישט קיינער, מער.

א י ג נ אַ ש

אַלע געקריגן אייער געלט ?

פ ו י ע ר ן

אַלע.

א י ג נ אַ ש

זאָגט : אַ גוטע נאַכט.

פ ו י ע ר ן

— דאָברע נאָץ.
— דאָברע נאָץ.
— דאָברע נאָץ.

ר' ה ע נ ע ך

שטייט אויף

ס'אי שפעט, און שטאַרק פינסטער אין דרויסן ; ווער עס וויל, קאָן דאָ בלייבן, און איבערנעכטיקן אין די שטאַלן ; אָרט, פאַר נאָכאַמאָל אַזוי פיל פאַראַן...

אַ פ ו י ע ר

פאַר די פויערן זענען די וועגן פונם דאָרף, נישט פרעמד.

צ ו יי ט ע ר

מ'קאָן זיי אָנטאַפּן בלינדערהייט, און מיט די בלויזע פיס.

ד ר י ט ע ר

דורכן וואַלד, דורכן פעלד, און אַפילו איבערן וואַסער.

אָפּ אַלע.

א י ג נ אַ ש

שאַרט זיך צו

נו ? עפּעס געריכט ?

ר׳ הענעך

אַז מ׳פאָרט באַגראָבן אַ בר-מינן, — באַגראָבט מע אים; מ׳קאָן זיך בלויז אויפהאַלטן אַ שעה מיט אים, נאָך אַ שעה, — אָבער ר׳בלייבט נישט ליגן; קומט סוף-כל-סוף צו קבורה...

איגנאַש

שוין פאַרקויפט ס׳דאָרף?

ר׳ הענעך

נאָך געבליבן הענגען אויף אַ האָר; אָבער טאַקע נישט מער ווי אויף אַ האָר...

איגנאַש

וואָס איז די האָר?

ברוך

אַז: ס׳זאָל אַלץ איבערבלייבן, און גאָרנישט מיטנעמען...

ר׳ הענעך

ס׳הייסט: אַרויס ווי מ׳גייט און שטייט.

איגנאַש

וואָט גיט מע?

ר׳ הענעך

אויף אַ צוקער-שטריקל.

איגנאַש

ס׳דאָרף איז דאָך היינט מער ווערט מיט אַ שיינע פּאָר טויזנטער...

ר׳ הענעך

מ׳ווייסט דאָס...

ברוך

אָבער, אַז ס׳גייט אַזוי?

א י ג נ אַ ש

אַ פּאָר מאָרגעס זאַמד געמיסטיקט, און דאָס יאָר שוין אויף זיי געזייעט ;
די מיל, פּויִשע וואַלצן צוגעקריגן...

ר ׳ ה ע נ ע ך

מ׳ווייסט דאָס ; מ׳ווייסט...

א י ג נ אַ ש

ס׳וואַסערל אויף די דאָלינע געפּלאַנטעוועט, ס׳זאָל נישט אויסגיסן איבער
די לאָנקעס, און ס׳היי פאַרנעמען ; דער אינוועטאַזש רייכער געוואָרן
מיט אַ פּאָר מאַשינען...

ב ר ו ך

מילא...

ר ׳ ה ע נ ע ך

קעלבלעך אונטערגעוואַקסן... לאָשעקלעך...

א י ג נ אַ ש

און אַקערס... געשפּאַנען...

ב ר ו ך

זיך גיין קליגן ?

א י ג נ אַ ש

כאָטש איבערוואַרטן ביז נאָכן שניט, מ׳װעט אַראָפּנעמען פון די פעל-
דער ; דער „שיוו" אַליין ווערט זיין אַ פאַרמעגן...

ר ׳ ה ע נ ע ך

טאַקע דערפאַר אָפּגעלייגט, ביז...

א י ג נ אַ ש

נאָכן נייעם ?

ב ר ו ך

אָדער, זיך איבעררעדן...

ר׳ הענעך

דאָס, און יענץ...

ברוך

קיין עין־הרע, מיט וועמען דאָ צום טיש צו גיין...

ר׳ הענעך

ביי מיר אַלץ פועלן; אָבער, מיט איר?

ברוך

דער גרעסטער צאָרן, נעבעך, געוואָרן אויסגעגאָסן...

ר׳ הענעך

פון פריער

און ס׳האַרץ קאָנען אויפהערן צאַפּלען, און וואַרפן...

ברוך

און נאָך אַזוי לאַנג זיך דאָ דערהאַלטן?

איגנאַש

פאַרדראָסיק

מאַכט שוין אַ ביסל צופיל געוואַלטן...

גבריאל, מאַניע, שרהלע, יאַנוש, — קומען אָן.

מאַניע

מיט אַ גדולה

דער טאַטע שוין געקומען?

יאַנוש

נישט ווייניק געווען אָפּגעשראָקן...

גבריאל

וואָס אי די מיל שטיין געבליבן, און כ׳הער נישט מער ס׳ראָד?

ר׳ הענעך

איך צעבראָכן, טאַטע.

ג ב ר י א ל

ווילסט מיך נאַרן?

ר׳ ה ע נ ע ך

מיר די צונג אָפּדאַרן...

ג ב ר י א ל

פאַרטראַכט

איך ס׳ראָד אָפּגערופן אַהיים; אַ ראָד פון שטיקער העלצער, און זיך אויך אויפגעהערט דרייען...

ב ר ו ך

נישטאָ קיין אייביקע זאַכן...

ר׳ ה ע נ ע ך

ס׳קומט אויף אַלעם אַ צייט.

ג ב ר י א ל

אַזוי ווי דיביימער, אויף וועלכע מ׳האָט געהאָנגען, האָבן דערנאָך אויפגעהערט רעדן מיט זייערע צווייגן און בלעטער; געוואָרן פאַרשטומט, ווי מ׳וואָלט זיי אַרומגעהאַקט; אַזוי איז ס׳ראָד אויך אָפּגעשטאָרבן...

ב ר ו ך

אַלץ נישט מיט קיין נאַטירלעכן טויט, אָבער...

ר׳ ה ע נ ע ך

ווי פריער

איינציקווייז שטאַרבט אַלץ אָפּ, און ס׳בלייבן בלויז די שטומע צלמימלעך אויפן באַרגל, וואָס וועלן נאָך עפּעס וויסן צו דערציילן...

ש ר ה ל ע

און דו, זיידעלע, ווייסט ווייניק צו דערציילן?

ג ב ר י א ל

איך גיי אויכעט אַהיים...

ב ר ו ך

אַלע איינאיינעם באַלד דאָרט זען...

ג ב ר י א ל

אַ ראָד געדרייט... וואָס איז אַ ראָד?... קאַרג מילן מיט רעדער דרייען זיך?... איך האָב אָבער אינם קריצן פון די ציין געהערט ס'רעדן פון יע־נע מענטשן, פאַר וועלכע ס'האָט געמאָלן... און פאַרשטאַנען זיין לשון...

פאַכטשאַזש, פאַכטשאַרקע, וויסקראָביק.

פ אַ כ ט ש אַ ז ש

אַ גוטע נאַכט, געקומען זאָגן.

פ אַ כ ט ש אַ ר ק ע

מ'פאָרט אַוועק.

ר׳ ה ע נ ע ך

שוין?

פ אַ כ ט ש אַ ז ש

שוין אַזוי פיל וואָכן ווי די שיפסקאַרטן ליגן; שיער געוואָרן פון זיי קויל...

פ אַ כ ט ש אַ ז ש

אַ שאָד, האָבן זיך נישט אויסגעלייכט...

פ אַ כ ט ש אַ ר ק ע

דער קלײנער הייבט אָן וויינען ביינאַכט: ער וויל עפּעס... קריך איך אַראָפּ אַריין־וואַרפן אַ פּאָר שייטלעך האָלץ, און פאַרן אָנוואַרימען אַ ביסל וואַסער, מילך... און גיי, ווייס: אַז דאָס אַלטע פערד האָט זיי באַהאַלטן אינם לופט פונם אויוון... פאַרשטעקט פאַר די מייז, זיי זאָלן דאָס נישט פאַרשלעפּן, — און געוועזן אַוועק מיטן רויך...

פ אַ כ ט ש אַ ז ש

אַלץ געקלערט: כ'וועל אָפּשלעפּן נאָך אַ פּאָר טאָג... אַ פּאָר וואָכן... און סטאַך אויפהערן קריצן מיט די ציין... אַנטעק מיר נישט אַריינ־

שרייען יעדן אינדערפרי: „דאָ פּאַלעסטינע!...‟ און אַז זי וועט זיך איינשפּאַרן: זי וויל דורכויס צו די קינדער, איר זאָגן: „פאָר דיר גע־זונטערהייט!...‟ און אַליין: זיך אַוועקזעצן אויף אַ זעקל קאַרטאָפל, אַ בינטל שטרוי, און בלייבן קיטשען... אַ הייפטל קרויט צוקאָפּנס...

פּאַכטשאַרקע

ווייסט נישט: די שיפסקאַרטן גייען אויף די אַנדערע וואָך, שוין אויס?

פּאַכטשאַזש

מיט פאַרטרערטע אויגן

גאָרנישט געקאָנט אַרויסגיין פון שטאַל; ביים מעלקן די רויטע בהמה, די שוואַרצע בהמה, — אויף מיר געקוקט מיט אַזוינע אויגן, ווי די באָ־רע קו אויפן שוחט, ווען מ׳האָט זי געבונדן, און איבער איר אויפגעהויבן דעם חלף; אפילו אַ בהמה, און אויכעט איר שכל... נעבעך געוואוסט, כ׳וועל זיי שוין מער נישט מעלקן... און ווען כ׳בין אַרויס פון שטאַל, זיך צוגעזעגנט: „זייט געזונט, מיינע טייערע בהמות!...‟ אַזוי געמרו־קעט, ווי מ׳וואָלט צו וועלכע גלייך געבריוכט האָבן די הייוון...

קלאַראַ, גיטעלע

קומען ביידע אריין.

קלאַראַ

אַ טיש פון אַלעם גוטן, און זיך דאָ באַזעצט...

מאניע

כאַפּט אַרום

די מומע גיטעלע...

פּאַכטשאַרקע

געקומען זיך נעזעגענען, באַלעבאָסטעשי...

פּאַכטשאַזש

שוין מער ווי די איינע נאַכט אויפן הויף דאָ, נישט נעכטיקן.

פאַכטשאַרקע

באַגינען מענדל חזר קומען אַוועקנעמען מיט די לייבן זיינע.

פאַכטשאַזש

נעבליבן ביי די ליידיקע ווענט; אַפילו ס׳בעטגעוואַנט איינגענייט...

ר׳ העניעך

גיט אים די האַנט

פאָרט לחיים, און וואו ר׳זאָלט נישט זיין...

פאַכטשאַזש

סטאַך אויף מיר נישט קריצן מיט די ציין.

גבריאל

גיט אים די האַנט

בשלום דעם ים אַריבערקומען...

פאַכטשאַרקע

אמן.

ג׳טעלע

און דערלעבן צו טרעפן מיט אייערע קינדער, אין פריידן.

פאַכטשאַרקע

אמן.

קלאַראַ

מיט טרערן

האָבן אַ סך נחת פון זיי...

פאַכטשאַרקע

און אַליין אויכעט אַ בעסער מזל...

פאַכטשאַזש

און אייך, דאָ נישט שווער אָנקומען צו זיין...

פאַכטשאַרקע

אַ גוטע נאַכט... אָפּ.

ר׳ העניך

פאַרטיפט

נישט אומעטום און אויף איינמאָל, שלעכט; ס׳כאַפּט אויף איין אָרט מער, לאָזט עס ערגעץ אַנדערש־וואו נאָך, — אַז ס׳זאָל זיין וואו אַריבערצוגיין...

ברוך

און אַזוי האַלטן אין איין גיין...

גבריאל

פאַרזונקען

ווי לאַנג איז, דער פעטער זיינער האָט דאָ געמאָלקן, און נישט געברויכט צוועק?... נאָר זיך געקאָנט פאַרגינען דאָ אויך צו שטאַרבן?...

ר׳ העניך

יאָ... יאָ...

גבריאל

און ס׳ראָד, ווי לאַנג, אַז ס׳האָט געמאָלן פאַרן וואַלד?... ס׳לעצטע הייפל זיך דאָ אויפגעקליבן, און פון די מאָסקאַלעס געוואָרן געהיטן?... און אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט לענגער דערהיטן, געמוזט צעלויפן וואו די וועלט האָט אַן עק... איז געקומען, געדענק איך, אַ פריצל צו לויפן... די הענט מיט די פיס פאַרבלוטיקט... און געפאַלן איבער די שוועל: „כ׳זאָל אים באַהאַלטן!...״ מ׳האָט דערנאָך די שטאַלן צעלייגט... דעם קעלער פאַרגאָסן... די טויערן אַראָפּגענומען... געוואָרפן איבער מיר מיט דזשיחה: „אַז מ׳האָט זיך נאָכן געיאָגט, געיאָגט, און דאָ געזען אַריינפאַלן... וואו כ׳האָב אים צוהינגעטון?...״ אין אויוון געהאַט באַהאַלטן, און געטענהט: „אין לי, — נישט געהערט און נישט געזען קיין פריץ...״ אים אָפּגעהיטן מיט עסן... די ראַנעס איבערגעבונדן... ביז זיי האָבן אָפּגעטרעטן... און ערשט דערנאָך פון דאָרט אַרויסגענומען... געלאָזט אַנזאָטלען אַ פערד... איבערגעטון פאַר אַ ייד, און העט־העט, איבער די גרענעץ אַרויסגעפירט...

ס׳הערט זיך אַ שאָס, אַלע כאַפּן זיך.

ג ב ר י א ל

לאָזט זיך אַרונטער.

ש ר ה ל ע

וויל אים דערכאַפּן

זיידע! זיידע!

ק ל אַ ר אַ

איינגעקורטשעט

גייט אַוועק פונעם פענסטער...

א י ג נ אַ ש

כאַפּט אַראָפּ די ביקס פון וואַנט, צילט אין דרויסן אַרויס.

ר׳ ה ע נ ע ך

כליפּעט

דעם לעצטן בוים ביי אונז אַרויסגעריסן, און דעם עלטסטן, דעם שטאַרקסטן...

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אקט

אַ שיין באַפּוצטע שטוב ביי הענעכן אין הויז. אַ געמיש פון בילדער
אויף די ווענט: רבנים, פּוילישע גענעראַלן.

י אַ נ ו ש

זיצט און קוקט אַריין אין די לייווענטן.

א י ג נ אַ ש

גייט אין דרויסן פֿאַרן אויפֿגעפּראַלטן פֿענסטער, שטעלט זיך אָפּ און לייגט אַריין דעם קאָפּ.

אויף וואָס קוקסטו דאָס אַזוי?

י אַ נ ו ש

אויף פּוילן; דעם אַמאָליקן פּוילן.

א י ג נ אַ ש

קאָנסט עס גיכער זען אויפֿן בית־עולם.

י אַ נ ו ש

דאָרט איז עס טויט, און דאָ נאָך דערווייל לעבעדיק...

א י ג נ אַ ש

פּאַק איין, און גיי לייג דיך שלאָפֿן...

י אַ נ ו ש

און אַז כ׳וועל גיין, שוין שלאָפֿן?

א י ג נ אַ ש

מ׳לייגט זיך אַוועק און מ׳מאַכט צו די אויגן.

י אַ נ ו ש

ווערט דער קאָפּ געשוואָלן, יאָ...

א י ג נ אַ ש

איין שעה בלויז ליגן מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, נישט געבן זיך קיין ריר...

י אַ נ ו ש

און אַרויסשפּרינגען פֿונם בעט, מיך ברויכן בינדן...

א י ג נ אַ ש

גענײצט

מיר קריכט גראָד יאָ דער שלאָף אין די ביינער, און ס׳קלעפּן זיך די אויגן...

י אַ נ ו ש

ווייל דו ביסט אויסגעמאַטערט פון אַ נאַכט פריער; און אויב דו ווילסט דיך צולייגן, — איך מיך אַוועקשטעלן...

א י ג נ אַ ש

דיר געבן אַ ביקס אין האַנט אַריין, זיך נאָך אַליין מיט איר אַוועק־הרגענען...

י אַ נ ו ש

זאָל איך מיך אַריינגיין צולייגן, און דו כאַפּן אַ דרימל? שיין אויסזען?...

א י ג נ אַ ש

אויב דו וועסט אויפזיין, איך מיך דאָ צושפּאַרן אַ קאַפּיטשקע אויפן שטיין, זיצנדיק.

י אַ נ ו ש

נישט אויפן שטיין, נאָר אפילו אין בעט אינעווייניק.

א י ג נ אַ ש

און נישט ווע לז רחמנות האָבן, אַז דו וועסט דיך גיין לייגן — מיך צו לאָזן דאָ קיפּיען?...

י אַ נ ו ש

אַז דער הויף זאָל ווערן הפקר?

א י ג נ אַ ש

זעצט זיך אַוועק איבער אַ שטיין, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, — די ביקס אַריינגענומען אין זיך און דרימלט.

י אַ נ ו ש

ווי פריער, קוקט אַריין אין די לייוועגטן.

פוילן געמאָלן,
אַלט פוילן,
ווי צעצינדענע קוילן
אונטערן אַש, טליענדיק;
און פּאַר אַ דערשלאָגענעם פויער, מיטן גאָלן
קאָפּ, קניענדיק
ביים מאָגערן שיין
פון יעזוסעס געביין.

ש ר ה ל ע

קומט אַריין

כ׳בין שוין געלעגן אין בעט, איז מיר עפּעס אונטערגעפלויגן, — כ׳זאָל מיך צוריק אויפהייבן; פאַרוואָס גייסטו נישט שלאָפן?

י אַ נ ו ש

וואָס ביסטו אויפגעשטאַנען?

ש ר ה ל ע

כ׳לייג מיך אַריין אין בעט, און ווי לאַנג כ׳האַלט אָפן די אויגן, -- קאָן איך נאָך איינליגן; און אַזוי ווי כ׳פאַרמאַך זיי, — וואַרפט עס מיך גלייך אַרויס...

י אַ נ ו ש

ווייל, מ׳געטרויט זיך נישט...

ש ר ה ל ע

ווי קאָן מע זיך געטרויען, אַז מ׳ווייסט נישט: ווען מ׳לייגט זיך אַוועק, — צי מ׳וועט נאָך אויפשטיין צוריק?

י אַ נ ו ש

אַ דרימל, און זיך אויפגעכאַפּט; אַ דרימל, און דער קאָפּ גיט זיך אַ הייב אונטער, מ׳קוקט זיך אום אַזוי ביסטרע, שאַרף...

שרהלע

און דערצו נאָך זעגען די נעכט אַזוי גרויס, אַזוי לאַנג...

יאַנוש

אַזוי ווי ס׳וואָלט קיינמאָל נישט געוואָלט טאָג ווערן...

שרהלע

ערשט, זומערדיקע נעכט.

יאַנוש

און ציען זיך לענגער ווי אין מיטן טבת.

שרהלע

אַ טאָג, גרויס ווי אַ יאָר ; אַרום צענע שווימען נאָך שטיקער אויפן מערב,
און איינס, — רייטלט זיך שוין צוריק דער מזרח...

יאַנוש

און מ׳קאָן די פּאָר שעה נישט איבערקומען...

איגנאַש

וועקט זיך איבער

זי אויכעט אויפגעשטאַנען ?

שרהלע

איך בין אַנדעריש פּאַר אַלע ?

איגנאַש

טוליעט זיך איין

אָבער אַ נאַכט...

שרהלע

פאַרטראַכט

געווען אויפן גוטן אָרט, אַז מ׳האָט דעם זיידן אין גרוב אַריינגעלייגט ?...

י אַ נ ו ש

אינאיינעם מיט דיר געשטאַנען, דאָך.

ש ר ה ל ע

ס׳פּנים ביי אים געשיינט...

י אַ נ ו ש

עפּעס קראַנק געווען, ס׳זאָל זיך עפּעס האָבן פאַרענדערט נאָכן טויט?

ש ר ה ל ע

אָפן געהאַלטן די אויגן, און נאָר געדאַכט, ווי ער קאָן זיי נישט אָפרייסן פון מיר...

י אַ נ ו ש

מער פון אַלע אים געווען איינגעבאַקן אין האַרץ.

ש ר ה ל ע

נישט געגאַנגען קיינמאָל מנחה דאַוונען אַליין; כאָטש דער שטעקן אים אויכעט געקאָנט צופירן; און אָן מיר טרעפן...

י אַ נ ו ש

דיך שטענדיק געוואָלט האָבן מיט זיך; אפילו ביי מנחה אים נישט אויס־פעלן...

ש ר ה ל ע

די ביימער זיך אַזוי צוגעשאָקלט, צוגעשאָקלט, ווי אַדורכגערעדט מיט אים...

י אַ נ ו ש

און, אויכעט נישט געשוינט...

ש ר ה ל ע

געווען געקרוינט
מיט אַ ווייסע קרוין
פון עלטער,

פאַרן עלטסטן און דעם לעצטן
טויער; און געפאַלן פון המון,
פון אויפגעהעצטן.

יאַנוש

און פיליכט, נישט מיט אַלעם נאָך געוואוסט...

שרהלע

אים קיינער נישט געהאַט ס׳האַרץ, צו זאָגן.

יאַנוש

עפּעס יאָ געטאַפּט, געוואָלט אָנטאַפּן; פון קינדס טויט די לעכער פון די אויגן נאָכאַמאָל אַזוי גרויס געוואָרן; ווי זיי געוואָלט מיט אַלעם צערייסן...

שרהלע

און געווען רעכט: אַז ר׳איז אַראָפּ אין קבר דורך אַ בלינדע קויל...

יאַנוש

ס׳גייט זיי שוין אַליין נישט איין; ווי כ׳הער, גאָר געמיינט איגנאַשן...

שרהלע

אים אַראָפּצורוימען...

יאַנוש

ס׳קרענקט זיי: וואָס די שיקסע פון „יאַסני־דוואָר" ליגט אים צו די פיס; דער הויף הענגט זיך און טרענקט זיך; דער פאָטער אירער שיסט, און מ׳האָט אים מורא צו קומען אונטער די אויגן, ווייל די קוילן, וואָס פליען אין די ווענט אַריין, — זאָלן זיי נישט טרעפן...

שרהלע

ס׳גאַנצע פייער צוליב איר צעפלאַקערט; קיינמאָל זיך נישט געווען אַזוי וואַרפן אין דרערד אַריין...

א י ג נ אַ ש

וועקט זיך איבער

אָבער אַ נאַכט, אַ נאַכט...

י אַ נ ו ש

ס׳גייעס נישט אויפגעהערט נאָך מאַמלען...

ש ר ה ל ע

אפילו דער גלח זיי זונטיק אויסגערעדט: איבערן אַלטן גבריאל נישט געברויכט אויפהייבן קיין האַנט; געווען אַן „אוטשציווי״ ייד...

י אַ נ ו ש

אַ שיינער טאָפּאָל אויף די פּוילישע ערד.

ש ר ה ל ע

ווער ס׳האָט אים נישט געזען גיין מיטן אַלטן; דער גלח איז פּאַרטריקנט, ס׳פּנים געריינצלט, איין קנייטשעלע אינם אַנדערן, ווי אַ רינגעלע אין אַ רינגעלע... אַ ליידיק מויל... אָן איין צאָן... און דער זיידע, — הויך ווידער, גלייך, מיט אַ לאַנגע, ווייסע באָרד, און אָן אויגן... בלויז לעכער...

י אַ נ ו ש

פוילנס טראַכט; איר אומעט, זיסער טרויער...

ש ר ה ל ע

און לאַנגער, לאַנגער אויסדויער...

י אַ נ ו ש

גלייך ווי די פויערן פלעגן זיי אינאייגעם זען, — אַנידערגעקניט, און געבענטשט אין זייערע טריט...

ש ר ה ל ע

ביעך בענדזשע פּאָכוואַלאָני!

י אַ נ ו ש

נאַ וויעקי וויעקוו, אַמין.

שרהלע

און נישט געקומען, ווען ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, — אַראָפּבייגן די קעפּ, צולייגן די האַנט צום האַרץ: „מיר פילן זיך ווי באַגראָבענע... מיר... די פּראָסטע פויערן... פוילנס פויערן...“

איגנאַש

וועקט זיך ווידער אין דרויסן

דער טוי קריכט אין די ביינער אַריין...

יאַנוש

זיך אויכעט אַמאָל געקוויקט מיט אים...

שרהלע

זיצנדיק ביינאַכט אַ באָרוויסע אינם גראָז...

איגנאַש

געמעגט אפשר צומאַכן די לאָדנס, און גיין אָוועקלייגן ס׳ביסל ביינער...

יאַנוש

נאָך פינסטער אין דרויסן.

איגנאַש

נאָך איידער מ׳וועט זיך פאַרדרייען, שוין די נאַכט זיין וואו...

שרהלע

איז אויכעט גלייכער אָפּן צו לאָזן; מאַכן ליכטיק אין אַלע פענסטער, מ׳זאָל מיינען: דער הויף באָד זיך דאָ אין פאַרגעניגן; ס׳אַ יום־טוב אַזאַ לאַנגער, נאַכט־איין, נאַכט־אויס, וואָס וויל קיינמאָל נישט אויפהערן...

יאַנוש

אַ יום־טוב אַזאַ לאַנגער, וואָס וויל גאָר קיינמאָל נישט אויפהערן...

שרהלע

אין מיטן די נאַכט, ערגעץ אין אַ מדינה, וואָס הייסט פוילן, וויל זיך אַ הויף צווישן פינסטערע וועלדער ביינאַכט, — נישט אויסלעשן; ס׳לייכט זיך אין אים נאַכט־אויס, נאַכט־איין, און די מענטשן דרייען זיך אַרום

זוי אויף דראָטן; מ'ברויך בלויז אַ צי טון, — זיי זאָלן זיך אָנהייבן דרייען און פרייען, שפּרינגען פון די הויט, און קריכן אויף די גלייכע ווענט...

ר' הענעך, ברוך

קומען ביידע צריין אין די שלאָפראָקן, לאַטשן אויף די פּיס.

ר' הענעך

האַלט אַ ברענענדיק שטיקל ליכט אין די הענט

זיך שוין אויפגעהויבן אַזוי פרי, אָדער נאָך גאָרנישט צוגעלייגט?

ברוך

מעגן באַלד אַרויסגיין אַקעגן דעם טאָג; ברויך שוין ערגעץ אוודאי דאָ זיין, גאָר נאָנט...

יאַנוש

די ריכטיקע צייט, ווען מ'גייט זיך דאָ לייגן. אָפּ.

שרהלע

כ'בין שוין אויכעט מיד פון זיצן... אַ גוטע נאַכט... אָפּ.

איגנאַש

וואָס, אַזוי לאַנג זיך פאַרזעסן אין קאַנטאָר?

ר' הענעך

געחשבונט.

ברוך

חשבון איז צדק, נאָר ס'געלט איז געשעדיקט.

ר' הענעך

אַ פאַרמעגן אין גוישע הענט.

ברוך

כ'וויס גאָרנישט, ס'אַר בעל־הבתישקייט ס'האָט זיך דאָ געפירט...

ר׳ הענעך

דו ביסט שוין אויסגעטון; איטלעכעס געשעפט, אַז ס׳שטייט אויף די פּיס, — זענען די חובות קראַנט, געבויגענע רענדלעך...

ברוך

געברויכט איינציען, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אויסגליטשען?...

ר׳ הענעך

דו האָסט עס אַ סך געקאָנט טון?... קיינער איצט קיין געלט נישט געבן...

ברוך

יאָ... אַז ס׳הייבט אָן גיין מיט די פּוטער אַראָפּ, זענען די חובות אָפּגעפאָרן...

ר׳ הענעך

צום טויט...

איגנאַש

אונטערקומענדיק

איר מוזט דורכאויס אַריינזיצן ביזן טאָג אַריין?

ברוך

עס שוין פאַרשפּאָרן צו טון.

ס׳דערהערט זיך מיטאַמאָל א מרוקען פון א קו, באַלד פון מערערע אויף אַמאָל, — מיט א בייז בילן פון הינט.

ר׳ הענעך

דערשראָקן

ס׳אי ווער ביי די שטאַלן.

איגנאַש

פאַרנעמט זיך מיט די ביקס

כ׳גיי צו, אַ קוק טון. אָפּ.

ר׳ העניך

קוקט אָן ברוכן

נו?

ברוך

קוקט אָן הענעכן

נו?

מאַניע

קומט אַריינצולויפן, און כאַפּט אים אַרום

טאַטעלע... טאַטעלע...

ר׳ העניך

וואָס אַזוינס, טאָכטערשי?

מאַניע

עמעץ אַריינגעקוקט דורכן פענסטער...

ר׳ העניך

צעטומלט

איגנאַש איז שוין געגאַנגען זען...

ס׳מרוקען שטילט זיך איין.

ברוך

דערשלאָגן

מיר איז שטאָט דאָס געזאָגט, און באַשטימט נישט געוואָלט גלייבן, — ביז כ׳וועל זען אויף די אייגענע אויגן...

איגנאַש

קומט צו צום פענסטער

נישטאָ דאָרט קיינער...

מאַניע

געזען אַ פּנים אין פענסטער, אַריינקוקן.

א י ג נ אַ ש

נעמט איר אויספרעגן

וואָס פאַר אַ פּנים ?

מ אַ נ י ע

אַ פּנים ?

א י ג נ אַ ש

מיט אַ באָרד ?

מ אַ נ י ע

מיט אַ באָרד.

א י ג נ אַ ש

אַ לאַנגע און אַ ווייסע ?

מ אַ נ י ע

אַ לאַנגע און אַ ווייסע.

א י ג נ אַ ש

זיך, מסתמא, אויסגעדאַכט : דער זיידע...

מ אַ נ י ע

יאָ, יאָ, ווי דער זיידע...

ב ר ו ך

און וואָס אי געווען ס׳שרייען זייערס אין מיטן די נאַכט ?

א י ג נ אַ ש

הייבט די אַקסלען

קאָנען זיך אַמאָל האָבן איבערגעשראָקן בלויז צוליב אַ טכויערזש...

ר׳ ה ע נ ע ך

גוט אַרומגעקוקט ?

א י ג נ אַ ש

הינטער אַלע פּלעטער...

ר׳ הענעך

נישט ערגעץ זיך ווער פאַרשטעקט ?

איגנאַש

סיי-ווי שוין שטיין ביז ס׳וועט גוט טאָג ווערן, אויף די פיס...

ר׳ הענעך

קום, מאַניע ; דיך אַריינעמען צו מיר אין שטוב, — און קיין מורא נישט האָבן... אַפּ מיט איר און ברוכן.

אין שטוב איז טונקל.

איגנאַש

שטייט צוגעשפּאַרט, די ביקס אַריינגענומען אין זיך.

בראָנקע

גיט אַ קום אָן הינטערן פענסטער, שטיל

איגנאַש ?

איגנאַש

צעטומלט

בראָנקע !

בראָנקע

מער זיכער

איגנאַש !

איגנאַש

אומרואיק

וואָס טוסטו דאָ אַצינד, בראָנקע ?

בראָנקע

אַנטלאָפן פון דער היים.

איגנאַש

ס׳גאַנצע הויז דיר באַלד נאָכלויפן...

ב ר אָ נ ק ע

ס׳הויז שלאָפט ווי דערהרגעט...

א י ג נ אַ ש

וואָס טראָגסטו מיט זיך?

ב ר אָ נ ק ע

כ׳זאָל מיך האָבן אין וואָס איבערצוטון; נישט זיין אין דעם איינעם קלייד...

א י ג נ אַ ש

וואו ווילסטו גיין?

ב ר אָ נ ק ע

מיט דיר אין די וועלט אַריין...

א י ג נ אַ ש

און די וועלט נישט זיין מיט מיר, קליין?

ב ר אָ נ ק ע

אָן דיר, אויף איר קיין אָרט נישט; און רייס מיך דאָ אָפּ ווי אַ הונט פון די קייט...

א י ג נ אַ ש

גיי צוריק אַהיים שלאָפן; ביז ס׳וועט זיך ווער אויפכאַפּן, — שוין האָבן איבערגעלייגט, און פון זיך אַליין לאַכן...

ב ר אָ נ ק ע

ווילסט מיר מיין האַרץ נאָכמער צעברעכן?

א י ג נ אַ ש

נאָר ווערן טאָג, שוין ס׳געוואַלט גיין איבערן דאָרף, אַז מ׳וועט דיך נישט זען...

ב ר אָ נ ק ע

אַוועקגעלייגט אַ צעטעלע: כ׳בין אַוועק זיך באָדן, און געלאָזט שטיין די שיך ביי די דאָלינע, — זיי זאָלן מיך אַרומזוכן אין וואַסער...

א י ג נ אַ ש

נאָר נישט אויסדרייען דעם דישעל, און דעם הויף דאָ נעמען צעאַקערן...

בּ ר אָ נ ק ע

זיי דאָס קיינמאָל נישט איינפאַלן...

א י ג נ אַ ש

ווייסן: דו האָסט מיך ליב...

בּ ר אָ נ ק ע

און מיינען: כ׳האָב מיך דערפאַר אומגעברענגט...

א י ג נ אַ ש

און דער כעס זיך נאָך אַזוי צעפלאַקערן...

בּ ר אָ נ ק ע

בלייבן אָן קעפּ; זיי אָפּגענומען ווערן דער חשק צו וואָיעווען, און ליגן איינגעלייגט...

א י ג נ אַ ש

און ווילסט, כ׳זאָל מיט דיר אַוועק?

בּ ר אָ נ ק ע

אויף אייביק אַוועק...

א י ג נ אַ ש

און, נישט בענקען נאָכן טאַטנס שטוב; זיינע ריטערלעכע בעלער... פּע-סער ווייַן...

בּ ר אָ נ ק ע

אין זיי קיינמאָל נישט געדענקען, אַז כ׳וועל מיט דיר זיין...

א י ג נ אַ ש

דיר פרעמד אונזערע שבתים, ימים-טובים...

בּ ר אָ נ ק ע

כ׳וויל דיך נישט צורעדן צו מיין טאַטנס שטוב, און מיך אויך נישט וועלן

אין דיין הויז; כ'וויל אַוועק פוןביידע; אײנגאַנצן זיין פאַר זיך, און אונטער פרעמדע הימלען; די פרעמד קוקט קיינעם נישט אין די אויגן נישט אַריין...

אייגנאַש

און קאָנען לעבן אונטער פרעמדע הימלען?... מיר אַליין ווערט ס'האַרץ אויף שטיקער צעריסן, — אַז כ'וועל ברויכן ערגעץ גיין שלאָפן אין אַ שטאָט, צווישן מויערן, און מיר נישט אויסקומען צו זען מער די זון אונטערגיין אַזוי פייערדיק רויט ווי אויפן פוילישן הימל... און קאָנען צעפראַלן אויפן פערד צווישן רויטע צעאַקערטע פעלדער...

בראָנקע

ס'פעלן לאָנקעס, און דער הימל איז ווייניק רויט אונטער פרעמדע הימלען?...

אייגנאַש

אונטער וועלכע הימלען, זענען די פעלדער און לאָנקעס פרעמד?

בראָנקע

אַמעריקאַנער.

אייגנאַש

אַמעריקאַנער הימלען?

בראָנקע

הויכע גראָזן דאָרט, זאָגט מע, ווי די ביימער, — און געדיכטע... אויף מיילן ציען זיי זיך... מ'קאָן לויפן טעג און נעכט אָן אָפרו, און נישט מער טרעפן ווי האַלב־נאַקעטע מענטשן, מיט אַ רויטע, קופערנע הויט, וואָס בראָטן זיך אויף די זון... צומאָלט נישט קיין דאָרף...

אייגנאַש

ווילדע פעלדער... פּריירים...

בראָנקע

אויך איבער זיי פאַרגייט די זון מיט מערקווירדיק רויטע פלאַמען... בידערט אַראָפּ פון ערד, אין ימען... און די נעכט קאָן מע אָנטאַפּן אין

וואַלד, אַפילו אין מיטן טאָג, אַז מ׳קומט אַריין אין אים ; ער איז אַזוי שטיל און געדיכט מיט צווייגן און בלעטער, — אַז דער טאָג קומט כמעט נישט־צו ; און נישט האָבן צו טון מיט האָזן, פוקסן, טכויערזשן, מאַרדערס, נאָר מיט לייבן, אַמעריקאַנער לייבן...

א י ג נ אַ ש

אַנטלויף אין שטאָט אַריין, און דיר : איינס־און־צוויי, אונטערקומען...

ב ר אָ נ ק ע

קיינעמס נישט זיין און צו קיינעם נישט גיין ; אַליין ווי אַ שטיין ; נישט בלייבן קיין שום שפור פון דיר און מיר ; אָפּמעקן, אַלץ וואָס קאָן דערמאָנען פון פריער, און לעבן פאַר דערנאָך... אַזוי ווי מ׳איז... אָן קיינעם נישט... אָפּ מיט אים.

ש ר ה ל ע

קומט דערנאָך אַריין, באָרוויס, צעלאָזט די האָר, — שטעלט זיך אַוועק שטיל וויינען.

י אַ נ ו ש

שטעקט אַריין דעם קאָפּ

שרהלע ? וואָס טוסטו נאָך דאָ ? נישט אַוועק שלאָפן ?

ש ר ה ל ע

ווי פריער, קוקט זיך נישט אום.

י אַ נ ו ש

קומט אַריין צוריק

זיך פלוצלינג צעוויינט ?

ש ר ה ל ע

אַז כ׳קום אַריין אין זיידנס שטוב, און זע אים נישט, — באַפאַלט מיך אַזאַ שרעק, אַז ס׳כאַפּט מיך אַוועק ; אַז ער האָט געלעבט, קיינמאָל נישט געוואוסט מיין עלנטקייט ; דער זיידע ביי מיר געווען אַלץ...

י אַ נ ו ש

נישט באַשערט געווען זיך לענגער מיט אונז, אָפּצופרייען...

ש ר ה ל ע

קיינעמען נישט אַזוי צוגענומען ווי מיר; ביים לעבן אפילו אַ סך מאָל געחלומט פון טאַטע-מאַמע, — אָבער מיר קיינמאָל ווי נישט אויסגעפּעלט; זייער לאַסקע פון אים געהאַט, זייער שמייכל און גוטסקייט...

י אַ נ ו ש

שאָקלט טרויעריק צו מיטן קאָפּ

יאָ... יאָ...

ש ר ה ל ע

ווי פריער

איינמאָל מיך מיטגענומען אין שטאָט אויף קבר-אבות, און בלינדערהייט געוואוסט צוצופירן צו די קברים, וואו ס'ליגן זייערע ביינער... און געשטאַנען שטום... געפילט ווי כ'קום אום... די קני ברעכן זיך איין... און די שטיינער גייען מיר אַרויס פון די הענט...

י אַ נ ו ש

און אַליין שוין אויכעט ווי זיי, פאַרוועגדט...

ש ר ה ל ע

ס'האָט געהאָנגען איבער זיי
אַ געשריי,
וואָס קיינער האָט נישט געהערט
און נישט געשריגן;
ווי ס'וואָלט ערגעץ געטרערט
אַ מאַמעס מי,
איבער די רו
פון ליידיקע, נישט אויסגעוויגטע וויגן.

י אַ נ ו ש

שווייגט.

ש ר ה ל ע

און מיך דאַן אָנגעהאַלטן אין זיידן, ווי אין זייביידן; און אַז כ'וועל מיך נישט קאָנען מער אָנהאַלטן אין אים, — מיר געטראַכט, — אויפשטיין

פאַרטאָג, אַוועקגיין מיט וואַלד און פעלד, ביז כ׳וועל מיך דערפרעגן צום גוטן אָרט דאָרט, אַוועקזעצן אויף די שטיינער, און בלייבן זיצן... אַ בית־עולם־קינד...

יאַנוש

דו האָסט געטראַכט, און איך האָב געלאַכט.

שרהלע

וואָס אי געווען ס׳לאַכן?

יאַנוש

ווייל, אַז דו ביסט נאָך געווען יונג, אַ קינדעלע, געשפּילט אויפן פעלד, געריסן די „בראַטקעס", — שוין נאָכגעקראָכן, און אַרומגעיאָגט מיט דיר, ווי מיט אַ קליין ווייס זומער־פייגעלע...

שרהלע

יאָ: אַז כ׳בין געווען אַ קינד, און אַצינד?

יאַנוש

געבענקט נאָך אַ טאַטן, אַ מאַמען, און פאַרגייסט דיך צוליבן זיידן, — וואָס איז פאַר זיי באַשטאַנען; אָבער ווען דער זיידע זאָל אפילו געווען לעבן, און דעם טאַטן געהאַט, די מאַמע, — ס׳האַרצעלע דיינס אויכעט אָנגעהויבן וואַרפן אַצינד, זיצנדיק מיט מיר אַזוי שפּעט ביינאַכט, און געזוכט פון זיי אַוועקצוגנבענען...

שרהלע

מיינסט: ווייל מ׳הייבט אָן צו ליבן?

יאַנוש

אויפקומען און צוביסלעך פאַרנעמען... צוביסלעך פאַרקלעמען... אָנהייבן זיין פאַר ועמען... און טאַטע־מאַמע נישט שטאַרק געדענקען... פון די העלע הויט אויפהערן שלאָפן... שרעקן פאַר שאָטנס... ווערן פאַרחלומט... קוקן אין הימל אַריין... און ליב באַקומען די זון... די לבנה...

ש ר ה ל ע

באַנט פון אים

ווי דו ווייסט אַזוי אַלץ, יאַנוש.

י אַ נ ו ש

גייסט אַרויס פאַרנאַכט אין פעלד, און מיידסט יעדן אויס, מיט קיינע־מען זיך נישט צו טרעפן; ס'אַזוי גוט צו טרעטן אויף די גראָזן, ווען ס'בלאָזן זיך אַרום די נעפּלען, און ווערסט צעשווימען ווי אַ קליין וואָלקנדל...

ש ר ה ל ע

לאַסקאַווע

יאַנוש... יאַנוש...

י אַ נ ו ש

דו ביסט ווי איבערגעוועלטיקט ; זאַפּסט איין אין זיך אַלע קולות, קלאַנ־גען, — און ווערסט ווי פאַרפאַלן אין די טיפעניש פון אַלע אָפּגרונטן ; נעמסט דיך אָן מיט דעם אַראָמאַט פון די בלומען, קרייטעכצער, און ווערסט אַליין ווי אַ בלימעלע, וואָס ברויך האָבן דעם טוי, זיך וואַשן מיט אים און באָדן...

ש ר ה ל ע

לאַסקאַווע

יאַנוש... יאַנוש...

י אַ נ ו ש

אַמאָל ווערכטו אויך ווילד, און ס'ווילט זיך פון דיר אַלץ אַראָפּוואַרפן, אויסמישן מיט אַלעם און צעגיין; זיך לאָזן לויפן ווי אַ סאַרנע איבער די פעלדער, ווי אַ באָטשאַן אַדורכשניידן די לופט, אַ וועווערקע היפן איבער דיביימער, און ווי אַ פיש זיך וואַרפן צאַפּלען און שפּרינגען אינם וואַסער...

ש ר ה ל ע

לאַסקאַווע

יאַנוש... יאַנוש...

י אַ נ ו ש

ס'אי די ליבע...

ש ר ה ל ע

נעמט אים אַרום

און דו האָסט מיך ליב ?...

י אַ נ ו ש

נישט ווען דער זיידע וואָלט דיך אויפגעצויגן, נאָר דיין אייגענע טאַטע־מאַמע, שפּירנדיק די ווינטן, — זיי געלאָזט שטיין ; צוועקגעלייגט אַזוי דאָס קעפּל, און אָפּגערוט ; ס'אי די מידעקייט פון אַן אינערלעכע ווייט, וואָס ברויך אויסאָטעמען גרינג, און וואַ..., און שטייגן מיט יעדן פלי און זונג... און ווערן שטייף און יונג... מענטשלען זיך פלינק...

אַ קלאַפּ אין דרויסן.

ש ר ה ל ע

דערשראָקן

געהערט ?

י אַ נ ו ש

שטייט אָנגעבויגן

וואָס האָט געקאָנט זיין דער קלאַפּ ?

ש ר ה ל ע

רופט שטיל

איג־נאַ־ש !

י אַ נ ו ש

מוז אוודאי זיין ביי די שטאַלן... אָפּ מיט איר.

ק ל אַ ר אַ

שטעקט אַריין דעם קאָפּ

בלויז אַ קלאַפּ, אַ ?... און מ'שטייט שוין אויף די פיס...

ג י ט ע ל ע

נישט מ׳שלאָפט, און נישט מ׳איז אויף; אַזוי ווי אין אַ הינער־פלעט...

ק ל אַ ר אַ

קאָן זיך דאָס ווער אויסמאָלן, וואָס אי נישט דערין?

ג י ט ע ל ע

אַ פינסטערע אימה, זנון מ׳ווייסט נישט פון וואַנעט זי קומט... זיך ארומ־קוקנדיק ער ברויך דאָ ערגעץ אַרומגיין און היטן, ביין?...

ק ל אַ ר אַ

אין דרויסן אַוועקגעשטעלט אַ היטער, אָבער אין האַרץ קאָן מע קיינע־מען נישט אַריינשטעלן...

ג י ט ע ל ע

וואָרן, מ׳קאָן אַזוי דערהיטן?... נישט מער ווי אַ מענטש... פעלן מיטן אויג...

ק ל אַ ר אַ

אַזוי אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט; אַז מ׳שלאָפט אַ מינוט איין, זעט אויס, — ווי מ׳וואָלט אָפגעגעבן די נשמה דעם טייוול; מ׳שטייט אויף, — איז מע ווי ניי געבוירן...

ג י ט ע ל ע

אַ באַטעמטער ביסן, יאָ.

ק ל אַ ר אַ

מ׳היט אָפּ ס׳לעבן ווי אין אַ קרימינאַל, פאַר אַ געפענגעניש.

ג י ט ע ל ע

דאָס געווען וויסן, אַך!

ק ל אַ ר אַ

בלויז אַ קלאַפּ, אַ שאָרך, אַ האָרך, און ס׳האַרץ גיט זיך שוין אַ צאַפּל: אויב דער רויך דערוואַרגט נישט ווי מיט אַ שטריק ביים האַלז; און די פלאַמען וויקלען זיך אַרום די טירן און פענסטער, — ס׳זאָל נישט זיין

מער וואו אַרומעט מיטן לעבן אַרויס צו אַנטלויפן ; און ברויכן אָנבראָטן ווי הינער אין אַ שטייג...

ג י ט ע ל ע

אַ מדבר, אַ הוילע מדבר ; וואָס מ׳קאָן דאָ אָפּטון, ס׳זאָל קיין האָן נישט קרייען ?...

ק ל אַ ר אַ

און וויפיל כ׳אַרבעט אין אים אַריין, — מ׳זאָל אַוועק, און כ׳קאָן אים נישט רירן ; אים כישוף געטון דער הויף...

ג י ט ע ל ע

קאָן דאָך נישט כאַפּן און צַנטלויפן ; עפּעס אַ זאַך פאַר אַ גראָשן ?

ק ל אַ ר אַ

כ׳זע אַ פויער איז פונקט : אַ גזלן כ׳וואָלט געזען ; כ׳שטיי זיי דריי איילן פון דער ווייטנס...

ג י ט ע ל ע

אים יאָ ניחא ?

ק ל אַ ר אַ

דעם אַלטן אַוועקגעבערענגט ; ס׳קינד ; אויף וואָס וואַרט ער נאָך ?... ביז ס׳וועט שוין נישט זיין מיט וועמען אַוועקצוגיין ?...

ג י ט ע ל ע

אַליין פרווון רעדן מיט אים ; אונטערשיקן ברוכן...

ק ל אַ ר אַ

ס׳קינד אים מער אָנגעגאַנגען, אָדער איך, — דער הויף נישט געווען קיין אָפּגאָט, און צו אים אַזוי געדינט...

ג י ט ע ל ע

דאָס אַרבעט שוין דער קאָפּ גלאַט אין די וועלט אַריין ; זינט איך קען דעם שווער, — זיך דאָ אַ סך מער געעלטערט ווי פאַר די גאַנצע צייט...

קלאַרא

צוליב מיר אפשר, אָדער דעם קינד?

גיטעלע

ווי לאַנג, און נאָך אַזאַ שיינע שוואַרצע באָרד געהאַט?... קיין איין גראָע האָר נישט; און אַצינד?... עלטערט זיך מיט יעדע שעה... פון איין טאָג אויפן אַנדערן, — נישט צו דערקענען...

קלאַרא

אים גייט אין דאָרף, און איך, אַז כ׳גיי אַרויס פאַר די טיר, און זע ס׳וואַסערל, — צעגייט מיר ס׳האַרץ; כ׳קום אַריין אין שטוב, — ס׳בעטעלע זיינס קומט מיר פאַר די אויגן, ווי ס׳שטייט נאָך אַלץ אַזוי אייגן פאַרבעט, און מ׳ברויך עס נישט מער צו צענעמען... צו צעוואַרפן... דאָס ווייסע ציכעלע... איבערגעצויגענע קישעלע... ס׳פעלעכל אויף דרערד... ביקסל אויף די וואַנט... זיין רייטוועגעלע...

ר׳ הענעך

אין שלאָפראָק

מאַכן צערעכט אַ וואָך־נאַכט...

קלאַרא

וואָס דרייסטו דיך נאָך אַצינד אַרום אויף די פיס?

ר׳ הענעך

מיך שפעט געלייגט, שווער איינצושלאָפן...

קלאַרא

איך, ווידער, פרי געלייגט, און פרי אויפגעשטאַנען...

ר׳ הענעך

ס׳אַזוי וואָר, ווי ס׳אַצינד טאָג.

קלאַרא

נישט קיין טאָג, און שוין קיין נאַכט אָבער אויך נישט...

ג י ט ע ל ע

איינער וויל דעם אַנדערן פאַרנאַרן...

ר׳ ה ע נ ע ך

ערשט אַרויס פון קאַנטאָר, — מיך פאַרזעסן מיט ברוכן איבער די ביכער.

ק ל אַ ר אַ

אַזוי לאַנג מישן ס׳בוך, ביז ס׳וועט נישט זיין מער וואָס צו מישן...

ר׳ ה ע נ ע ך

דערנאָך שלאָגן קאָפּ אין קישן...

ק ל אַ ר אַ

איך האָב מיר שוין מיינעם צעשלאָגן אָן די ווענט; מיין צעבראָכענער קאָפּ קאָן שוין לענגער נישט פאַרטראָגן...

ר׳ ה ע נ ע ך

באַטריבט

וויניק פון דרויסן נעמט עס זיך אויך רייסן פון אינעווייניק; און דאָס מיך שוין צום איבעריקן דערהרגענען...

ג י ט ע ל ע

איר געברויכט אַוועקשיקן... אויב מ׳קאָן נישט כאַפּן און אַנטלויפן, — וואָס האָט זי דאָ נאָך צו זיצן?... אירס אויכעט אַ רחמנות!...

ר׳ה ע נ ע ך

איך לאָז איר נישט אַוועק?... כ׳האַלט איר צו?...

ק ל אַ ר אַ

ס׳אי אַלץ ווי איינגעפרוירן; ס׳רירט זיך נישט; מ׳גייט כסדר אַרום ווי צעמישט...

ג י ט ע ל ע

אַזוי ווי ס׳איז, איז נישט גוט...

קלאַרא

כ׳גיי אָפּ עטלעכע טריט, מוז איך מיך אָן עפּעס אָנהאַלטן, — כ׳זאָל נישט אומפאַלן; כ׳ברויך אַ סך קוקן ?... כ׳נעם אַ שטיקל שפּיגעלע אין האַנט, זע איך אַ פּנים, — אַ שענערס לייגט מע אין דרערד אַריין; געל ווי געשלאָגענער וואַקס; קיין טראָפּן בלוט נישט דעריין... אָפּ.

ר׳ הענעך

טוט אַ קרעכץ

אַזוי... אַזוי...

גיטעלע

כ׳ווייס נישט, וואָס מ׳וואַרט ? אַ לאַנגע קרענק איז אַ זיכערער טויט...

ר׳ הענעך

מ׳קאָן דעם הויף פריער נישט פאַרקויפן ווי יעשן, ווען מ׳וועט אַראָפּ־נעמען פון די פעלדער; אַנישט, — מיר אַלצאיינס, ווי כ׳וואָלט אַוועק פונם אומפאַרקויפט...

גיטעלע

אַזוי שיין זעט ער אויס, אַז מ׳זאָל ברויכן אויסקוקן בלויז אויף דעם, וואָס ס׳פעלד וועט אַרויסגעבן ?...

ר׳ הענעך

ס׳זעט נאָך שענער אויס...

גיטעלע

וואָס ברויך זי זיך נאָך דאָ צו דרייען אויפן ראָד ?... נישט דאָ זיין, כאָטש פון אינעווייניק זיך עטוואָס פאַרהיילן...

ר׳ הענעך

מ׳קאָן אַלץ פאַרציילן ?...

גיטעלע

וואָס מיינט דער שווער ?

ר׳ הענעך

כ׳וואָלט איר אַוועקגעשיקט, יאָ... נאַר, ווייסט נישט?... דער קאָפּ!... ער האָט שוין פון אַלעמאָל אַזאַ טבע, ס׳זאָל זיך עפּעס צו אים פאַר־קריכן...

גיטעלע

כ׳פאַרשטיי נישט...

ר׳ הענעך

אַז דער וואָרים ליגט אין כריין, מיינט ער: ס׳אי קיין בעסערס נישטאָ...

גיטעלע

ס׳ליגט איר נישט מער אין זינען, יאָ...

ר׳ הענעך

אַ יונג מענטש נאָך... און, גיט אַ וויש איבער די באָרד גראָע האָר... די על־טער שפּראָצט אויף איר... געוועזן אַ קינד, זיך געהאַט אָן עפּעס אָנצו־האַלטן... נישט ס׳קינד, — איז אַ הויף; און אויב נישט איינס פון די ביידע, — אָן וואָס זיך ווידער אָנוואַרימען?... אָן די אַלטע ביינער מיינע?...

איגנאַש

גיט אַ קוק אָן פאַרן פענסטער

הו־ם... מיט זיי זיך האָבן אַ גאַנצע נאַכט אָפּצוּיאָגן?...

גיטעלע

שוין קיין נאַכט היינט מער אין דרויסן נישט זיין... אַ גוטן טאָג... אָפּ.

ר׳ הענעך

טאַקע מעגן גיין אַריינלייגן אין בעט... אָפּ, וואו מ׳הערט אים זאָגן בידך אפקיד רוחי, נשמתי...

איגנאַש

בלייבט זיצן ווי פון אָנפאַנג: אַראָפּגעלאָזט ב׳קאָפּ, אַריינגענומען די ביקס אין זיך.

אין שטוב נעמט זיך ווייזן רויך; ליכטיקער, ווי פון אָנקומענדיקע פלאַמען.

א י ג נ אַ ש

וועקט זיך איבער

הע ?... אַ פולע שטוב מיט רויך... אַ מינוט ווי כ'האָב איר אַרויסגעפירט צום וועג, און אים שוין צערעכט געמאַכט...

אין דרויסן הייבט זיך אויף אַ מרוקען פון קי, און בילען פון הינט.

ר׳ ה ע נ ע ך

שטעקט אַריין נ'קאָפ

איג-נאַ-ש !

א י ג נ אַ ש

פאַרביטערט

מ'האָט פייער אויפן הויף.

ר׳ ה ע נ ע ך

צעטומלט

מ'ברויך אויפוועקן די קינדער... אַרויס מיטן לעבן...

א י ג נ אַ ש

נישט אָנמאַכן קיין גערודער... נאָך אפשר איינלעשן...

ר׳ ה ע נ ע ך

מ'טאָר נישט וואַרטן... היילצערנע ווענט... און טרוקן ווי אַ ביין... אָפ.

אין דרויסן פאַרציט זיך די רויטקייט העלער און ליכטיקער.

ק ל אַ ר אַ

קומט אַריין, מורמלט

נישט געוואָלט אַוועק, אַ ?...

אַ געלויף: ברוך, יאַנוש, שרהלע, גיטעלע, מאַניע.

א י ג נ אַ ש

פון דרויסן

ס'פייער אי בלויז אין די שטאַלן...

ר׳ הענעך

צעטראָגן

גייט אַרויס, ס׳הויז איז איינגעשטעלט...

באָרוך

וואו איז מאַניע ?... שרהלע ?... גיטעלע ?...

גיטעלע

קלאַ-ראַ !

קלאַראַ

פּרוּווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד

ס׳פייער גלעט מיך... קושט מיך...

גיטעלע

נעמט איר איבער אַ געוואַלט אַרויס

האָב רחמנות אויף דיינע יאָר...

פאָרהאַנג

עפּילאָג

זאמדן

ב ר ו ך

ס'פנים פאַרוואַקסן, אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין אַן אָפּענעם ספר, — לערנט שטיל און מיט גרויס התמדה.

ר' ה ע נ ע ך

נאָך אַ ווײַלע

אויסגיסן אין די בלעטער, ס'צער.

ב ר ו ך

נאָך אַ בלאַט גמרא ווערט לויטערער דער קאָפּ.

ר' ה ע נ ע ך

און מיט אַלעם גרינגער.

ב ר ו ך

ס'איינציקע, מיט וואָס מ'קאָן זיך נאָך דערכאַפּן ;
אַ בלאַט גמרא אין זיך איינזאַפּן.

מ אַ נ י ע

וועקט זיך ציטעריק-שטיל

טאַטעלע, די מכשפה האָט געוואָלט צוכאַפּן ס'ווייסע קעצעלע...

ר' ה ע נ ע ך

דיר בלויז געחלומט, מײַן שיין קינד.

מ אַ נ י ע

איר אויסגעשטאָכן די אייגעלעך,
און געוואָרן בלינד...

ר' ה ע נ ע ך

נישט אמת, מײַן שיין קינד.

מ אַ נ י ע

שטייט-צו

קום אַהיים, ס'אַזוי קאַלט...

ר׳ העניך

נאָך אַ קליין ביסעלע, און זיין אין דער היים אויך; נישט ווייט שוין...

קלאַראַ

דאָס קינד איז דערקילט.

גיטעלע

קעפּעלע ברענט.

מאַניע

ווידער

טאַטעלע, ווער גייט דאָס דאָרט אַרויס פון וואַלד?

ר׳ העניך

קיינער נישט, קינד.

קלאַראַ

אָפּגעהאַקט

רעדט פון היץ.

מאַניע

ווידער

אַ דזשאַד אין שמאַטעס, מיט אַ גרויסע טאָרבע אויף די פּלייצעס; גייט אויפכאַפּן קליינע קינדער...

גיטעלע

ס'אַ וואונדער,
ס'קינד רעדט פון דער וועג?

ר׳ העניך

אַזוי פיל טעג
ווי מ'איז נע-ונד.

מאַניע

טאַטע, וואָס איז געוואָרן מיטן ווייסן קעצעלע?

ר׳ העניעך

נישט געוואָלט מיטגיין.

מאַניע

און געבליבן אַליין?

ר׳ העניעך

דאָרט זיך שפּילן...

מאַניע

ווער עס געבן אַ טראָפּעלע מילך?

ר׳ העניעך

אַליין נעמען.

מאַניע

און, נישט שעמען?

ר׳ העניעך

אַ קעצעלע, אַז מ׳גיט נישט...

מאַניע

וויינט עס...

ר׳ העניעך

ניין, עס נעמט זיך אַליין...

מאַניע

נאָך צו קליין,
ס׳זאָל וויסן דערפון.

ר׳ העניעך

האָט זיך איר שׂכל
דאָס צו פאַרשטיין.

מ אַ נ י ע

פלוצלינג

טאַטע, וואָס וויל די שוואַרצע שפּין ?

ר׳ ה ע נ ע ך

נעמט איר איין

שלאָף בעסער, שיין קינד.
דיך באַהאַלטן פאַרן ווינט,
און דערציילן אַ מעשה.

מ אַ נ י ע

וואו איז ס׳קעצעלע, ס׳וויסע ?

ר׳ ה ע נ ע ך

געבליבן נעכטיקן ביי די קי
אין שטאַל,
וואו
ס׳גיסט זיך מילך פון אינדערפרי
ביז שפּעט אויף דער נאַכט, —
אַ גאַנצער קוואַל.

ג י ט ע ל ע

נאָך אַ ווײַלע

קוים פאַרמאַכט
די אייגעלעך, און שלאָפט.

ב ר ו ך

אַזוי יונג,
און שוין געשטראָפט.

ש ר ה ל ע

וועקט זיך ציטעריק שטיל

יאַנוש, שוין אַ סך אָפּגעגאַנגען פון די היים ?...

י אַ נ ו ש

גאָר א סך.

ש ר ה ל ע

פאַרוואָס, יאַנוש, אַז כ׳פאַרמאַך די אויגן, — שטעלט זיך מיר פאַר דער וועג אַוועק דער בית־עולם?

ר׳ ה ע נ ע ך

דאָס איינע, וואָס ס׳אי נאָך פון אונז דאָרט געבליבן...

ש ר ה ל ע

נישט געקאָנט אים אויכעט מיטנעמען?

ר׳ ה ע נ ע ך

פון פריער

פאַר אַ זכר: מ׳אי דאָרט געווען...

ב ר ו ך

אַזוי ווי ס׳אי געבליבן אין דייטשלאַנד, אין שפּאַניע...

ש ר ה ל ע

די ביינער דאָרט קיין רו נישט האָבן...

ב ר ו ך

בלויז, ביז משיח וועט קומען; און צו תחית המתים קוילערן אונטער דרערד, קיין ארץ־ישראל.

ש ר ה ל ע

ס׳אי נאָך ווייט קיין ארץ־ישראל?

י אַ נ ו ש

גאָר ווייט, זאָגט מע...

ש ר ה ל ע

און נאָכאַמאָל אַהינקומען?

י אַ נ ו ש

אַז מ׳וועט נישט אָפּשטיין פון גיין...

שרהלע

און אַז כ'וועל מיך דאָרט אַוועקזעצן אויף די שוועל, און אַ פרעמדער, פאַרבייגייענדיק, מיר אַריינלאַכן אין פּנים: „דיין מאַמע איז פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די וועגן"... וואָס וועל איך אים וויסן צו זאָגן?

יאַנוש

אַז זי איז די שענסטע שטעט געווען... אַ הויכע, אַ גלייכע, פּויליש־שע בת־מלכה... פאַר איר געפאַלן אויף די קני...

שרהלע

און פרעגן, יאַנוש: „מיידל, וואו האָסטו דיין טאַטן באַשטאַט?" וואָס וועל איך וויסן צו זאָגן?

יאַנוש

אַז ער איז אין פּוילן אַ גרויסער פּריץ געווען... אַ דזשעדזשיץ... אַ סך וועלדער געהאַט... סטאַוועס פיש... שפּייכלערס תּבואה...

ברוך

מיד פון לערנען

ס'ווערט שוין פינסטער.

ר' הענעך

אויף מזרח איז נאָך טאָג.

ברוך

און אויף מערב בעט זיך שוין די נאַכט.

ר' הענעך

אונזער וועג ציט אויף מזרח, וואו ס'אי נאָך ליכטיק.

איגנאַש

סייווי דאָ בלייבן נעכטיקן; דער ווינט ווערט אויך שאַרפער, און שיילט אָפּ ס'פּנים...

גיטעלע

מ'ברויך גיט איינהילן ס'קינד.

א י ג נ אַ ש

אַזוי פיל וואָלקנס, בערג וואָלקנס, — קלעטערן ווי די בערן...

ב ר ו ך

האָבן אַן אָוונט, אַ שווערן.

ג י ט ע ל ע

מיט די טרערן

אים פּרוּוון צו פֿאַרגרינגערן.

ב ר ו ך

און מיט דערמיט,

וואָס מ׳וועט זיך מער אויסהונגערן.

פינסטערער, רוישיקער ווינט.

ר׳ ה ע נ ע ך

נעמט זאָגן טרויעריק

למנצח, מזמור לדוד,

יענך ה׳ ביום צרה,

יסגבך בשם אלוהי יעקב.

אין הינטערגרונט שווימט אַרויס עפּעס אַן ענלעכע געשטאַלט צום אַלטן גבריאל, געפירט פון אַ קליין יינגעלע, אַזוי ווי אַלעק.

ד י ש ט י ם

פון אַלעקן

זיידעלע, ס׳אי נאָך ווייט?

ד י ש ט י ם

פון גבריאלן

זייער ווייט; נאָך אַ סך מדבריות איבערצוקומען...

ד י ש ט י ם

פון אַלעקן

מ׳זיצט דאָ, זיידע, נאָר כ׳זע גישט; דער ווינט אַלע פֿאַרווייעט...

די שטים

פון גבריאלן

אפשר יאָ געקאָנט זען, האָב איך געפּטרט די אויגן, וואו כ׳בין געווען;
כאָטש ס׳קול זייערס געהערט, און נאָכן קול דערקענט...

ר׳ הענעך

כליפעט

טאַטע, ווי קומסטו אַהער ?...

די שטים

פון גבריאלן

די ערד מיר געווען צו שווער...

ר׳ הענעך

און ווי דיינע קינדער אויכעט, נע־ונד ?

די שטים

פון גבריאלן

אינאיינעם אַוועק גלות אָפּריכטן...

ר׳ הענעך

אַזוינע שווערע מדבריות, טאַטע; ווער איז אימשטאַנד זיי איבערצו־
האַלטן ?...

די שטים

פון גבריאלן

דאָס בלויזע טראַכטן נעמט מער צו כוח, ווי ס׳אָפּגיין אַ גאַנצן טאָג...

ר׳ הענעך

ס׳עסן גייט אויס; און קיין מן פון הימל פאַלט אויכעט נישט...

די שטים

פון גבריאלן

פוןביימער, וואָס האָבן צוויי טויזנט יאָר געטרוקנט, — די שענסטע
פרות אַראָפּקלויבן; פון גליטענדיקע זאַמדן, — ליכטיקע זאַנגען אויפגיין;
פון שטיין וואַסער טרינקען...

ר׳ הענעך

און די חיות, טאַטע?

די שטים

פון גבריאלן

זיי אַריינקוקן גלייך אין די אויגן, — און אייך אָפּטרעטן...

ר׳ הענעך

און ווי לאַנג, טאַטע, נאָך אַזוי ברויכן גיין?

די שטים

פון גבריאלן

ס׳אָרט איז נאָך ווייט, ווייט; און אויב איר, חלילה, נישט זוכה זיין דער־צו, — אייערע קינדער עס דערלעבן צו זען...

א ווינט גייט פאַרביי, און די שאָטנס קומען אַוועק; די זעלביקע זאַמדן וואָס פריער, גלאַנצן אַנטקעגן די שטערן.

ברוך

כאַפּט זיך דער ערשטער צוריק לערנען הויך, מיט אַ מיד קול, און אַ סך התמדה.

מאַניע

וועקט זיך ציטעריק שטיל

די מכשפה שוין ווידער געוואָלט צוכאַפּן ס׳ווייסע קעצעלע...

ר׳ הענעך

מיד

אויפסניי מיט איר געהאַט צו טון?

מאַניע

עס אַרומגעזוכט מיט דעם איינעם אויג אין קאָפּ, און געדרייטע הערנער...

ר׳ הענעך

איגנאַש גיט שוין אַכטונג, זי זאָל מער פון וואַלד נישט אַרויס...

ג י ט ע ל ע

אַ קראַנק עופהלע, מיט...

ק ל אַ ר אַ

זי איז שוין אָפּגעשטאַנען...

א י ג נ אַ ש

אַלע, נישט בעסער באַלד אויסזען...

ב ר ו ך

לערנט העכער, נאָגנדיקער.

מ אַ נ י ע

ווידער

טאַטע, כ׳וויל אַהיים...

א י ג נ אַ ש

וואו האָט אַ הונט אַ היים?

ר׳ ה ע נ ע ך

נאָך איבערשלאָפן די איינע נאַכט, ביז ס׳וועט טאָג ווערן; זען וואו אַהיימצוגיין...

מ אַ נ י ע

דעק מיך גוט צו, כ׳זאָל נישט ברויכן קוקן אויפן הימל, אַז ר׳איז פינסטער...

ר׳ ה ע נ ע ך

דעקט איר איין

שלאָף, טעכטערל, שלאָף...

מ אַ נ י ע

כ׳האָב אים מער ליב בייטאָג, ווען ר׳איז ליכטיק.

ר׳ הענעך

וי פריער

שלאָף, טעכטערל, שלאָף,
און נישט פילן די שטראָף ;
מאַך צו דיינע אייגעלעך,
און חלום נאָך פון פייגעלעך,
פון פייגעלעך, וואָס פליען
און האָבן נישט וואו אָפּצורוען...

מאַניע

פּיעשטשעט זיך

ניין, טאַטעלו ; פון וו־יי־סן קע־צע־לע...

ס׳פאַלן גרויסע רעגן־טראָפּנס.

פאָרהאַנג

ווינטן

צייט-דראמע אין פיר אקטן

חנה לעווין

בײ װעמען כ'האָב אויפגעמאַכט די ערשטע טיר
צו א שײן ײדיש הױז, אין אמעריקע.

עס שפּילן:

עזריאל	
בלומע	זיין ווייב
רייזעלע	זייער קינד
ר׳ שמואל	איר זיידע
אברהם־זעליק	אַ פּעטער
שרה־הינדע	זיין ווייב
ווינקלער	אַ שטובאיינגייער
קראַקאָווסקי	
דער יונג	

יידן, יידענעס, זעלנער, שיקסעס.

ערשטער אקט

ביי עזריאלן אין שטוב

ב ל ו מ ע

זיצט אויף די קאַנאַפּע, פאַרנעפּלטע אויגן.

ר יי ז ע ל ע

וועלכע זיצט איר צופיסנס, שטייט־צו

מאַמעלע, מ׳וועט נישט מער גיין אין שולע?

ב ל ו מ ע

ניין, טעכטערל.

ר יי ז ע ל ע

מאַמעלע, די פאַני אי געשטאָרבן?

ב ל ו מ ע

ניין, טעכטערל.

ר יי ז ע ל ע

מאַמעלע, ווי לאַנג קלערט זי נאָך צו ליגן קראַנק, ביז זי וועט שטאַרבן?...

ב ל ו מ ע

די פאַני איז נישט קראַנק, טעכטערל.

ר יי ז ע ל ע

אַז די פאַני איז נישט געשטאָרבן, און ליגט אַפילו נישט קראַנק, — פאַרוואָס ווידער אויפגעהערט גיין אין שולע אַריין?

ב ל ו מ ע

ווייל, ס׳האָט זיך געמאַכט אַ מלחמה, טעכטערל.

ר יי ז ע ל ע

וואָס איז אַ מלחמה, מאַמעלע?

ר יי ז ע ל ע

אַ מלחמה.

רײזעלע

אַז קינדער זאָלן נישט גײן אין שולע?

בלומע

דאָס, און נאָך עפּעס...

רײזעלע

כאַפּט זיך

אַ, כ'װײס שױן: אַ מלחמה איז ס'אײגענע װאָס שבת; שבת זיצט מע אױכעט אין דער הײם...

בלומע

יאָ; אַ שװאַרצער שבת אַזױנער...

רײזעלע

זינט װען איז געװאָרן די מלחמה, מאַמעלו?

בלומע

אַ פּאָר טאָג, אינגאַנצן...

רײזעלע

און לאַנג זײן, מאַמעלו?

בלומע

דערװײל, זיך ערשט אָנגעהױבן.

רײזעלע

צעטאַנצט זיך

אױ, װען זי זאָל שױן שטענדיק זײן, — און קײנמאָל נישט אױפהערן...

בלומע

דיך נאָך דערװײל מער געמעגט שפּילן, און װײניקער זאָגן חכמות, מײן שײן קינד...

רײזעלע

יוזשי האָט געװאָלט: די שולע זאָל זײן פאַרמאַכט, האָט זי געבעטן, — די פאַני זאָל שטאַרבן; און איך װיל בעסער: ס'זאָל זײן אַ מלחמה, און די פאַני לעבן... אַ שײנע פאַני...

ב ל ו מ ע

דו ווייסט אויך אַ סך וואָס דו ווילסט...

ר יי ז ע ל ע

אַ מלחמה!

ב ל ו מ ע

וואָס איז אַ מלחמה?

ר יי ז ע ל ע

יוזשי זאָגט... פּאַרגעסן און וואָס זאָגט מיעטעק?... יאָ... אַז צוויי קיסרים גייען זיך אַרויס שלאָגן, איז אַ מלחמה...

ב ל ו מ ע

אַז די קיסרים וואָלטן זיך געבראָכט אַרויסגיין שלאָגן, — קיינמאָל קיין מלחמה נישט געווען...

ר יי ז ע ל ע

ווער דען שלאָגט זיך, אַז נישט די קיסרים?

ב ל ו מ ע

די מענטשן זיינע שלאָגן זיך פאַר אים; אַז איין קיסר איז בייז אויפן אַנדערן, — שיקט ער זיינע מענטשן אין די מלחמה אַריין, זיי זאָלן זיך גיין שלאָגן מיט יענעם קייסערס מענטשן...

ר יי ז ע ל ע

און די קייסערס אַליין?

ב ל ו מ ע

זיצן אין שטוב, און שפּילן זיך...

ר יי ז ע ל ע

און די מענטשן ווילן זיך פאַר אים גיין שלאָגן?

ב ל ו מ ע

זיי ווילן טאַקע נישט, נאָר האָבן מורא, — מ׳זאָל זיי דערפאַר נישט הרגענען...

ר ײ ז ע ל ע

װער װעט זײ דערפֿאַר הרגענען ?

ב ל ו מ ע

די, װאָס זענען דעם קײסערס, װעלן הרגענען יענע, — װאָס זענען נישט דעם קײסערס.

ר ײ ז ע ל ע

זענען נישט אַלע דעם קײסערס ?

ב ל ו מ ע

נײן, טעכטערל.

ר ײ ז ע ל ע

װעלכע זענען יאָ דעם קײסערס, און װעלכע נישט ?...

ב ל ו מ ע

די, װאָס ער צאָלט געלט, און זײ טראָגן היטלעך, זענען אָנגעטון אין שינעלן, האָבן ביקסן מיט שװערדן...

ר ײ ז ע ל ע

כאַפּט אויס

זעלנער !

ב ל ו מ ע

און זײ הײסן הרגענען יענע, װאָס נעמען נישט קײן געלט, און טראָגן נישט קײן ביקסן מיט שװערדן...

ר ײ ז ע ל ע

און אַז זײ אַלײן, נישט װעלן גײן צו אים אין דער מלחמה אַרײן ?...

ב ל ו מ ע

די זעלנער ?

ר ײ ז ע ל ע

װער װעט זײ װידער הרגענען ?

בלומע

די, וואָס וועלן נישט וועלן הרגענען יענע; יענע, וואָס וועלן נישט די הרגענען, ביז זיי וועלן זיך איינס ס׳אַנדערע אויסהרגענען...

רייזעלע

און וואָס וועט זיין מיט די מלחמה?

בלומע

קיין מלחמה נישט מער.

עזריאל

קומט אריין פון גאַס

טאַקע פאַרזאָרגט?

בלומע

ווי פאַלסטו אויס?... כ׳בין פריילעך... כ׳בין לוסטיק... לעבעדיק... מיך נאָך שטעלן באַלד טאַנצן אויכעט... ברעכט אויס מיט אַ געוויין.

עזריאל

זעצט זיך צו צו איר

נישט בלויז מיך אַליין געטראָפן; אָנגעכאַפּט יעדן איינעם ביים האַלז; און אויף וויפיל ס׳שטיקט מיך, — אַנדערע נישט ווייניקער...

בלומע

מיינסט: אַז מ׳פרייט זיך ערגעץ אַנדערש יאָ?... דאָס זעלביקע געוויין אין אַלע הייזער... שטעל דיך אַ רגע אַוועק, הערן: אויבן, אונטן, ס׳געוויין דעקט צו די ערד...

עזריאל

אוודאי איז געווען גוט: אַז מ׳איז געזעסן איינגעזעסן איטלעכער אין זיין געשעפט, אויסגערעכנט אויף זיין שטיקל ברויט מיט פוטער...

בלומע

מוחל ס׳ברויט! אַזוי ווי כ׳האָב מיר אָפּגעהאַקט די פינגער דערפאַר, דאַרויף ווייטער באַשטיין, — נאָר דו זאָלסט מיר אין דער אָרימקייט

נישט אויספעלן... כ'האָב אַלעמאָל מורא געהאַט, אַליין... אין שטילן... ווען מ'האָט אפילו געוואוסט: אַז ס'וועט מאָרגן נישט אַנדערש זיין פון נעכטן... דאָס זעלביקע אויפשטיין און אַרויסגיין... דער הונט זיך אין דרויסן נישט ברויכן שטאַרקער צעבילן אויף קיינעמען... די קאַץ נישט האָבן ווער פון שלאָף איבערצוּוועקן... נישט, אַצינד: מ'האָט אַוועקגענומען די בייטש, און די גאַנצע שטאָט בלייבט אויף גאָטס באַראָט; דער סטראַזשניק איז אויס!... ווער ס'אי פריער געווען שטאַרק, — באַהאַלט זיך אויס, און אַ מויז ביי זיך גרויס...

עזריאל

ווילסטו: כ'זאָל נישט אַוועקגיין?

בלומע

כ'האָב אַלעמאָל געשפּרונגען פון די הויט, אַז ס'האָט ווער היינטער מיר הויך אָפּגעגעניצט, נישט: כ'הער, — ווי מ'רייסט אין דרויסן אויף די באַן; כ'זע: ווי מ'פּאַרבערענט דעם וואָקזאַל, מ'צעטראָגט די ראַמפּעס, דעם סאָנד... די פּאַלאַטע...

עזריאל

כ'גיי דאָך נישט פאַר נחת; כ'ווייס, — ס'אַ מלחמה, און מ'שיסט נישט מיט קיין אַרבעס...

בלומע

און נאָך אַזאַ מלחמה!... כ'רעד שוין נישט פון די קליינע, נאָר אַזוינע בערן: ווי רוסלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, — נאָך ווער געבליבן אויפן צעטל?... די גאַנצע וועלט גייט זיך שלאָגן, און וואָס מאַכט ביי איר אויס אַ מענטשעלע?... נישט מער ווי אַ זעמדעלע, אַ פּראָכעלע, וואָס דער ווינט האָט זיך דערמיט צעהוליעט... און ביי מיר?... וואָס וועט פון מיר ווערן, אַז כ'וועל דיך נישט האָבן?...

עזריאל

פאַרוואָס זאָלסטו מיך עפּעס נישט האָבן?...

בלומע

די אַלטע, איינגעשלאָפענע וועלט האָט אַ ציטער געטון, און גרעניצן אויפגעהערט גילטן, שטעט זיך אויסגעשיט, און קוילערן זיך אַראָפּ ווי

די שטיינדלעך פון אַ באַרג, — גייסטו, דער גרויסער גיבור, צו איר אַריינשטעקן אַ פוס ?...

ע ז ר י א ל

רעדסט אַזוי, ווי ס׳וואָלט זיך מיט אַלעם געווענדט אָן מיר...

ב ל ו מ ע

ס׳ווענדט זיך באַם נישט אין קיינעם מער, ווי אין דיר...

ע ז ר י א ל

אַזוי ?

ב ל ו מ ע

אין טשענסטאָכאָוו נאָך אייערנעכטן, ווי צו זיך אין דער היים, — אַריין, אָן איין שאָס, דער דייטש; פון קראָקע רוקט זיך פּאַמעלעך עסטרייכישע קאַוואַלעריע; די רוסן קאָנען זיך דאָ קוים האַלטן געציילטע שעהן; באַלד פון זיי נישט מער בלייבן ווי דער בית־עולם, וואָס דו זעסט; דער צלם פון די ליידיקע צערקווע...

ע ז ר י א ל

אַלץ גוט געווען, ס׳זאָל שוין אַזוי בלייבן; און נישט מער אומקערן זיך צוריק; גיי איך די מינוט אַראָפּ אין קעלער, באַהאַלט מיך אויפן בוידעם, אונטערן איבערבעט, ביז די דייטשן וועלן אַריין, — און כ׳בין נישט מער זייער מענטש; וואו וועסטו מיך באַהאַלטן דערנאָך, אַז זיי וועלן צוריק קומען, — מ׳זאָל מיך נישט צושטעלן צום סלופּיקל ?...

ר י י ז ע ל ע

קומט אַריינצולויפן

פּאַפּע, דו גייסט אַוועק אויף די מלחמה ?

ע ז ר י א ל

גיט איר אַ כאַפּ אַריין אין זיך

דו וועסט אויכעט זיין מיט דער מלחמה; כ׳ברויך נישט גיין צו איר, — זי איז מיט אונז דאָ, אַרום שטאָט : הערסט : ווי מ׳שיסט ?... בו־בו־בו...

דו זיצן אין שטוב מיט די מאַמע, און איך בלויז אַרויסגיין צולייגן אַ האַנט...

בלומע

כ׳וויל נישט: ס׳האַרץ זאָל מיר קלאַפּן, יעדע רגע אָפּשטאַרבן, — ווען ס׳וועט זיך נאָכמער אָנרוקן, פּאַרטויבן מיטן שיסן, און ס׳פייער אויסברע־נען די אויגן; די ווענט זיך נעמען שאָקלען, און דער באַלקן חשק האָבן אויפן קאָפּ אַראָפּצופּאַלן; ביי דיר זיך דאַן וועלן באַהאַלטן מיטן קינד, באַגראָבן בלינד...

עזריאל

יאָ... אַז כ׳זאָל דערנאָך נישט מער זיין איינגעשטעלט... און אַמאָל, מיך נאָך ברויכן קאָסטן ס׳לעבן... אַזוי וועל איך גיין און אָפּקומען... אָפּקו־מען און קומען...

בלומע

ניין, דאָס ווייס איך; נאָר... מ׳קאָן קומען, ס׳זאָל גלייכער זיין דאָרט צו בלייבן... און אויב ס׳גייט אין אַ פוס, הייס איך אים דיך שוין אָפּגעבן די מלחמה: „נאַט אייך דעם פוס, און ס׳איבעריקע גיט מיר..."

עזריאל

כ׳ווייס נישט, וואָס דו זאָלסט דיר אַזוי שלעכט אָפּירנעמען?

בלומע

מיט טרערן

אַז כ׳וואָלט געוואוסט, דיין לעבן איז נישט אין קאָן, — געדולדיק געטראָגן דעם עול ווי אַ שווערע משא אויף די אַקסלען; געציילט די טעג, וויפיל זיי ברויכן דאָרט, מער־וויניקער זיין, און דערנאָך אַוועקגעזעצט ביים פענסטער, דיך אָפּוואַרטן: דו גייסט... קומסט... און מיינע אויגן געטרערט מיט ווייסע טרערן, נישט קיין געזאַלצענע... נאָר, זיסע... אָבער ווער ווייסט: דו גייסט דיך איינהילן אין איר, — אויב דו וועסט דיך קאָנען פון איר צוריק אויסהילן?

עזריאל

מיינסט: ס׳זאָל נישט זיין אויף קיין לאַנגע יאָרן, ס׳פייער?...

בלומע

וואָרן, ס'האָט עמעץ אַ טאָג פריער געקאָנט וויסן: אַז עס וועט צופאַלן און דאָס זעלביקע, ווען ס'וועט זיך אָפּלעשן?... ס'זעט זיך מיר נאָר אויס, ווי די וועלט וואָלט אַוועקגעפאַלן אויף עפּעס אַ שווערע קרענק, און לאַנג האָבן מיט זיך צו טון, ביז זי וועט פון איר אַרויסקומען... מ'ווערט נישט אַזוי גיך געזונט פון אַזאַ קרענק...

עזריאל

דען מיגלעך: דאָס זאָל לאַנג אָנהאַלטן?... נישט מע אַרבעט אין שטאָט, נישט מע אַקערט, און נישט מ'זייעט און מ'שניידט אין דאָרף; נישט, מ'קויפט און מ'פאַרקויפט אין די געוועלבער... וואו ווייט קאָן מע אַזוי גיין אָן, — פאַרגיין?...

רייזעלע

קומט ווידער אַריינצולויפן

טאַטעלע, אַלע שרייען: מלחמה! מלחמה! וואָס איז אַזוינס אַ מלחמה?...

עזריאל

נעמט איר אַריין אין זיך

אַ מלחמה, מיין קינד, ווי זאָל איך דיר זאָגן?... איז אַ געשלעג... נאָר, אַ געשלעג איז אָבער נישט קיין מלחמה...

רייזעלע

אַ מלחמה איז אַ געשלעג, נאָר אַ געשלעג איז נישט קיין מלחמה; נאָר וואָס דען?...

בלומע

אַ חיה: מיט זיבן פיס, צוויי קעפּ און דריי מיילער...

עזריאל

אַז מ'שלאָגט זיך מיט הענט, מיט שטעקענעס, אָדער אפילו מיט שטיינער איבער די קעפּ, — איז עס אַלץ נישט מער ווי אַ געשלעג; נאָר, אַז מ'נעמט שיסן...

ב ל ו מ ע

איז אַ מלחמה...

ע ז ר י א ל

אין אַ פראָסט געשלעג קאָן זיך יעדער איינער שלאָגן; און אַ מלחמה שטייט בלויז אין ביי זעלנער אין די הענט...

ר ײ ז ע ל ע

ווער זענען די זעלנער, טאַטעלע?

ע ז ר י א ל

אַ זעלנער איז יעדער איינער; נאָר ווען איינער שלאָגט זיך ווי אַ זעלנער, — איז דאָס שוין אויך פאַר יענעם, און נישט בלויז פאַר זיך...

ר ײ ז ע ל ע

און וואָס טויג זיך פאַר יענעם צו גיין שלאָגן?...

ע ז ר י א ל

ווייל, יענער איז דאַן אַזוי גוט ווי אַליין; און יענעמס, — ווי אייגן...

ב ל ו מ ע

זאָל יענער גיין אויפשטעלן פאַר דיר די פלייצעס, אַז ער איז אַזוי גוט ווי דו, — און דו בלייבן אין דער היים; אַז כ׳וועל נישט האָבן דעם קינד אין מויל אַריין צו געבן, — טאַקע זען, אויב יענעמס וועט זיין ווי אייגן...

ע ז ר י א ל

צופעליק: צי קיינעמען נישט ברויכן אָנקומען...

ב ל ו מ ע

ברויכסט דיך נישט אַזוי שטאַרק איבערנעמען מיט יענעמען, כאָטש דו גייסט פאַר אים אַוועק, — ער זאָל וועלן אַוועקנעמען די האַנט פונם האַרץ, און ביי אים נישט זיין קיין גרויסער הילוק צווישן מיינס און זיינס; גראָד ווייל ס׳איז אַלץ געוואָרן הפקר, היט זיך יעדער ס׳ביסעלע ניקע נאָכמער אָפּ...

קולות אין גאַס.

ר ײ ז ע ל ע

קומט אַרײַנצולױפֿן

טאַטעלע, זעלנער גײען...

ע ז ר י א ל

אין פֿענסטער

בײדע פֿולקן, װאָס זענען דאָ געשטאַנען, גײען אַװעק; געמײנט: אַרױס אַנטקעגן די דײַטשן, זײ נישט אַרײַנלאָזן אין שטאָט...

ב ל ו מ ע

מיט אים אין פֿענסטער

ס׳אַ געשרײ ס׳גײט זײ נאָך... דער טױט זיך צעשריגן איבער זײערע קעפּ, און באַגלײט זײ אַרױס... און דו װילסט, ער זאָל דיר אױך נאָכגײן...

ע ז ר י א ל

נאָר דאָ בלײַבן שטײן?...

ב ל ו מ ע

האַלזט אים אַרום

כ׳װעל אױסגײן אַלײן, אין די גרױסע נעכט, װען דער שׂכל איז אָפּהענטיק, דער מינדסטער געפֿיל האָט אַ זינען, און מ׳קאָן אים אָנטאַפּן מיט די פֿינגער, אַרײַנעמען אין די הענט; ער װעט ליגן צעלײגט צװישן די פֿיר װענט, װערן גרױס און קלײן, אײַנגעצװיגן און צעלאָזט װי די שװאַרצע אַפּלען בײַ אַ קאַץ; און נעמען שפּרינגען פֿון די הױט, אַז ס׳קינד װעט אַ צו שטאַרקן ריך טון מיט אַ גלאָז אױף אַ טאַץ...

עס הערט זיך דאָס אױפֿרײַסן פֿון דינאַמיט.

אברהם־זעליג, שרה־הינדע, — אָנגעלאָדן מיט פּעקלעך, און באַזונדער: אַ יונג, — װאָס טראָגט זײ נאָך אַ גרױסן פּאַק, װעלכן ער נעמט דאָ אָפּלײגן.

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ג

געװאַלט, װאָס דאָ טוט זיך?... אַ בהלה... אַ צעמישעניש... אַן ערב רב... אַ דור הפּלגה...

ע ז ר י א ל

פון וואַנעט האָט איר זיך דאָ אָפּגעריסן ?...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

פון עק וועלט...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ג

וואַרט אַ מינוטקעלע, מיך נאָר אָפּקומען מיטן יונג, — דיר אַלץ דער־ציילן ; וואָס כ'וועל נישט דערלייגן, — אַראָפּנעמען געוויס נישט...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

מ'זעמיר נעבעך גוט אַריינגעפאלן, וואָס קלערט עך ?

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

איבערס קאָפּ... שרה־הינדע, איבערס קאָפּ... *פּאָרעט זיךביים פּאַק* נעם אים עטוואָס־צו צו די וואַנט, פּאַמעמעך... האַק נישט אָפּ קיין שטיק פון איר... מיך באַלד צו טייער קאָסטן... *נעמט זיך צום בייטל גו*, וויפיל קומט דיר פאַר די טרחה ?...

ד ע ר י ו נ ג

אַ האַלב קערבעלע.

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

וויפיל זאָגסטו ?

ד ע ר י ו נ ג

אים אין אויער אריין

אַ האַ״ב קערבעלע !

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

זינט ווען עס ביי דיר אויפגעשלאָגן ?

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

ערשט נעכטן ווי ס'אי געוואָרן די מלחמה, און זיך שוין ביי אים אַזוי שיין אויפגעשטעלט ?...

אברהם-זעליק
אַ טאַקסע ביי אים אַזוינע ?

דער יונג
אלמאי האָט נעכטן געקאָסט פיראונצוואָנציק גראָשן אַ ברייטל, און דער בעקער הייסט זיך שוין דערפאַר משלמען אַ גאַנץ קערבל ?...

אברהם-זעליג
קיינמאָל נישט מער געגעבן ווי אַ גראָבן, געשוואָלענעם צענער ; נאַדיר און גיי...

דער יונג
ב'וויל נישט מער ווי אויף אַ האַלב ברויט ; וואָס זאָל איך טון, אַז ברויט איז אויכעט טייערער געוואָרן ?...

אברהם-זעליג
אָבער ס'לעבן איז דאָך ביליקער געוואָרן, וואָס ווילסטו ?...

דער יונג
עסן ! מ'ברויך אַלצאיינס לייגן אין מויל אַריין...

אברהם-זעליג
נאַדיר אַ פירציקער ; כ'בין נישט באַגליקט געוואָרן אין דער יאַזדע...

שרה-הינדע
געגנוג האָבן דערלייגט צו איר...

דער יונג
ס'קאָסט אַ האַלב קערבעלע, פעטער.

אברהם-זעליג
געוואָרן אַ שיתוף צו מיר ?... אַרייגעלייגט אויף שטר היזק ?... און אַ פופציקער קאָנסטו באַשטיין ?...

דער יונג
ס'טאָר קיין גראָשן נישט פעלן...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

זיך צוּוּעקגעלייגט אויפֿן האַלבן קערבל, און גיב אים כאָטש אַכצן קרענק, — ער זאָל זיך וועלן אַראָפּרירן פֿון אים...

ד ע ר י ו נ ג

אַזאַ שטיק וועג פֿון די ראָגאַטקע: און זיין אַ משרת, אייך נאָכטראָגן דעם פּאַק בחנם ?... איר זענט מיר אַ שיינער ייד ?...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

מער אַריינגעלייגט אינם עסק ווי די פּלייצע, אויף אַ האַלבע שעה ?...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

גיבן ; וויפֿיל די מלחמה קאָסט דיך, ער דיך שוין מיט מער נישט אויס־בייטלען ; דיר מאַכן מיטן אַ קראָם און אַוועקשטעלן דינגען אין אַ פֿרעמ־דע שטוב ?...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

אַ פֿרעמדע ? ביי מיין ברודערס זון, עזריאל ?... נאַ, נעם דיר צוויי גילדן... ווי ?... באַשטייסט נאָך אַלץ נישט ?... אויב אַזוי קאָנסטו נאָך מיר שיקן פֿונם רב, אָדער זיך גיין זשאַלעווען אויף מיר פֿאַר די מלחמה... מער גיב איך נישט, זאָלסט דיך אפֿילו אויסציִען...

ד ע ר י ו נ ג

מיין כפּרה ! איר מיינט : כ'וואָלט נישט באַשטאַנען אויפֿן גראָבן צענער, אַז די מלחמה זאָל נישט זיין ?... וואָס זאָל איך טון ?... אייערנעכטן ווי זי איז געוואָרן, — און אַ ברייטל איז שוין אַ קערבל ; אַ קוואָרט הירזש, — אַ פֿערציקער ; מעל, — אַ נעכטיטער טאָג : אויף נאַפּט קאָן מע זיך דערפֿרעגן ביים רבונו־של־עולם ; נאָך קוילן, — כאָטש אַליין גיין דער־נאָך אין דרערד אַריין... אָפּ.

ע ז ר י א ל

נו, עפּעס אַזוי פֿאַרחושכט ? און ביידע אינאיינעם אויף אַמאָל ?...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

איין מינוטקעלע ! מיר נאָר וואַשן די הענט און זאָגן אשר יצר... דערזעט איר אַוועקזעצן אויפֿן פּאַק ווילסט דאָ אויכעט נישט אָפּטרעטן פֿונם, דעם מאַ־

יאָגטעק דיינעם ?... מיינט : ס׳איף די פור, — באַזעצט אויף אים ווי אַ הון אויף די אייער, און נישט געוואָלט אַראָפּרירן ; מעגסט דאָ לאָזן געלד אומגעציילט... פארשווינדט.

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

משוגע, חסר דעה...

ע ז ר י א ל

אוודאי זיך פונקט אַרויסגעלאָזט איינקויפן...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

און די מלחמה האָבן גוט צום קאָפּ געזען...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

קומט צוריק מיטן האַנטוך אין האַנט

אַ פרעמדער, אַ ?... כ׳נעכטיק דאָ אַלעמאָל איבער, ווען כ׳פאָר און קום פון לאָדזש ; האָב מיין אכסניה ביי אים... אַצינד, עזריאל, דיר קודם־כל אָנשטעקן דעם שלום עליכם, און נישט שולדיק זיין ; פון וואַנעט כ׳קום ?

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

פון לאָדזש.

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ג

פון וואַנעט דען קאָן איך קומען ; וואו כ׳פאָר ?

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

אַהיים, קיין לאָפּעשנע.

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ג

וואו דען קאָן איך פאָרן ?

ע ז ר י א ל

כ׳צווייפל : אויב איר וועט נאָך קאָנען דערציען ?

שרה־הינדע

וואָס הייסט?

אברהם־זעליג

כ׳גיי מיך שוין אַרויס אומקוקן אויף אַ פור.

בלומע

װעלכע האָט זיך געדרייט צווישן די טירן

מ׳שמועסט: יענע זאָלן זיך שוין האָבן דאָרט באַוויזן...

שרה־הינדע

אַ בראָך איז מיר... געלאָזט די קינדער אַליין אין דער היים...

עזריאל

נו, זענען זיי ביי די עסטרייכער, און מיר ביי די רוסן...

אברהם־זעליג

גוט איינגעזייפט...

בלומע

נישט לאַנג געדויערן, און אַלע זיין ביי זיי...

שרה־הינדע

פאַרבראָכן

כ׳האָב מיך געהרגעט מיטן, געהרגעט: כ׳וויל נישט מיטפאָרן... אַלעמאָל פאָרט ער אַליין, און דאָ אַ משלחת געוועז, אַ ריין משלחת: מ׳זאָל זיךביידע אַרויסלאָזן...

אברהם־זעליג

איר זיכער נישט מיטגענומען, אַז זי זאָל מיר נישט אָפעסן די לעבער יעדעס מאָל, און קראַנק מאַכן, אַז כ׳ברענג אַהיים די קראָם: דאָ איז ס׳בלימעלע קרום; ס׳שטערנדל נישט גענוג גרויס, אָדער זעט זיך נישט גוט אַרויס, — זאָל זי מיטפאָרן און איינמאָל פאַר אַלעמאָל, זיך אויס־קלויבן מיט אַזאַ שטערנדל און אַזאַ פייגעלע... און אַן עק... אַז כ׳וואָלט דאָס געוואוסט, — אַליין יאָ געפאָרן?... גיי, זיי אַ נביא און ווייסט: אַז

מ׳וועט זיך לייגן שלאָפֿן ביים רוס און אויפֿשטיין ביים דייטש?... הונ־דערטער יאָרן זענען מענטשן געפֿאָרן, געריטן, געלאָפֿן, און מיך ברויך גראָד טרעפֿן די מלחמה אונטערוועגנס...

עזריאל

נישט אייך אַליין בלויז געטראָפֿן.

שרה־הינדע

וואָס בין איך געהאָלפֿן, אַז כ׳טאַנץ נישט אַליין אויף די חתונה?... וואָס אַ האַלבע וועלט איז אויף איר פֿאַרבעטן, און אינאיינעם מיט מיר גע־בליבן קוועטשן אויף די וועגן?...

בלומע

אָבער, זיך דערשלאָגן אין אַ שטוב אַריין?...

אברהם־זעליג

כע־כע... אַז איינער צעברעכט אַ פֿוס, גיט ער אָפּ אַ שבח והודיה, וואָס ער האָט נישט צעבראָכןביידע; אוודאי איז גוט: מ׳האָט אויף די מי־נוט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן; וואָס זאָלן זאָגן יענע, וועלכע האָבן דאָס אויכעט נישט?... געבליבן ווי אַ שאָל אויפֿן וואַסער, נישט קיין פּאָדלאָגע אונטער די פֿיס, און אָן אַ באַלקן איבערן קאָפּ?...

שרה־הינדע

מיך נישט אַזוי פֿיל אַוועקגעברענגט, כ׳זאָל האָבן די קינדער מיט זיך... צווי פּיצלעך קינדער, אויסגעוווייקט אין בלוט און אין טרערן...

אברהם־זעליג

און די קראָם וואָס מ׳וועט דאָרט צעטראָגן, איז גאָרנישט?

שרה־הינדע

די קראָם גייט טאַקע אויכעט נישט צופּיס.

אברהם־זעליג

וואו וועל איך נעמען די וועקסלען צו באַצאָלן? וועקסעלעך, — נישט אַזויפֿיל האָר אין קאָפּ...

עזריאל
מ׳האָט דאָך אָפּגעשטעלט ס׳צאָלן.

אברהם־זעליק
ווי ?... שרה־הינדע, דו הערסט ?... אַזאַ גליק : נישט אָנזעצן, נישט באַנ־קראָטירן, און אַלעמען קאָנען אויסשטעלן אַ פייג ?... נישט ברויכן באַצאָלן פאַר די סחורה ?... זינט די וועלט שטייט !... מיר ערשט געקאָנט אויס־גלייכן די ביינער, ניין ?... ברויך מיך די מלחמה אָנכאַפּן ביים האַלז... נו ?...

בלומע
דאָס זאָל אייך זיין ס׳ערגסטע...

עזריאל
נישט די מלחמה, דאָך נישט אָפּגעשטעלט ס׳צאָלן...

שרה־הינדע
פאַרפוילטע פיש געגעסן, און פון שטאָט אַרויסגעטריבן ; מ׳זאָל אַזוי זיין אין דער היים מיט די קינדער, אוי־ווי, געוואַלט !... מיר נאָך קיינמאָל נישט אַזוי וואויל געווען...

אברהם־זעליק
אַמאָל געווען אַ פעטער אברהם־זעליק, וואָס איז געריטן אויף אַ פּאָר טויזנט קערבלעך, אַ קראָם, און געהאַט קרעדיט ביי מענטשן, אויס ! אַצינד האָב איך נישט די וועלט און, נישט יענע וועלט ; איין קראָם אין לאָדזש, די אַנדערע אין לאָפּעשנע ; די מלחמה איר אַדורכגעשניטן אויף צוויי, און דער דייטש איז אין מיטן...

עזריאל
אָפּגעשטעלט ס׳צאָלן, מסתמא, נישטאָ וואָס צו באַוויינען ; די קראָמען קיין שמעק־טאַביק נישט ווערט...

אברהם־זעליק
נעמט זיך צום ווייב

איי, ווען דו זאָלסט מיך אָבער נישט אַדורכשטעכן מיט דיינע גיפטיקע ריידעלעך, און פון מיר אַראָפּעסן ס׳פלייש אַ גאַנצן גייענדיקן ווינטער,

אַ ?... יעדעס מאָל כ'האָב אַהײמגעבראַכט די פּעקלעך, מיר זײ נישט געװען װאַרפֿן אין קאָפּ אַרײַן: „אַזאַ יאָר אױף דיר, װי דו האָסט דיר אײַנגעהאַנדלט"...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

האָט נאָך אַ טענה, אַזאַ שטיק צעקראָכענע ײדענע װי ער איז; דרײַ־פֿיר פּעקלעך אײַנגאַנצן, — עס בײַ אים געדױערט ימים־ושנים; נישט געװען אַזױ גראַבלעך, — פֿון לאַנג זיך שױן געפֿרײט מיט די קינדער אין דער הײם; די מלחמה פֿאַרשפּאָרט אָפּשנײַדן, מ'זאָל בלײַבן קרח מכאן און קרח מכאן, נישט אַהין און נישט אַהער...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

אײנמאָל אין יאָר אַז כ'פֿאָר, און נאָך דערצו איר מיטגעהאַט, — טאַקע געװאָלט צוקלױבן אַ פּעקל, כ'זאָל מיך האָבן צו באַװײַזן דערמיט אין לאָפּעשנע פֿאַר די פֿױערן און פֿױערטעס... און באַזונדער: האָב איך װעמען אױפֿן באַלוט, שטיקלעך משפּחה: פֿון טאַטנס צד, מאַמעס צד, און אַז כ'קום אַלײן, — קאָן איך מיך נאָך װי ס'איז אױסדרײען; אָבער זי זאָל האָבן געװען, — און פֿאַר זײ זיך נישט געװיזן מיט איר, קײן־מאָל נישט געקאָנט מער זיך אױסקױפֿן... נו ?... האָב איך געמוזט אַרײַנ־לײגן נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, װאָס האָב איך מיך דאָ געהאַט צו אײלן ?... זומער... שניט... קײן ירידים זענען נישטאָ... און אַז כ'בין שױן באַלד געװען מיט אַלעם פֿאַרטיק, נאָר צו נעמען די פּיס אױף די פּלײצעס...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

איז געװאָרן די מלחמה.

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ג

זיך געמאַכט ס'געװאַלט, האָב איך געכאַפּט ס'פּעקל, און געפֿלױגן דער־מיט, װאו האָב איך געקאָנט פֿליען ? צו דער באַן ! נאָר װאו איז שױן דאָ אַ באַן ? װאו נעמט מע אױף איר אױף סחורה ? איבער אַ נאַכט, און שױן װי פֿון הונדערט יאָר קײן באַן נישט געװען; און װאָס ס'אי־יאָ נאָך דאָ, — רײַסט מע דערפֿון לעבעדיקע שטיקער, עס זאָל אױכעט

נישט זיין... אַ קליינער שייגעץ טראָגט אַראָפּ אַ שטיק שינע... רבונו־של־עולם, וואָס וועט ער שוין האָבן, אַז ר'וועט דאָס שטיק שינע אַהיימשלעפּן ?... אַ צווייטער זיך איינגעשפּאַנט אין אַ וואַגאָן, אַ גאַנצן וואַגאָן, און וויל אים, נישט אַנדערש, ווי אַהיימקריגן... כ'קוק אויף די מענטשן, זיי זענען משוגע געוואָרן... כ'וויל עמעצן פרעגן אַ וואָרט, נאָר ס'איז דען דאָ וועמען צו פרעגן ?... מיינע פאַרברעכט די הענט, און צעכליפּעט זיך אויפן קול, איר קולכל: „זי וויל אַהיים !" פרעגט מע איר: „וואו ס'איז די היים אירע ?" און כ'זאָג: „לאָפּעשנע !" גיט זיך יענער אַ גלעט איבער די באָרד: „ווער ווייסט, אויב מ'האָט אייך שוין דאָרט נישט אָפּגעשמדט אויף די דייטשע נאמנה" ?... אָדער גאָר נאָך קליגער: „טרעפן ס'מקום אויפן זעלביקן אָרט ?..." ווערט מיר הייס און קאַלט, און שריי געהאַלט: „כ'וואָלט גערן אַהיימגעלאָפן צופיס, נאָר גיט מיר מיט וואָס ?..." מיין ווייב וויל נישט הערן: „נאָר אַ באַן !..." גיי באַשאַף איר אַ באַן !... זאָגט צו איר יענער: „זיך מעגן שעצן גליקלעך, אַז ר'וועט קאָנען גיין צופיס, און דאָס מאָל אויסקומען אָן די באַן !..."

שרה־הינדע

מיך געוואָלט אונטערנעמען צו גיין אַזוי פיל מיילן ? דאָך געבליבן אָן פיס...

אברהם־זעליג

נישט קיין באַן, זאָל זיין אַ וואָגן; אַבי, פיר רעדער; און אַז מ'גייט זיך באַדינגען מיט אַ בעל־עגלה, איז גאָרנישט צוצוטרעטן; אים גאָר די מלחמה אויפגעשפּילט ! כ'שריי אינם אַריין: „וויפיל ווילסטו ?..." ער ווייסט גאָר אַליין נישט... סתם אין הימל אַריין... וואָס כ'האָב ביי מיין ווייב קיין נדן נישט געקריגן, און פון זיידן ירושה נישט געהאַט... „געוואָלט געשריגן, וואָס גייסטו דיך ווידער, ווייל גאָט האָט דיר אויפגעשפּילט מיט אַ פּאָר געפּגרטע פערד, — אין מיר איינהיילן ?... אָדער ביי די פינסטערע מלחמה אָנגעאַרימען די הענט ?..." „ער וויל האָבן, — גלאָצט ער מיט די קעלבערנע אויגן, — באַצאָלט פאַר די פערד, פאַרן וואָגן, און איבאַייבוועגס, שוין פאַר זיך אַליין אויכעט..." „מילא, פאַרן וואָגן, און פאַר די פערד, — דאָס פאַרשטיי איך; אָבער פאַר זיך אַליין ?..." „אויב ס'זאָל אים חלילה עפּעס געשען, — ס'ווייב זיינס נישט האָבן

וואו באַלד צו נעמען אויפן ערשטן אָנבייסן פאַר די קינדער!..."
„אויב אַזוי, — שטיי איך שוין אין גרויסן, — וואו בין איך? און מיין
ווייב? נישט אויפן זעלביקן וואָגן? בין איך דאָך טאָפּלט אין עסק!...
און אויב ס'וועט דיר עפּעס זיין, — מיך עס דאָך אויכעט נישט מיידן;
און מיין ווייב אוודאי נישט; וואָרן אַ יידענע ביי אַזוינע זאַכן, איז
אַלעמאָל גיכער עלול זיך אַ שוואַרצע קאַפּ אויסצוריכטן, פאַר אַ מאַנסביל;
און ביי מיר די קינדער נאָך בלייבן אָן קיינעמען; און וואו וועלן זיי
גיין נעמען אויפן ערשטן אָנבייסן?..."

ש ר ה - ה י נ ד ע

געלויבט צו גאָט, מ'האַלט שוין אַזוי ווייט; און מיערטשעם האַלטן אויך
ווייטער...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ג

נאָר געוואָלט וויסן: ווי אַזוי מ'קומט אהיים צו די קראָם?...

ש ר ה - ה י נ ד ע

מיט די קינדער.

ע ז ר י א ל

ווי זאָגט אייער ווייב? האַלט שוין אַזוי ווייט, אויך ווייטער האַלטן...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ג

מ'זאָגט דאָך אָבער, מ'זעט שוין דאָרט אַרויס די שפּיצן?

ב ל ו מ ע

צוואַרטן: ביז זיי וועלן זיך דאָ אויכעט אַרויכזען...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

צוגעזעצטע יאָרן זאָל זי דערפאַר האָבן; אַבי כ'האָב געמיינט, די וועלט
עקט זיך שוין דאָ...

ע ז ר י א ל

זיך נאָך אַרויפצוציר אויך נישט עקן...

אברהם־זעליק

און אַ סברא: כ׳וועל נאָך קאָנען צוהיימקריגן די קראָם פֿון לאָדוש, אויכעט?

בלומע

ניִשט די איינע, נאָר עטלעכע...

אברהם־זעליג

און ניִשט דאַרפֿן באַצאָלן פֿאַר זיי?... רבונו־של־עולם! טאַקע נאָר איין שאָד: וואָס ס׳האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז ס׳איז געוואָרן די מלחמה; ניִשט געקאָנט ווערן פֿריִער אַ ביסל, ווען כ׳האָב מיך געטרענקט איבערן האַלדז אין חובות?...

דאָס אויפֿרייסן פֿון דינאַמיט, אין דרויסן, שטאַרקער.

ווינקלער

גיט אַ קום אַריין

אוי־וואַ! ס׳איז זיך נאָר אָנגעטאָן אַ תענוג, און זען: ווי „יאַנקעלע" פֿריס־טאַנצט איז טויט אונטער די אויערן! בלויז צוליב אים אַליין, שוין ווערט געווען די גאַנצע מלחמה... אַזאַ היצל, אַזאַ צורר, — דאָך ניִשט געקאָנט אַרויסרעדן קיין איין גלייך וואָרט, ר׳זאָל ניִשט געבן קיין בריקע מיטן פֿוס... און ער לויפֿט אַרום, ווי מ׳וואָלט אים נ׳קאָפּ אַראָפּגענומען; דאַכט זיך: אַזוי פֿעסט ווי ער איז געזעסן אויפֿן זאָטל, און געטרעסן מענטשן, — אים מיט קיין שום האַרמאַט אין די וועלט ניִשט געקאָנט רירן; דער קייסער אַוודאי ניִשט אַזוי איבערגענומען, און פֿון זיך אַזוי פֿיל געהאַלטן...

בלומע

הענט און פֿיס אונטער יענעמען געוואָרפֿן, וואָס האָט באַדאַרפֿט צו אים אָנקומען...

ווינקלער

און מ׳גייט, און מ׳שטייט אַצינד פֿאַר זײַנע אויגן מיט די פֿורן אויף די גאַס, — ווי קוקט ער שוין צו כאַפּן ביי אַן עבירה? פֿאַר זיינסטהאַלבן: איטשקע געמעגט אַרייַנפֿאָרן מיטן פֿערד און וואָגן, גלייך אין מאַגיסטראַט אַריין, וואו ער איז געזעסן און געקעניגט... כע־כע־כע... זיך ווער גע־קאָנט ריכטן: ס׳וועט אויפֿן קומען אַזאַ מפּלה?...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

גבור איז נישט תמיד גבור, און תקיף, — תקיף...

ש ר ה - ה י נ ד ע

אַמאָל כדאי צו פֿאַרברענען צוליב די וואַנצן, ס׳בעט...

ב ל ו מ ע

ער קאָן דאָך נישט לעבן אָן אים, מיין מאַן, און מוז אים נאָכלויפֿן:
„יאַנקעלע״ פּריסטאַוו זאָל דאָרט האָבן אין וועמען אַריינצוקאַפּען...

ו י נ ק ל ע ר

ווייסט כאָטש, וואו דו ביסט ערגעץ אין די וועלט, עזריאל?

ע ז ר י א ל

אַז די וועלט ווייסט נישט וואו זי איז, זאָל איך וויסן?

ב ל ו מ ע

דו גייסט מיך מער אָן פֿאַר די וועלט...

ו י נ ק ל ע ר

טאַקע געקריגן אַ צעטל, זאָלסט דיך קומען שטעלן?

ע ז ר י א ל

געמיינט: מ׳וועט מיך אַרויסלאָזן?

ו י נ ק ל ע ר

אין דער בהלה?

ע ז ר י א ל

און פֿאַרגעסן?

ו י נ ק ל ע ר

הו-ם...

ע ז ר י א ל

האָבן יעדן גוט אויפֿן קאָפּ.

ווינקלער

און וואָס קלערסטו צו טון ?

עזריאל

ווי איז דיין שכל ?

ווינקלער

כ'זע נישט, זאָלסט דיך האָבן וואו צו שטעלן ; טאַקע באַוויזן צו רופן, אָבער נישט צו נעמען...

בלומע

מיינע רייד...

עזריאל

זעסט דאָך : הירשל, לייבל, און שמואל, אַלע פון די זעלביקע יאָרן, — און שטעלן זיך צו ; זענען זיי נישט אַזוי קלוג ?

ווינקלער

וואו שטעלן זיי זיך ?

עזריאל

גייען קיין ראַדים.

ווינקלער

און אַז זיי וועלן זיך פון דאָרט אויכעט צוריקציען ?

עזריאל

מיטגיין קיין וואַרשע ; וואָרן, זיי וועלן זיך דען פון וואַרשע אויכעט צוריקציען ?...

ווינקלער

אַז מ'אַנטלויפט, ווייס איך נישט וואָס משוגעת איז, צו כאַפן די פיס אויף די פלייצעס און נאָכלויפן ?...

ב ל ו מ ע

מיינע רייד...

ע ז ר י א ל

ט'אי נישט פריער, אַז מ'האָט געקאָנט אָפּקומען מיט דריי הונדערט רובל, אַז מ'האָט זיך נישט צוגעשטעלט; אָדער פאַרן ערגסטן פאַל, — אַוועק אויף דריי יאָר דיסציפּלינאַרני באַטאַליאָן; פאַר אויסבאַהאַלטן זיך פון די מלחמה...

וו י נ ק ל ע ר

וואָרן, דו קאָנסט וויסן: ווי די מלחמה וועט אויסזען, און דיך האָבן געבוג כוח אָנצושמייסן דערפאַר?...

ע ז ר י א ל

און דו ביסט נאָך אפילו מיטן וויסן בילעט דיינעם, נישט זיכער; אויף די הייסע מינוט, בין איך אין דרויסן; זיך עפּעס איינשטעלן, — דיך גאַנץ שיין פאַרבעטן...

וו י נ ק ל ע ר

אויף דעם קאָן איך מיך שוין געוועטן...

ע ז ר י א ל

אים נישט געקריגן, ווייל דו ביסט אַ קאַליקע; אַצינד ברויכן אַרויפגיין אין די פּריסוטסטווע, נאָכקוקן, — דיך גאַנץ גוט אויסטויגן...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

לכתחילה: געהאַלטן פאַר אַ נאַרישקייט, אַז מ'גייט דינען אויף עטלעכע יאָר, און אַז מ'קוקט זיך אַרום...

ע ז ר י א ל

איז אפילו יענער, וואָס האָט נישט געדינט, אויכעט נישט זיכער...

ש ר ה - ה י נ ד ע

די באָבע קיילע, אַ ליכטיקן גן-עדן, האָט געזאָגט: אַז מ'טוט אָן דאָס שווערדל אויף איין טאָג, איז מע אַ זעלנער ס'גאַנצע לעבן...

מ'הערט דאָס אויפרייסן פון דינאַמיט.

בלומע

ווייזט זיך

עפּעס גאָר נאָנט, דאָ...

עזריאל

ביי די באַן.

ווינקלער

אויב דו מיינסט: די רוסן וועלן צוריקקומען, און ביי זיי זיין איינגע־שטעלט, — אַ ברירה האָבן מיטצוגיין מים די דייטשן, אויף ווי ווייט זיי וועלן צוריקגיין; און אפשר גאָר אַריינכאַפּן קיין דייטשלאַנד און איר דאָרט איבערוואַרטן, די גאַנצע מלחמה...

עזריאל

ס'ווענדט זיך, אויב מ'וועט דאָס קאָנען...

ווינקלער

זיין ווידער אין טשענסטאָכאָוו, אין בענדין, — פון דאָרט זיך באַשטימט נישט אָוועקרירן; וואָרן, אויב די רוסן זאָלן שוין קאָנען אַריינשטעקן אַ פוס אין יענע שטעט, — שוין זיין נאָכן דייטש; און ביי אים אַליין זיך קאָנען צעלייגן ווי ביי זיך אין דער היים...

עזריאל

מ'קאָן גאָרנישט וויסן; אַז רוסלאַנד זאָל צונויפנעמען אירע מיליאָנען זעלנער, און אַ געשריי טון: „שאַ־גאָם מאַ־ר־ר־ש!"

בלומע

פאַר מיינעטוועגן: זיך מעגן די קעפּ אַראָפּדרייען, נאָר דו זאָלסט נישט זיין דערביי...

עזריאל

נישט איך, נאָר אַליין אויכעט מוזן דערביי זיין...

בלומע

זיין מלחמה אין דרויסן, וועל איך מיך קאָנען לויפן באַהאַלטן; און דו איר מוזן קוקן גלייך אין די אויגן אַריין...

ע ז ר י א ל

אַנטלויפן מיט די דייטשן, איז אַלצאיינס ווי אַנטלאָפן פון דיר; און ווער ווייסט, אויב נישט אויף אייביק... רוסלאַנד בלייבן, נישט טאָרן מער קיינמאָל צוריקקומען; און זיך גיין פלוצלינג צעשיידן מיט דיר און מיטן קינד?... אויף די מלחמה איז טאַקע אויכעט נישט גוט... כ׳ווייס מיט וואָס אַ מלחמה שמעקט...

ב ל ו מ ע

ווייסט כאָטש יאָ?

ע ז ר י א ל

אָבער, כ׳קאָן דאָך מיך פאָרט נישט גיין באַהאַלטן... הונדערטער יאָרן פריש ברויכן אַראָפגיין גלאַטיק און פאַמעלעך, זיך בעטן שטיל זייערע געלעגערס הינטער די פלייצעס פון דורות אָפלייגן ווי היי, און וואַקסן שטיל ווי די בית־עלמינס אַרום אָפגעלעבטע שטעט; ס׳מוז דאָך אַמאָל צוגעגעסן ווערן דער געמיטלעכער קוקוק, און אויסלערנען פאַרנעמען ס׳געשריי פונם לייב; הערסט ווי דער לייב האָט פאַרריסן דעם קאָפ, און שרייט?... ס׳אי זיין ברילן...

ב ל ו מ ע

די מלחמה רעדט פונם אַרויס...

ר ײ ז ע ל ע

קומט אַריינצולויפן

שוין אויס מלחמה, טאַטעלע!

ע ז ר י א ל

איבעראַשט

פון וועמען דאָס געקאָנט הערן? אָפ.

ב ל ו מ ע

אין פענסטער

די „פאָדוואָדעס״ טאַקע אויפגעהערט אַרויסצוגיין; זיך אָפגעשטעלט אין מיטן...

שרה=הינדע

אברהם=זעליק, וואָס שטייסטו? קום אַהיים צו די קינדער...

ווינקלער

שוין זיין נאָך איר, איידער זי האָט זיך נאָך אָנגעהויבן?...

בלומע

איר קאָנט נישט באַשטיין?

ווינקלער

און קיין איין שאָס נישט האָבן געהערט?

אברהם=זעליק

שטייט און קראַצט זיך

שרה=הינדע!

שרה=הינדע

וואָס איז דיר צוגעקומען?

אברהם=זעליק

און מ'וועט דאַרפן צאָלן די וועקסעלעך?

שרה=הינדע

הלוואַי זיי אַזוי ברויכן צו באַצאָלן, און ס'זאָל זיין נאָך איר, — ווי נאָך נישט...

בלומע

אין פענסטער, אַליין

די זשאַנדאַרמעריע קומט שוין צוריק אַריין...

אברהם=זעליק

מיך בחנם האָבן געפרייט...

שרה=הינדע

אַזוי ווי מ'ווייסט נישט: פון וואַנעט זי האָט זיך גענומען, נישט וויסן, — וואו זי איז אַהינגעקומען...

ווינקלער

„יאַנקעלע״ פּריסטאַוו פריער די פּיס צעבערעכן, און נישט האָבן מער מיט וואָס צו קאָפּען...

אברהם-זעליק

לעבעדיקער

איבער וואָס זיי האָבן זיך דאָ אײַנגאַנצן צעהרגעט ?... אין מיטן שיינעם העלן טאָג... נישט מ׳האָט פריער געהערט: זיי זאָלן זיך האָבן איבער־געוווערטלט, געזידלט, און ווי דער שטייגער: אויסגעשריגן איינס אויף ס׳אַנדערע וואָס ס׳אי נישטאָ אין די קאָרט, און זיך געגעבן אין טאַטנס טאַטן אַריין, מיט די מאַמע פאַרבראָקט... ווי לאַנג, זיך ביידע צונויפגע־קומען, אונזערער מיטן דייטשישן, און געקושט פון די פּיסקלעך ?... באשר מ׳האָט אָנגערירט די קרוין ביי דעם עסטרייכישן קייסערס אַ פעטער ?... עפּעס אַ חזיר־טרייבער אין סערביען, אַזאַ איינער, וואָס טרייבט זיך דאָ אַרום מיט אַ מאַלפּעלע אויף די הייף, אויף אים געמאַכט: פּיף־פּאַף! גיין פאַרפירן אַ מלחמה מיט די וועלט ?...

עזריאל

קומט צוריק אַריין

עפּעס איז, נאַר... קיינער ווייסט נישט; איינער זאָגט נאָך פון אַ צווייטן, וואָס איז די מינוט געקומען פון ראָדים, אַז ס׳זענען דאָרט געוווען טעלע־גראַמען, דאָס אַמעריקע גייט זיך אַריינלייגן, – מ׳זאָל זיך פאַרגלייכן...

שרה-הינדע

גצינד זע איך, אַז מ׳האָט אַ גרויסן גאָט איבער די וועלט...

אברהם-זעליק

מיט דעם איז ער גרויס, וואָס כ׳וועל מיך ווייטער ברויכן מאָרדעווען מיט די וועקסלען ?

עזריאל

אַ צווייטער זאָגט נאָך פון אַ דריטן, וואָס האָט פון עמעצן געזאָגט ערן. – דאָס אין וואַרשע האָט מע שוין, אויף דער עצה פון איטאַליע, אַרויסגעקלעפּט אין די גאַסן: דאָס מ׳האָט אָפּגעשטעלט די מאָבליזאַציע...

בלומע

אין פענסטער פאַר זיך

די גאַנצע „קאַזנאַטשעיסטווע”, דער אָקרוזשנע סאָנד, וואָס זענען גע־
לעגן אויפגעלייגט אויף פורן, — קומען אַריין; און די סטראַזשניקעס
נעמען זיך שוין צוריק אַרויסשטעלן... די גאַס ווערט לעבעדיק...

עזריאל

נאָך עמעץ זאָגט, אַז ס׳אי געקומען אַ באַפעל צו בלייבן שטיין; אַז מ׳האָט
אַראָפּגענומען די גרויסע האַרמאַטן פון זשיוואַנגראָדער פעסטונג, און זיי
דאָ אויפשטעלן; אַז ס׳גייט אַהער מיליטער, אַ סך מיליטער, וואָס ועט
די דייטשן נישט לאָזן ווייטער גיין...

שרה־הינדע

פּאַטשט צוזאַמען מיט די הענט

אַ בראָך איז מיר... דאָ גייען זיי מאַכן די מלחמה?... געברויכט אַהער־
קומען דאָ געהרגעט צו ווערן?...

אברהם־זעליק

שאַ, שריי נישט... מ׳ווערט נאָך אַזוי גיך נישט געהרגעט... נאָך פריער־
גיט די צונג אַרויסבלעזלען, איידער מ׳וועט דיר געבן דעם טויט אין
מויל אַריין...

עזריאל

קיין שום זאַך נישט זיכער... טעלעגראַמען קומען מער נישט אַהער... די
באַן אויכעט נישט... פאַנטאָפל־פּאָטשט... אַלץ, וואָס מ׳גייט... מ׳קומט...
און מ׳זאָגט נאָך: פון דעם און פון יענעם... מ׳האָט דאָ געהערט, אַז
מ׳האָט דאָרט גערעדט...

אַ שטאַרקער אויפרייס פון דינאַמיט.

שרה־הינדע

נעמט לויפן

ס׳אי די מלחמה...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

אַ יידענע ?... נישט איינמאָל נאָך שפּרינגען פון די הויט... געהערט אַ שאָס, מאַך אַ ברכה : שכוחו וגבורתו מלא עולם... אַלצאיינס, אַ דונער...

ס'אויפרייסן חזרט זיך איבער.

וו י נ ק ל ע ר

שוין אויכעט מוזן גיין... פאַרזאָרגט מ'זאָל זיך דאָ גיין שטעלן, — מיך באַצייטנס מוזן זען ערגעץ אויפצורוימען ; מיין ווייסער בילעט נישט ווערט זיין די טינט, וואָס איז אויפן אָנגעשריבן... גיט אים די האַנט פלי' נישט אין לופטן ! גיי געלאַסן ! שטעל יעדן טריט אויף דער ערד, באַרעכנט... ס'אי מלחמה... אָפּ.

ב ל ו מ ע

אין פענסטער

ס'געלויף זיך צוריק אָנגעהויבן ; די פורן גענומען רירן...

ע ז ר י א ל

שוין, נאָכן שלום !

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

אויס מלחמה, דאָ...

ש ר ה - ה י נ ד ע

געלויבט צו גאָט, אַז זיי באַשטייען אַריינצולאָזן דעם דייטש אָן אַ פּלוזמוז ; און קאָנען באַלד אַהיימפאָרן צו די קינדער...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

און נישט דאַרפן צאָלן די וועקסעלעך...

ע ז ר י א ל

דערשלאָגן

פאַרן טויט ווער אַלעמאָל בעסער...

בלומע

אין פענסטער

אַ לויפעניש, ווי די דייטשן וואָלטן שוין געווען אויף די ראָגאַטקע...
ברעכן נאָר די פּיס...

ס'אויפרייסן ווערט שטאַרקער.

ר' שמואל

קומט אַריין, צעטראָגן

ער גייט טאַקע אַוועק?

בלומע

וואָס זאָל איך טון מיטן?

ר' שמואל

עזריאל...

בלומע

דער זיידע אים אפשר קאָנען צוריקהאַלטן...

עזריאל

מיך גיין שפּילן מיט פייער?...

בלומע

און אַזוי, זיך נישט שפּילן דערמיט?

עזריאל

דער זיידע דאָ בלייבן, און נישט ברויכן זיין אַליין מיטן קינד...

ר' שמואל

כ'וועל קאָנען אַריינבליקן, אָבער נישט מיט אַלעם זיך איבערקלויבן;
ס'אייגענע שטיקל שטיבל מיך נישט אַוועקלאָזן...

עזריאל

אַ גאַנץ הויז ליידיק, און קאָנען האָבן אַ שטוב פאַר זיך אַליין; נישט ברויכן גאָר מישן; קאָנען זאָגן צו גאַנצע נעכט; און אין די קיך איז כשר, — אַ רבי מעג ביי איר עסן...

ר׳ שמואל

אַזוי פיל יאָרן דאָרט; כמעט, זינט כ׳בין פאַר זיך...

עזריאל

נישט זיין בעסער דאָ ווי אין דעם אַלטן טשאָפּ, וואָס הענגט איבערן קאָפּ, — נאָר אַראָפּצופאַלן?... אַ שאָס, — און דער באַלקן זיך נאָך אַראָפּלאָזן; דער זיידע דאָרט אַליין, און זי דאָ מיט אַ קינד, — ווי ס׳זאָל נישט זיין, פאַרביידע בעסער: איינאיינעם...

דאָס אויפרייסן איז שטאַרקער.

עטלעכע זאַפּאַסנע גיבן אַ פאַל אריין.

איינער

שוין באַלד נישט קאָנען אַוועק; די דייטשן נאָך היינט אוודאי אַריין...

בלומע

גאָר זיין צעפירט...

צווייטער

דער לעצטער צוג האָט געריירט, און אויפגעריסן די בריקן; מיטגענומען די פּאָליציע.

דריטער

נישט געבליבן מער קיינער; די שטאָט איז ביי די מיליציע...

עזריאל

גיט אַ כאַפּ אַריין ס׳קינד אין זיך

נישט וויינען, מיין שיין קינד; און דו, וויבל, זאָרג נישט; אַ מלחמה איז אַ גאַנץ גוטער געטראַנק; מ׳ברויך אַמאָל פאַרזוכן פון אים, און אָנשיכורן מיטן...

בלומע

אַ חיהשער באָסט, וואָס איז פון שטענדיק באַהאַלטן אינם מענטש, און ווערט אָנגערייצט דורך עמעצן, וואָס האַלט אַ שפיז אין האַנט; מאַכט יענעם פאַר אַ ווילדע חיה אין וואַלד, וואָס זאָל אָנפאַלן און צערייסן מיט די ציין...

עזריאל

מ׳גייט ווי געקרויגנט איבערן פעלד, און מ׳שפירט זיך נישט מיד; די גלידער זענען כסדר פריש, און זינגען; מ׳וואָלט אַלץ גערן געוואָלט איינשלינגען...

בלומע

מ׳קאָן נישט פליען מיטן ווינט, אַז מ׳האָט אַ ווייב מיט אַ קינד... איך ווייס וואו ס׳ציט אים, און כ׳וועל דיך נישט לאָזן... ניין... מיט אַלע כוחות צוהאַלטן... קיינער איבער אים נישט שאַלטן און געוואַלטן... איך אַליין... און פאַר מיר מוזן באַשטיין...

אַ זאַפּאַסנער

וואו גייט ער דען אַוועק, קיין מאַנדזשוריע?... ס׳אי דאָך אַלץ הינטער די באָז... און אַז ר׳וועט זיין אין שידלאָווצע צי אין בזשין, — נישט אַזוי גוט ווי דאָ?... מ׳קען דאָ אַלע וועגלעך אַזוי ווי פון אויסנווייניק... זען: ס׳אי נישט גוט, — אויסדרייען דעם דישעל אַהיים...

ר׳ שמואל

אַז מ׳וועט קאָנען...

עזריאל

רייסט זיך אויס

אַ גוטן טאָג...

בלומע

גיט אַ פאַל אַרויף אויף די טיר, ברעכט אויס מיט אַ געוויין.

ש ר ה = ה י נ ד ע

וואַשט זיך די אויגן

דעם זיידן טודרוס׳ס **אַן אייניקל ; ער זאָל זיך לויפן מיען, און זיין זכות** אים באַשטיין...

ר׳ ש מ ו א ל

וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קליין בענקעלע, נעמט זאָגן

מזמור... אלוהים נצב בעדת אל, בקרב אלוהים ישפוט...

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אקט

נישט לאַנג דערנאָך
אין דער זעלביקער שטוב

ר׳ שמואל

זיצט אויף אַ קליין בענקעלע איבער אַ ספר, ס׳ברענט פאַר אים אַ גראָב שטיקל, ווי איבערגעבליבן יום־כפור־ליכטל.

רייזעלע

נישט ווייט פון אים, אויף דרערד, — פאַרוויגט די לאַלקע

אַ־אַ, לו־לו־לו... מיטאַמאָל זיידעשי, וואָס אי דער הימל אין דרויסן אַזוי פינסטער ?...

ר׳ שמואל

אַז ס׳אי פינסטער אין די אויגן, דער הימל אויכעט נישט ליכטיק.

רייזעלע

נאָך גרויסער טאָג, און שוין אַזוי טונקל.

ר׳ שמואל

וואָלקנס זיך אָנגעקליבן און צעלייגט איבער אים ; שוואַרצע כמאַרעס פאַרשטעלט...

רייזעלע

זיידעשי, וואו איז ערגעץ די מאַמע אַוועק, מ׳זעט נישט קיינעמען אין דרויסן גיין ?...

ר׳ שמואל

זיך נאָכפרעגן אויפן טאַטן, קינדלעב.

רייזעלע

וואו איז דער טאַטעשי, זיידע ?

ר׳ שמואל

אין די מלחמה אַריין, געגאַנגען.

רייזעלע

און וואו איז די מלחמה, זיידעשי ?

ר׳ שמואל

אין דרויסן, קינד; הערסט איר נישט ברומען, און מאַכן: בו־בו־בו...

ר׳ זעלדע

די מלחמה נאָך לאַנג אַזוי ברומען, און מאַכן בו־בו־בו, זיידעשי?

ר׳ שמואל

קליינע קינדער פרעגן, יונגע מאַמעס קוקן זיך אויס די אויגן, און אַלטע יידן זוכן אין די הייליקע ספרים...

ר׳ זעלדע

נאָכוואָס אי דער טאַטע אויף איר אַוועק, זיידעשי?

ר׳ שמואל

דינא דמלכותא...

ר׳ זעלדע

נאָכוואָס?

ר׳ שמואל

דער קייסער איס גערופן...

ר׳ זעלדע

פאַרוואָס איז דער קייסער אַליין נישט געגאַנגען, נאָר גערופן מיין טאַטן?...

ר׳ שמואל

דער טאַטע דיינער איז נישט איינאיינציק; נאָך טאַטעס פון אַנדערע קינדער אויכעט אַוועק...

ר׳ זעלדע

אין פענסטער

וואָס זענען עס פאַר אַ וואָלקנס, זיידעשי?

ר׳ שמואל

ליידיקע; טראָגן נישט קיין רעגן, און בלאָזן זיך בלויז מיטן רויך פונם שיסן...

ר״ זעלע

וואָלקנס... כ׳הער ווי ס׳דונערט... און פאַרוואָס זע איך ניִשט בליצן?..

ר׳ שמואל

קינדער זאָלן זיך נישט שרעקן...

ר״ זעלע

באַהאַלט זיך אַריין אין אים

טאַקע מורא צו קוקן, אַז ס׳בליצט...

ר׳ שמואל

ס׳דונערן וואַרפט אָן נאָך אַ גרעסערע אימה...

ר״ זעלע

וואָס טוען די פייגעלעך אין דרויסן, אַצינד?

ר׳ שמואל

דאָס זעלביקע וואָס אַלעמאָל.

ר״ זעלע

נישט אַלעמאָל דונערט אַזוי לאַנג; באָך, באָך, — און שוין; אַצינד וויל גאָרנישט אויפהערן; מער ווי אַ נאַפּט מיט אַ טאָג...

ר׳ שמואל

האָבן אַריינבאַהאַלטן די קעפּעלעך, און די אייגעלעך פאַרמאַכט.

ר״ זעלע

פייגעלעך זעען ביינאַכט?

ר׳ שמואל

ניין, קינד.

ר״ זעלע

האָבן זייער מורא פאַרן ווינט?

ר׳ שמואל

יאָ, קינד.

ר י י ז ע ל ע

די פּאַני האָט דערציילט: ווי אַ שטאַרקער ווינט האָט אַראָפּגעוואָרפן פון בוים אַ מאַמע מיט קליינע פייגעלעך...

ר ׳ ש מ ו א ל

שלאָף, שלאָף, קינד; מאַך צו די אייגעלעך.

ר י י ז ע ל ע

זיידעשי, וואָס בילן אַזוי די הינט?

ר ׳ ש מ ו א ל

דער מלאך המות איז אין שטאָט.

ר י י ז ע ל ע

ווער?

ר ׳ ש מ ו א ל

ער טוט זיין שליחות אַצינד; גייט און שעכט, שעכט אָפּ די וועלט.

ר י י ז ע ל ע

זיידעשי, וואָס איז אַ וועלט?

ר ׳ ש מ ו א ל

אַ גרויסער גאָרטן, טייער קינד, מיטביימער אַלערליי; ס׳וואַקסן עפּל אויף זיי...

ר י י ז ע ל ע

רויטע, זיידעשי, — רויטע?

ר ׳ ש מ ו א ל

און טייערע בירן.

ר י י ז ע ל ע

געלע, זיידעשי, — געלע?

ר׳ שמואל

און גרויסע קאַרשן.

ר ײ ז ע ל ע

שוואַרצע, זײַדעשי, שוואַרצע?

ר׳ שמואל

אַרײַנגעלאָזט די מענטשן אין גאָרטן, און זיי אים צעטרעטן; אָפּגעבראָכן די צווייגן, אויסגעריסן די בײמער, — געמאַכט פונם אַ תּל...

ווינקלער, בלומע

קומען ביידע אַרײַן

ר׳ שמואל

אַזוי לאַנג זיך געזוימט; שוין באַלד נישט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן...

ר ײ ז ע ל ע

כאַפּט איר אַרום

אַזוי מורא געהאַט...

בלומע

מיטן זיידן, און מורא געהאַט?

ווינקלער

אָנגעצונדן אַ קורץ גראָב שטיקל ליכט, און געזעצט זאָגן ווי אין תּשעה באב מ׳זאָגט קינות, — און זיך נישט געזאָלט שרעקן?

ר׳ שמואל

דיר אַזוי שווער אָנגעקומען דאָס ברויט צו קריגן?

בלומע

מ׳ווערט דאָרט געהרגעט, ביים בעקער.

ר׳ שמואל

כ׳שטיי ביים פענסטער, — מ׳זעט קיין לעבעדיק נפש; ס׳ווייזט זיך קיי־נער פאַר די טיר נישט אַרויס.

ווינקלער

שוין, ב״ה, צוויי מעת־לעת אזוי...

בלומע

אַ גרויסער מענטש קאָן צוהונגערן, אָבער אַ קינד מוז מע דאָך עפּעס זען צו געבן; און אויב נישט קיין פּאָדשמעטאַנע, — כאָטש אַ שטיקל ברויט; נאָך הייגט אין איר מויל נישט געהאַט. נעמט אָפּשניידן אַ טייער שטיקעלע ברויט, ס׳אי נאָך וואַרעם; געוואַרט, ביז מ׳וועט דאָס אַרויסנעמען פון אויוון...

רייזעלע

נעמט עסן

ס׳בריט...

בלומע

בלאָז, בלאָז... פאַרזאָרגט כ׳האָב מורא: זיך נישט פאַרדאַרבן ס׳מעגעלע דערמיט... צעקייע גוט... שלינג נישט אַראָפּ קיין גרויסע שטיקער... זיידע, אויכעט אַ שטיקל?... און איר, ווינקל?... טיילט אַרום.

ר׳ שמואל

און מ׳וויל נאָך, צו דעם אַלעם, — עסן אויכעט...

ווינקלער

קייעט געשמאַק

מער, אפשר, ווי אַן אַנדערש מאָל; מ׳זיצט אָפּ טעג און מ׳גיט זיך נישט קיין ריר, — ווערט מע נאָכגיכער אויסגעהונגערט; ס׳האַרץ פאַרחלשט; און אַלע ווײַלע עפּעס געוואָלט איבערכאַפּן...

ר׳ שמואל

זיך געוואַשן די הענט, איז טועם

דער בעקער ווייסט נישט קיין חכמות, ער באַקט...

ווינקלער

אים נ׳טויט מאַכן, אַז ר׳וועט נישט באַקן; ווי לאַנג ס׳ביסל מענטשן איז נאָך נישט אויסגעדברט, — מוזן זיי דאָך עפּעס האָבן צו לייגן אין מויל

אַריין; יאָ מלחמה, נישט מלחמה, — דער בויך מוז קריגן ס'זייניקע; נישט אָנפילן אים ווי אַ פויק, אָבער אײַנגאַנצן ליידיק אויך נישט לאָזן...

ר׳ שמואל

און דער עולם גייט נאָך ברויט.

ווינקלער

אויף אַלע פיר...

בלומע

פינסטער דאָ, באַלד מער אימה ווי אין דרויסן צו זיי...

ווינקלער

אין דרויסן אויכעט נישט איבעריק היימלעך...

בלומע

מ'ברויך אָנצינדן אַ לאָמפּ; ביים שטיקל ליכט זעט אויס, ווי ס'וואָלט דאָ עפּעס געלעגן אַ טויטער...

ווינקלער

מ'האָט, זינט נעכטן, — נאָך אין קיין שום הויז נישט אָנגעצונדן.

בלומע

מ'ברויד, אויפן אויבערשטן גאָרן זיך אפשר אויסהיטן; אין דער נידער שאדט נישט; ס'פענסטער גייט נאָך דערצו אַרויס אויף דער מויער, אַקעגנאיבער... (צינדט אָן דעם לאָמפּ) נישט אַזוי טאַנצן די שאָטנס אויף די ווענט...

ווינקלער

גלייכער צו פאַרהענגען ס'פענסטער, און זיך נישט פאַרלאָזן אויף די מויער; דערשמעקן וואו ס'לייכט זיך, — און באַלד אַריינשיקן אַהער אַ בחור, אַז מ'וועט זיך נישט האָבן מיטן וואו אַהינצוטון...

ב ל ו מ ע

ביים פענסטער

כ׳האָב אַ דיק געוואַנט: דערמיט פאַרהענגען, און זיין ווי פאַרמויערט; שוין אין ערגעץ נישט קאָנען זען, — אַז ס׳אי ליכטיק דאָ אין שטוב.

ווינקלער

פאַרמאַכט, אין דער טויבקייט, איז דאָס דונערן טונקעלער, און מער דערשטיקט; פריער געווען עפּעס פרייער...

ב ל ו מ ע

זעט זיך אַרום

ס׳קינד שלאָפט; נעבעך, מיטן שטיקל ברויט אין מויל...

ר׳ שמואל

די גאַנצע נאַכט איבערגעזעסן ווי אַ גרויסער מענטש, און נישט געקאָנט מער די אייגעלעך אָפן האַלטן...

ב ל ו מ ע

וועקט איר

רייזעלע!... כ׳האָב גאָר מורא, זי זאָל אַזוי פרי גיין שלאָפן; ס׳פרישע ברויט איר בלייבן ליגן ביים האַרצל...

ר׳ שמואל

זיך ווער באַדאַרפט צולייגן; ס׳קאָן נאָך אויסקומען: מ׳זאָל ווידער ברויכן זיצן ווי נעכטן און אייערנעכטן, -- און דערנאָך אַלע אַוועקפאַלן ווי געהרגעט... נעמט איר אויף די האַנט.

ווינקלער

אַ דערוואַקסענער קאָן נישט איין נאַכט בלויז אויפזיין; און אַ קינד איז עפּעס אַנדערש...

ר׳ שמואל

אין טיר

איר אַזוי צולייגן, און נישט אויסטון?

ב ל ו מ ע

בלויז די שיכלעך פון די פיסלעך אראפּנעמען; נאָך אפילו געוואָלט אַ קליין ביסל איר אויפהאַלטן, און נישט לאָזן אַזוי גיך איינשלאָפן...

וו י נ ק ל ע ר

מ׳קאָן זיך ביי אַ קינד נישט אויסנעמען אַלץ ווי מ׳וויל...

ב ל ו מ ע

זיין מיט איר אין דרינען?

ר׳ ש מ ו א ל

שוין זיצן ביים בעט אָפּ.

וו י נ ק ל ע ר

נאָך אַ ווײַלע

אָבער אַ גאַנג, כע...

ב ל ו מ ע

עפּעס נישט געגלייבט: מ׳זאָל זיין אַזוי מזלדיק, און שוין האָבן מיט דעם אָפּגעקומען...

וו י נ ק ל ע ר

פינף טעג מיט פינף נעכט האָבן זיך געשיט די דייטשן, און געגאַנגען מיט אַלע וועגן; הימל און ערד און דייטשן; אויף פערד און אָן פערד; מיט פוטערנע היטלען און שטאָלערנע היטלען; מיט פּיקעס און אָן פּי־קעס; און האַרמאַטן מיט מיילער, אַז זיי זאָלן בלויז שרייען, — אויך געקאָנט פאַרטויבן די וועלט; אַז די וועגן זענען געווען בלאָטיק, — פאַר זייער כבוד וועגן אונטערגעלייגט, גאַנצע וועלדער מיט ביימער...

ב ל ו מ ע

אַז, זיי זאָלן נישט איינגעזונקען ווערן.

וו י נ ק ל ע ר

הינדענבורג איז געגאַנגען באַווייזן וואָס ער קאָן...

ב ל ו מ ע

און נישט ווייטער מיט זיי אַוועק, ווי ביזן איוואַנגאָראָדער פעסטונג, — אַ פעסטונג איז טאַקע נישט קיין גלייכער וועג, און מוז זיין ווי אַ ביין אין האַלז...

װ י נ ק ל ע ר

נאָר געפרעגט: ווי ווייט ס׳אי קיין וואַרשע?

ב ל ו מ ע

יענע האָבן קיין זעלנער נישט? ס׳פעלט זיי הארמאַטן? געמוזט דאָרט אָנטרעפן אויף אַ עפּאָר ביסל רוסן, וואָס פאָניע האָט אויפגעקליבן...

װ י נ ק ל ע ר

זיך שוין צוויי מאָל אָפּגעזאָגט אין דער מלחמה; אַז זי האָט אויסגע־בראָכן, — האָט פאָניע גענומען אַנטלויפן איבער שטאָק און איבער שטיין; אַז מ׳האָט געקאָנט מיינען מי יודע, ווער ס׳גייט דאָ אויף אים? ס׳אַר חילות? און צום סוף זענען גאָר צריינגעקומען אַ ביסל פּוילישע „שטזשעלצעס“, וואָס פּילסודסקי האָט צונויפגענומען אין קראָקע; און גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין: פאַר די יונגע שקצימלעך, וואָס האָבן אפילו קיין וואָנסעלעך נישט, — האָט ער, מיט די גאַנצע גבורה זיינע, — זיך אַזוי געזאָלט דערשרעקן, און אים דער רוח נעמען?

ב ל ו מ ע

אַזוי ווי מ׳ווייכט אַ סך וואָס זיי זענען פריער אַוועק, ווייסט מע נאָך ווייניקער, — פאַרוואָס די האָבן מיטאַמאָל אויסגע[illegible]ט דעם דישעל, און גייען צוריק אין זייער רו אַריין...

װ י נ ק ל ע ר

בלינדע באַבע־שפּיל...

ב ל ו מ ע

באָטש אַזוי גרינג אָנקומען ס׳אַוועקגיין זייערס, ווי ס׳קומען...

װ י נ ק ל ע ר

דערווייל נאָך קיין מלחמה נישט געוועןָ; און קיין ריכטיקן שאָס נישט געהערט...

ב ל ו מ ע

ס'בענקט זיך אייך שטאַרק דערנאָך...

ווינקלער

אַז די דייטשן האָבן זיך געלאָזט גיין, די רוסן צוריקגעצויגן; איצט: אַז די־רוסן גייען, — ציען זיך די דייטשן צוריק; ווי זיך געוואָלט אויסמיידן, און דורכויס איינער דעם אַנדערן אין פּנים אַריינקוקן...

ב ל ו מ ע

גלייכער...

ווינקלער

דאָרט וואו מ'וועט זיך אַוועקשטעלן, און גיין פאַרהערן, — בין איך נישט מקנא ס'אָרט; און ס'ביסל נפשות אוודאי נישט; אַז ס'חילות וועט אָנשפּאַרן מיט די קעפּ, און די אַלע האַרמאַטן, וואָס מ'האָט בלויז געזען, נעמען ר'עדן...

ב ל ו מ ע

זיין די ריכטיקע מלחמה...

ווינקלער

בעסער גאָרנישט אַריינקלערן...

ב ל ו מ ע

עזריאל האָט נישט גערעדט פון הוילן פּאַס; אַלע האָבן געשריגן: „יאָ!" און ער זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן: „ניין, זיי גייען נאָך מיט אַלעם נישט אַוועק; און צוריק אַריינשטעקן אַ פוס..."

ווינקלער

איצט: ער זיין דער חכם, און איך, — דער נאַר; ער קומט, און מיר שפּאַלט זיך דער קאָפּ: ווי אַזוי מ'טוט אַוועק?...

ב ל ו מ ע

גייענדיק פארטראַכט

שוין גערן דערלעבן די מינוט און די רגע, אים צו זען אַ לעבעדיקן פאַר די אויגן; אויפמאַכן די טיר פון שטוב, און כאַפּן ס׳קינד אויף די הענט...

וו י נ ק ל ע ר

אין פענסטער

שוין לאַנג אָפּגערוט, די וועגן; ווידער פול מיט דייטשן; איינגעבויגן, אונטער די זעק אויף די פּלייצעס, די קעפּ אַראָפּ, און מיט פינסטערע אויגן... ס׳ליגט זיי מער נישט אין קאָפּ: „ווי ווייט ס׳אי נאָך קיין וואַרשע ?...״

ב ל ו מ ע

אַ כמאַרע רוקט זיך, אַ כמאַרע רוסן; און אויב זי איז שוואַרץ פאַר זיי, — איז זי פאַר מיר ליכטיק; מיין מאַן פינקלט פון איר אַרויס ווי אַ ליכטיקער שטערן...

וו י נ ק ל ע ר

ס׳קאָן זיין: ר׳זאָל זיך ערגעץ האָבן אָפּגעשטעלט: אין וואַרשע, אין פיעטריקאָוו, און זיך נאָכדעם ערשט אומקערן...

ב ל ו מ ע

און אפשר מיט די כוואַליע, וואָס שפּאַרט זיך און דריקט אַזוי שווער אויף די דייטשן ?... נישט מעגלעך, ס׳זאָל אים גראָד אויסקומען דאָ אַדורכצוגיין ?...

וו י נ ק ל ע ר

ביי אַ מלחמה ?... אַז אַן אַרמיי גייט, האָט זי אַ לינקן פליגל, אַ רעכטן, און אַ מיטן; כ׳ווייס נאָר נישט: וואו מיר קומען ערגעץ ביי איר אויס, און אין וועלכן פליגל ער איז ?...

ב ל ו מ ע

און אַז ער גייט נעבן קינסק, אָפּאָטשנע, צי גאָר פון די אַנדערע זייט, — אַפּט, צווזמער, אויף גאַליציע, — אַלצאיינס נאָגט זיך אַראָפּצוכאַפּן אַהיים...

ו י נ ק ל ע ר

ר׳זאָל ווערן...

ב ל ו מ ע

און קאָנען.

ו י נ ק ל ע ר

געמיינט: מיר אויסקומען, אַז די דייטשן זאָלן אָפּטרעטן, — צו נעמען ס׳פּעקל, און מיטגיין; און נאָך אים אויבעט צוגערעדט, עזריאלן; עפּעס גוט מיט זיי אין דרויסן צו גיין, ווען די מיליאָנענדיקע קופּע שפּאַרט זיך, באַוועגט זיך שווער, און פּרעסט... און פּרעסט... מ׳טרעפט ווערן וואָס טראָגט נישט דעם מונדיר, קוקט מע אים אַריין אין די אויגן, מ׳מעסט אים אָפּ פון אויבן ביז אַרונטער: „ווער ביסטו פאַר איינער, און אַזוינער?...” און אַז ס׳געפעלט עפּעס נישט אויף אַ האָר, מאַכט מע נישט קיין גרויסע חכמות מיטן; זיך גיין שפּילן מיט אַ מענטש?... וואָס איז ער דען איינגאַנצן אַצינד?... אַ שנעל אין נאָז, און ס׳איז נאָכן; בלויז אַ שנעל אין נאָז...

דאָס שיסן שטאַרקט זיך.

ר ׳ ש מ ו א ל

קומט אַריין

ס׳קינד איז עפּעס אומרואיק; שלאָפט איין און וועקט זיך איבער...

ב ל ו מ ע

כ׳האָב מורא, ס׳ברויט; כ׳רייס שוין פון מיר שטיקער, וואָס כ׳האָב איר דאָס געהאַט צו געבן...

ווינקלער

ווער זאָל וויסן, דער שלאָף וועט אויף איר אַזוי פאַלן?

ר׳ שמואל

נאָך פריער שלעפעריק געווען, איידער זי איז געקומען; נישט געקאָנט זיך דערהאַלטן אויף די פיסלעך.

בלומע

איר באַדאַרפט איינגעבן אַ ביסל ריצינאייל, זי זאָל נישט קריגן קיין וואַרימקייט... נעמט זוכן אַ מזל?... גראָד נישט האָבן אין שטוב, און אין די אַפטייק אַריינצוגיין איז אַ שטיק וועגס.

ווינקלער

מ׳קאָן זיין איינגעשטעלט...

ר׳ שמואל

זיך זייער נישט געוואָלט אַצינד אַריינלאָזן אין קיין קרענקל, מיטן קינד.

בלומע

דאָס פעלט מיר נאָך, דערמיט צו האָבן צו טון...

ר׳ שמואל

צוגיין אָנקלאַפּן ביי עמעצן אין דרויסן... אָפּ.

בלומע

זאָגט אים נאָך

נישט צו ווייט זיך פאַרקריכן... אָפּ אין די אַנדערע שטוב.

דאָס שיסן הערט זיך שטאַרקער.

ווינקלער

אין פענסטער

ס׳הייבט זיך וואָס אַמאָל, העכער.

קראַקאָווסקי

רייסט מיטאַמאָל אויף די טיר, און רופט

קומט אַריין, קומט אַריין, — בחרפתינו צוריק מוזן אַריינשמעקן אין קע־לער; ער וועט נישט מיידן... קומט אַריין מיט אַ האַרמע יידן און ווייבער.

ווינקלער

שוין, מיטן קעלער?

קראַקאָווסקי

די גראַנאַטן זשוזשען אין די אויערן, אַז מ׳קאָן טויב ווערן, — איס נאָך ניחא צו זיצן אין שטוב?...

אַ ייד

וואַרטן: ביז זיי וועלן פליען אונטער די נאָז, און נעמען לויפן ווי אַ צע־שראָקענער האָז?...

ווינקלער

זיך דאָך נישט אַרונטערלייגן און גלאַט ליגן, אַז מ׳ווייסט נישט: ווען זיי האָבן זיך בדעה אַוועקצורירן?...

קראַקאָווסקי

כע־כע־כע... דעם קאַצאַפּס האַרמאַטלעך רעדן שוין פון די סוכעדניאָווער וועלדער...

ווינקלער

נישט פריער אַריין, ביז דער דייטש וועט זיך האָבן מיט אַלעם אַרויסגע־צויגן פון שטאָט; ער האַלט זיי בלויז אויף אַזוי פיל צוריק, — זיי זאָלן נישט זיין עזותדיק און צו שטאַרק אים טרעטן אויפן קאָפּ...

קראַקאָווסקי

טאַקע לאָזן לאַנג צוריקהאַ״טן...

ווינקלער

באַלד נישט גיין פאַרלייגן קיין מלחמה איבער אַ טאָג, צוויי, וואָס ס׳קאָן זיי אויסקומען לענגער זיך אויפצוהאַלטן אין וועג, — ביז ער וועט זיך דאָ

צונויפנעמען; זיי אויכעט אַ שאָד די מענטשן, און דעריבער נישט שטופּן אין די מײַלער פון זײַנע האַרמאַטן...

אַ ייד

אַזוי בטוח געווען פאַר אַ גוטע פּרנסה, ווי מ׳וועט נאָך הײַנט נעכטיקן ביים רוס; דאָס שיסן, קומט מיר אַפיר, — ווי ס׳וואָלט געווען אויף די דאָגנאַטקע...

צווייטער

ביז צו די דאָגנאַטקע זיי צוגעלאָזט, און ווייטער נישט?

ווינקלער

זיי ווייטער, אויף וואו ווייט, ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, — אויכעט לאָזן, נאָר נישט אַזוי איבערגעאײַלט, ווי זיי ווילן; נו, שיסט ער, ווי איינער וואָס בייזערט זיך: „ווי לאַנג קלערסטו נאָך צו שטיין?...״ אָבער, זיך נישט בדעה אַוועקצושטעלן...

אַ ייד

און טאָמער, יאָ?

ווינקלער

איז אַן עבירה צו גיין אין קעלער; דער קעלער גאָרנישט העלפן; נאָר, זיי זאָלן דאָ וועלן אָנשפּאַרן, — פריער אוודאי געהייסן אַרויס, און נישט געלאָזט ס׳ביסל מענטשן...

אַ ייד

אַז, מ׳זאָל מאַכן קרעפּלעך דערפון...

ווינקלער

און ווי לאַנג ער רוקט זיך נאָך צוריק, אפילו טריט ביי טריט, און גע־לאַסן, — זיך נישט גיין מאַכן קיין ירידה מיטן; בלויז אָנשרייען: בו... בו... אַ שאָס מער, אַ שאָס ווייניקער, — שיסן מוזן זיי דאָך; דאַרויף האָבן זיי קוילן, און זוכן דאָס אויסצוברענגען...

א ייד

זן ווי לאַנג קאָן ער אַזוי קריכן, ביז ר׳וועט מיט אַלעם אַרויסקריכן ?...

קראַקאָווסקי

ישט געבליבן קיין מנין דייטשן אין שטאָט ; מ׳קאָן זיי איבערציילן אויף
י פינגער...

א ייד

נאָך נעכטן געמיינט : אַז זיי טאָגן שוין אויס...

ווינקלער

אַרום שטאָט נאָך אַלץ די וועגן מיט זיי פול ; און מיט אַלעם נישט אַוועק...

קראַקאָווסקי

שוין מער קיינמאָל מיט אַלעם נישט אַוועק...

ווינקלער

נאָך אַלץ נישט אַזוי לאַנג, ווי ס׳האָט אים גענומען אַהינצוגיין ; אַכט טאָג געצויגן, ביז ס׳מיליטער האָט זיך אויסגענומען ; און, סך הכל : דריי טעג ווי ס׳האָט זיך אַ דריי געטון, און שוין ?...

קראַקאָווסקי

אַהינוועגס געהאַט אַ גרינג געמיט, און זיך געקאָנט פאַרגינען : ס׳זאָל געדויערן אַ פּאָר טאָג מער... זיך אונטערזינגען, כאַפּן האָזן אויפן וועג, בראָטן גענזלעך, פרעסן סאַדלע, — אַצינד ליגט זיי שוין קיין האָזן נישט אין קאָפּ, און קיין געבראָטענע גענזלעך אויכעט נישט...

ס׳דערהערט זיך אַ געפּערלעכער ריס.

די יידן

געמען לויפן צעשראָקן

שמע ישראל !

א י י נ ע ר

דערבײַזערט

אין די גוטע צײַטן, אַז מ׳האָט געבראָכט אַראָפּגײן אין קעלער, — פֿון קײנעם קײן רשות נישט געבעטן האָבן, און מ׳איז געגאַנגען; אַצינד בײַ אים גאָר אײַנשטײן?...

װ י נ ק ל ע ר

אײַער קעלער, אײַער הויף, — ר׳שטײט אַצינד אויבעט בײַ קײנעם נישט אײַן; איר קאָנט אײַך אַפֿילו הײסן אַראָפּטראָגן אין אים, קײנער אײַך נישט שטערן; דער דורכגאַנג איז דאָ אַרומעט בלויז, נו?...

אַ י י ד

מ׳ברויך אַראָפּקריגן אַ לאָמפּ, מ׳זאָל זיך זען װאו צו פֿאַרדרײען; אַ פּאָר שעניקלעך, אַ בינטל שטרוי, און נישט ברויכן אָנקװעטשן די גאָלע שטײ־נער...

װ י נ ק ל ע ר

איר קאָנט אים אַפֿילו אויסבעטן, און מאַכן פֿונם אַ גן־עדן...

ק ר אַ ק אָ װ ס ק י

מ׳קאָן אַרײַן צו מיר, און אַרויסטראָגן די שעניקלעך ביז אײנס; אויסלײַ־דיקן אַלע שטובן...

ד ע ר י י ד

מילא, אויפֿן לאָמפּ, — נאָך װי ס׳איז קוקן; נאָר אויף די שעניקלעך זיך װער גײן אָװעקלײגן?...

ק ר אַ ק אָ װ ס ק י

װאָס איז מיט די שעניקלעך?

ד ע ר י י ד

די טמאה זײ שוין אוודאי צעפּרעסן.

ק ר אַ ק אָ װ ס ק י

מלחמה, מ׳שיסט אין דרויסן, און זיך נאָך אַלץ ברעקן; זען: ס׳װעט אַדורכגײן אײן טאָג, און נאָך אַ טאָג, — ס׳זאָל נישט אויפֿהערן זעצן, אויב זײ װעלן זיך נישט צושאַרן און צוביסלעך אַװעקלײגן, אַפֿילו װען אַ שיקסע װעט אויף זײ ליגן...

ד ע ר י י ד

אויפן טהרה־ברעט, ס׳זאָל מיר פריער אויסקומען...

ק ר אַ ק אָ וו ס ק י

טוסט אַ ייד אַ טובה, בריקעט ער נאָך; פאַר מיינעטוועגן: קאָן זיך יע־דער אפילו ס׳בעט זיינס אַראָפּטראָגן...

א י י ד

מ׳ברויך זיך פאַרזען מיט וואַסער...

צ וו ײ ט ע ר

אויסגראָבן אַ גריבל, נישט מער ווי אַ לעבעדיקער מענטש...

ד ר י ט ע ר

זיך מאַכן היימלעך, אפילו נאָכדעם אויכעט נישט קאָנען אַרויסגיין...

פ ר י ע ר ד י ק ע ר

דער עיקר איז וואַסער; ס׳קומט אויס צו זיצן מיט ווייבער, און וואָס עפּעס, — אַ פינסטערע טבע גלייך צו חלשן; ליגן מיט די פיס אויסגע־צויגן...

ק ר אַ ק אָ וו ס ק י

פאַרלייגט די קישקע אינם פּאַכ, וואָס שטייט אונטער די רינע, — מ׳זאָל קאָנען ציען גלייך פונם קעלער...

דאָס שיסן ווערט געדיכטער.

ק ר אַ ק אָ וו ס ק י

די האַרמאַטלעך רעדן ווערטער...

אַ י י ד

פאַרעט זיך ביים אַראָפּטראָגן זאַכן אין קעלער

האַלטן אָפן די מיילער...

אַ צ וו ײ ט ע ר

מיט אים

און שפּייען...

ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י

מ׳זעט דאָך פאַר די אויגן, — ס׳אַ מינוט פאַרן טויט; אינדערפרי נאָך די ביידלעך אויפן הויף געשטאַנען אויפגעשטעלט, און כ׳בין נאָר וואָס געווען אין דרויסן, — ליגן זיי שוין צוגעלייגט אויף די וועגן; ס׳גאַנצע ביסל „רוכאָמאָשטשעס״ זייערס צונויפגעקליבן און איינגעפּאַקט, — מ׳זאָל נישט מער ברויכן דערצו ווי די פערד פון שטאַל, און אַרויספאָרן אַהיים. לחיים ולשלום, פון וואַנעט זיי זענען געקומען; און האָבן אַ גוטן שליטוועגס...

ו י נ ק ל ע ר

דער דייטש איז אַ יוסטער בעל־הבית; איידער ער זאָל דערנאָך ברויכן כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס, און אַנטלויפן; אַלץ ווערן צעבראָכן, צעריסן און צעפּליקט, — דאָס באַצייטנס איינגעפּאַקט, און נאָך אַ ברירה אַזוי צו שטיין טעג מיט אַלעם אויפן וואָגן.

ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י

מיט דעם זיך טאַקע מעגן אָפּלערנען פון אים, און פריער אויסשטאַטן דעם קעלער, מ׳זאָל נישט דערנאָך ברויכן כאַפּן, לויפן, געהרגעט ווערן, — אַז אַז די קוילן וועלן נעמען פליען איבער די קעפּ.

עטלעכע קלעפּ אין טיר.

ד י י ט ש י ש ע ז ע ל נ ע ר

קומען אריין

גוטן אַבענד...

ד י י י ד ן

צוריקגעצויגן

— אַ גוטן אָוונט.

— אַ גוטן אָוונט.

אַ ז ע ל נ ע ר

וויר האַבען קאַפע אונד קאַקאַאָ אַוף דעם וואַגען, אונד ווערדען דיזע דעך יודען פערטיילן...

י י ד ן

— דאַנקע שיין!
— דאַנקע שיין!

אַ י י ד ע נ ע

נעמט מיטביידע הענט

גאָט זאָל אייך פּאַרדאָס באַגליקן, און צוריקקומען געזונטערהייט צו אייערע ווייבער און קינדער...

ז ע ל נ ע ר

— יאַ וואָהל!
— יאַ וואָהל!

ד ע ר ז ע ל נ ע ר

וויר לאַסן אַאוך פיל האָלץ, דאַס איסט, יאַ, גוט צום ברענען; ניכט וואָהר?

ז ע ל נ ע ר

— יאַ וואָהל!
— יאַ וואָהל!

י י ד ע נ ע

אוי, אַ געזונט אין זייערע ביינער; נעמען דאָך נישט מיט ס'האָלץ.

ד ע ר ז ע ל נ ע ר

וויר לאַסען אַאוך מעל אונד בראָט... איין גוטעס פעל... זי קענען, יאַ, אַלעס האַבען...

י י ד ע נ ע

אַזוינע טייערע מענטשן, און מיט אַזוינע גוטע האַרצער; האָבן דאָך גאָר קיין גאַל נישט אין זיך...

צ ו ו י י ט ע

גיבן אַוועק ס'לעבן, אַז מ'מאַכט פאַר זיי אַ קרומע מינע...

ד ר י ט ע

ס׳זאָל זיי קיין נעגעלע נישט ווי טון...

פ י ר ט ע

ס׳אי נאָר איין שאָד, וואָס זיי גייען נעבעך אַוועק אויף די מלחמה...

ד ע ר ז ע ל נ ע ר

טיילט אַרום ציגאַרן

ווער געהען, יאַ, ליידער וועק...

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

ברוך שפטרני.

ד ע ר ז ע ל נ ע ר

אונד קאָמען וואַרשיינליך צוריק.

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

ווי זאָלנס גאָרנישט דערלעבן.

אַ י י ד

ויך באַלד זעען אין פריידן.

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

פריער די פיס צעברעכן...

ז ע ל נ ע ר

– גוטע נאַכט!

– גוטע נאַכט!

אָפּ.

ד י י י ד ן

זאָגן נאָך

– אַ גוטע נאַכט.

– אַ גוטע נאַכט.

אַ ייִד
נאָך געקומען, זעט עץ, געזעגנען; וואָס דער דייטש איז?

ייִדענע
איבערלאָזן לעצט געלט.

קראַקאָווסקי
קלאָגן און יאָמערן נאָכן דייטש...

ייִדענע
ס'אי טאַקע, באַם, צו וויינען און צו קלאָגן...

קראַקאָווסקי
זיך נאָך אַוועקזעצן שבעה נאָכן.

ווינקלער
אַלע ייִדן לעקן פונם די פינגער, און וואָס איז דערמער, — וואָס איר טראָגט אים נאָך אַ בייז האַרץ, ר' יאַנקל?...

קראַקאָווסקי
הלוואי פריער געווען די פיס צעבראָכן, איידער ר'האָט דערלעבט אַריינצוקומען, דער דייטש...

ווינקלער
ייִדן האָבן צו אים נישט דערלייגט.

אַ ייִד
דעם שבח קאָן מע אים יאָ נאָכזאָגן.

צווייטער
זיך קיינער נישט וואָס אויף אים צו באַקלאָגן...

דריטער
אַזאַ יאָר צו מיר, ווי גוט ס'אי מיטן געווען...

פ י ר ט ע ר

פון אַ ייד געהאַלטן עולם ומלואה; געווען איין לייב און לעבן...

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

און קאָליש*), זיך געשמדט?...

אַ י י ד

אַז מ׳האַקט האָלץ, פאַלן שפּענער...

אַ י י ד ע נ ע

אַז כ׳האָב מיך אַ בייג געטון צו דער ערד: „האַר־לעבן!” אים דערמיט אינגאַנצן אָפּגעקויפט...

אַ י י ד

אַ ריז, אַ דייטש: און געקאָנט אָפּשטעלן מיט אַ יינגל, אויסטענהן; אים אַריינעמען אין „סאַמאָכאָד” זיינעם, און צופירן אין חדר אַריין...

ד י י י ד ע נ ע

געטיילט שטיקלעך צוקער אָרימע ווייבער, און הייסע טעפּלעך קאַווע נאָך מיט פּריטשעס ברויט...

אַ י י ד

מיט די גוים טאַקע געהאַט אַ טועכטס, נישט געקאָנט אויסקומען; וועלכן אָפּגעשטעלט, און געוואָלט פונם עפּעס דערגיין: „וואו מ׳גייט דאָ, און מ׳פאָרט דאָרט?” יענער גענומען גלאָצן מים די אויגן: „פרעג אים בחרם!” און דייטש באַר, אַז מ׳האָט אים נישט געענטפערט צו די מינוט און צו די רגע, איז ער אַריין אין דער רציחה, ס׳בלוט אים געקומען אין פנים, און גענומען אַרבעטן מיט די הענט...

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

געברויכט זען ביים מאַגיסטראַט, מ׳אי געשטאַנען אין די רייע נאָך אַ פּאַסירשיין: און עפּעס אַן אַלטער ייד איז פונקט נישט געשטאַנען אַזוי

---

*) די באַוואוסטע שחיטה, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט באַלד ווי זיי האָבן פאַר־בומען די שטאָט.

גלייך, נאָר מיט אַ פוס אַרויס, — אים דער דייטש אַזוי דערלאַנגט, אַז ר'האָט שוין דערנאָך אינגאַנצן פאַרשפּאָרט צו שטיין...

אַ י י ד

נישט געווען קיין דייטש, — אַ שלאָנזאַק!

צ וו יי ט ע ר

דערנאָך אַרויסגעקומען אַן אָפיציר, און זיך מיטן אַזוי אָפּגערעכנט, אַז ס'איז אים שוין נישט געשטאַנען פאַרן גאַנצן שלאָגן; און דאָס שוין פאַרזאָגן אַ צענטן...

ו י נ ק ל ע ר

נו? וואָס וועט איר דאַרויף זאָגן?

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

אַלע ביי אים געהאָלפן געוואָרן, און מיר צום קאָפּ געזען; אומגליקלעך געמאַכט, רואינירט; אויסגעטון ביז צום העמד; אַזוי ווי ס'ביסל דייטשלעך האָבן זיך אַ לאָז געטון, — מיר גלייך צוגענומען די בתולות, און געלאָזט ביי די ליידיקע שטוב; געמאַכט פאַר אויס בעל־הבית...

ו י נ ק ל ע ר

אַזוי, די מעשה?

אַ י י ד

און, נישט אַנדערש?

צ וו יי ט ע ר

אים באַדאַרפט געבן אַ שיינעם יישר־כּוח...

ד ר י ט ע ר

מיט אַן עליה אין שול.

פ י ר ט ע ר

און לאָזן מאַכן אַ מי שברך.

פינפטער

פאַר אַזאַ זאַך?...

זעקסטער

פש־ש־ש־ש...

אַסך

אויף אַ מאָל

פש־ש־ש־ש...

ווינקלער

ווייניק די קוילן, וואָס ליגן זיי אַוועק, און געוואַלט: אַז די בתולות זאָלן אים נאָך אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט?... זיי צום איבעריקן אַוועק־לייגן?... ער ווייסט: אַז זיי לייגן מער זעלנער אַוועק הינטערן פראָנט, די בתולות, ווי די קוילן אויפן פראָנט; קאָן מע עפּעס צו אים האָבן, אַז ער וויל פאַרהיטן זיינע זעלנער?...

דאָס שיסן שטאַרקט זיך, און די יידן אַלץ מער פאַרנומען ביים אַריבערציִען זיך אין קעלער.

בלומע

אין די אַנדערע שטוב, נעמט איין ס'קינד

שלאָף, מיין קינדעלע,
עס זיצט דיין מאַמעלע,
מיט אַ צעבראָכן האַרצעלע, —
ביים וויג;

שלאָף, מיין קינדעלע,
דאָרט הינטער אַ באַרגעלע,
שלאָגט זיך דיין טאַטעלע
אין קריג.
איי־לו־לו־לו,
איי־לו־לו־לו.

שלאָף מיין קינדעלע,
דאָרט אין וועלדעלע,
זעט ער דיך אין חלום,
מיין קינד ;
שלאָף מיין קינדעלע,
בעט פאַר דיין טאַטעלע,
ער זאָל קומען בשלום
אַצינד.
איי־לו־לו־לו,
איי־לו־לו־לו...

ר׳ שמואל

קומט אריין

סדום ועמורה אין דרויסן ; אַ קאַלך־אויוון.

בלומע

קומט פון די אַנדערע שטוב

ביי איטלעכן דונער, גיט זי אַ ציטער אין שלאָף.

ווינקלער

נישט : ס׳קינד, נאָר אַ דערוואַקסענער וואָלט אויכעט נישט גערוט...

ר׳ שמואל

קוים כ׳האָב דאָס געקריגן ; וואו כ׳קלאַפּ אָן : ליגן אַלע אין די קעלערן ; אפילו מיטן אַפּטייקער געהאַט אַן אַרבעט, ביז כ׳האָבן פון דאָרט געקאָנט אַרויסקריגן... ווילסט איר נאָך אַצינד איינגעבן ?...

בלומע

ערשט איינגעשלאָפן, און גיין דערצו איבערוועקן ?

ר׳ שמואל

אַז זי שלאָפט, לאָז אָפּ ; שלאָף איז די בעסטע רפואה.

בלומע

כ׳וועל זען. אָפּ.

ווינקלער

אין פענסטער

מ׳זיצט, און מ׳קוקט די מלחמה גלייך אין די אויגן אַריין...

ר׳ שמואל

ס׳ברענט אין דרויסן, די וועלט ברענט.

ווינקלער

נישט די וועלט, נאָר די הויט אויף איר ברענט; די הייזער, וואָס די מענטשן האָבן צו איר צוגעלייגט, — טאַקע פאַרברענט ווערן, אָבער די וועלט בלייבן וועלט; דערנאָך קומען די זעלביקע, אויב זיי וועלן לעבן, אָדער אַנדערע, דאָס מאַכט שוין נישט אויס, וואָס וועלן זיך אָן זיי נישט קאָנען באַגיין, — און צוריק אויפשטעלן; ווי לאַנג דער מין מענטש וועט נאָר נישט אונטערגיין...

ר׳ שמואל

דער מין מענטש וועט אייביק זיין; אַ דור אומקומען, נאָך אַ דור, און די שפּעטערדיקע זיך ווייטער דראַפּען...

ווינקלער

ס׳מוז ווערן אַ מלחמה, ווייל ס׳קלויבט זיך צופיל אָן מענטשלעך גוטס, אָדער גאָר מענטשן אַליין, — אַז ס׳זאָל פון אַלעם ווינציקער ווערן; אונזער וועלטל האָט נישט אַזאַ גרויסן מאָגן, זי זאָל קאָנען אַזוי פיל פאַרדייען...

ר׳ שמואל

ס׳אי נאָר ווי אין ווינד יענע, וואָס ס׳פאַלט אויף זיי אויס אַוועקצוגיין, און מוזן מאַכן גערוימער אַנדערע...

ווינקלער

דעריבער איז אַ מלחמה!... ווייל, מיט גוטן קיינער דעם אַנדערן נישט אָפּטרעטן, גייט מע זיך אַרויס שלאָגן; איז, יענע וואָס זענען שטאַרקער, נעמען אַוועק מיט כּוח ביי די שוואַכערע, וועלכע קומען אום...

ר׳ שמואל

פאַרוואָס זאָלן מענטשן, דורכדעם וואָס זיי זענען שטאַרקער, וועלן אומ־ברענגען די שוואַכערע, — זיי זאָלן זיך בעסער האָבן ?... און נישט זען אַדורכצוקומען ווי ס׳איז, אפילו לעבן בדוחק, טיילן מיטן לעצטן ביסן ?...

ווינקלער

די וועלט איז זייער קליין, און אַז ס׳ווערט ענג אויף איר, אָדער ס׳נעמט זיך אָן צופיל גוטס, אַז מ׳ווערט דערשטיקט, — ברויך מע זען דערפון פטור צו ווערן, מ׳זאָל קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם; און דערנאָך ווידער אויפסניי צוריק אָנהייבן, איינגאַנצן אויפסניי...

מ׳הערט אין דרויסן דאָס רירן פון שווערע וועגענער.

ווינקלער

בײַם פענסטער

אָ־האָ! נאָך די דייטשן!

ר׳ שמואל

פאָרן שוין אַרויס ?

ווינקלער

נישט לאַנג זיך אָפּגעפּרייט מיט זיי...

בלומע

קומט אַריין

פאַרלאָזן אונז טאַקע...

ר׳ שמואל

געווען היימלעך, ווי לאַנג זיי זענען געווען אויפן הויף; און וועלן אויס־פעלן...

ווינקלער

הלוואי: נישט ערגער אָפּזיין מיט די רוסן, אַז זיי וועלן אַריינקומען...

ר׳ שמואל

אַ פאַרקערטע וועלט; פאַרצייטנס, אַ שונא, — האָט ער געשאָכטן, גע־קוילעט, און ס׳גילדערנע־גוטע: זיך געקאָנט אָפּלייזן ס׳לעבן מיטן ביסל אָרעמקייט, וואָס מ׳האָט פאַרמאָגט...

ווינקלער

יאָ... אַז טאָטערן זענען זיך געקומען שלאָגן... באַשי בוזשיקעס... קאַני-באַלן...

ר׳ שמואל

און דאָ, נאָך די יידן אָפּגעלעקט אַ ביין...

ווינקלער

זיי זאָלנס נאָר אַצינד נישט אויסברעכן.

ר׳ שמואל

מ׳זאָגט: מ׳טאָר נישט בעטן אויף אַ נייעם מלך...

ווינקלער

מ׳זאָגט אַמאָל דערנעבן...

ר׳ שמואל

אַזוי געזאָלט זיין גוט צו יידן?

ווינקלער

„יאַנקעלע" פּריסטאַוו באַלד ווייטער האָבן אין ווערמען אַריינצוקאָפּען...

ר׳ שמואל

נאָר אין בויך אַריין קאָפּעט ער...

ווינקלער

און נישט ראַפּטום, מיטאַמאָל, ווי ס׳מאַכט זיך מיט אַ מענטש, אַז ער קומט אין כעס אַריין, — ער קאָן זיך נישט צוריקהאַלטן און מוז געבן אַ בריקע; ביי אים איז דאָס אַ קרענק; און האָט פאַרגעניגן דערפון; ס׳אי שיין צו זען: ווי ער פאַרנעמט זיך, הייבט אויף דעם פוס, צייעט זיך, האַלט אים אַ קאַרגע רגע אין דער הייך, און, — — — בוך!...

ר׳ שמואל

געהרגעט זאָל ער ווערן...

ווינקלער

זיפיל יידן ס'זענען שוין דורך אים געוואָרן געבּרעעכט...

בּלומע

וואָס האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט

איך וועל נאָך זיי נישט בּענקען; אין מיינע אויגן געווען ווי אַ וואַנט, צווישן מיר און מיין מאַן...

ווינקלער

אָפּגעהאַקט

שוין... שוין...

ר׳ שמואל

הלוואי וואָלט ער דאָ געווען, דיין מאַן, און נישט געבּרויכט דאַרויף אויסצוקוקן...

ווינקלער

און געהאַט איצט מיין קאָפּ־ווייטיק: כ'זאָל נישט וויסן וואו זיך אַהינ־צוטון...

בּלומע

אומגעדולדיק

כ'קאָן מיר עפּעס נישט קיין אָרט געפינען; אַזוי ווי ס'האַרץ וואָלט מיר געזאָגט, אַז כ'וועל מיך נאָך היינט פריייען מיט אים...

ווינקלער

איך פאַרגין אים אייך מיטן גאַנצן האַרץ.

ר׳ שמואל

ס'זאָל נאָר גלאַטיק אָפּגיין...

בּלומע

מיר גרינג אים אָנקומען.

ווינקלער

דער קראַנקער אויסהאַלטן די אָפּעראַציע...

ב ל ו מ ע

כ׳ציטער אַזוי, ס׳זאָל זיך דאָ אין עפּעס נישט פאַרטשעפּען; אין דרויסן צעגראָבן אַ האַלבע שטאָט; הינטער די פענסטער פון די הייזער, גע־מאַכט אָקאָפּעס; מיר נאָר אויסגעדאַכט; ווי ס׳מיליטער איז אין זיי אַריין, און מ׳זעט פון דאָרט אַרויס די קעפּ מיט די שטאָלענע היטלען... אין פענ־סטער קוקנדיק אַ טויטקייט ס׳אויף די גאַס... כ׳האָב נאָך די שטאָט אַזוי טויט נישט געזען...

ו י נ ק ל ע ר

פאַר אונזערע יאָרן, נאָך אין איר קיין מלחמה נישט געווען...

ב ל ו מ ע

זינט נאָכן האַלבן טאָג, זיך דאָס שיסן זייער צוגערוקט; נעכטן געווען ענלעך צום ביילן פון הינט אויפן דאָרף; אינדערפרי שוין געקאָנט וויסן אַ חילוק פון האַרמאַטן; און אַצינד...

ו י נ ק ל ע ר

ביקסן...

ב ל ו מ ע

איינהערנדיק

יאָ, ביקסן שיסן...

ו י נ ק ל ע ר

איינהערנדיק

ש־ש... קוילנוואַרפער...

ב ל ו מ ע

יאָ, קוילנוואַרפער...

ו י נ ק ל ע ר

טיק־טיק־טיק... ווי ס׳וואָלטן זיך געשיט שטיינדלעך...

ב ל ו מ ע

נעכטן די שייבן געציטערט, ווי מ׳וואָלט אויף זיי געגרילצט...

ווינקלער

רוסישע פּאָרפּאָסטנס זאָלן שוין דאָ זיין, און זיך איבערשיסן?... ס׳דייטשי-שע מיליטער ברויך נאָך זיין הינטערן וועלדל, עטלעכע וויאָרשט אינ-גאַנצן פון שטאָט...

בלומע

הערט זיך איין

גאָר נאָנט...

ווינקלער

הערט זיך איין

אַז ס׳אַ לויטערע נאַכט אין דרויסן, דערגייט עס ביז גאָר, און מ׳קאָן הערן אויף די האָר...

האַרמאַטן-שאָס.

בלומע

דערשראָקן

ס׳אויף די שטאָט!

ר׳ שמואל

ערנסט

שטיין און קוקן, איז ווייניק; מ׳ברויך עפּעס זען צו טון...

ווינקלער

אַרויסגיין צולייגן אַ האַנט?

ר׳ שמואל

נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין... אָפּ.

ווינקלער

אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג, כע-כע...

האַרמאַטן-שאָס.

בלומע

גיט זיך אַ צאַפּל

בישט אויף די שטאָט?

ווינקלער

ס׳אַריבער איר... אין שטאָט, ס׳זאָל אַריינפאַלן אַזאַ גראַנאַט, — זיך גע־הערט שיטן אַ מויער, פאַלן אַ שטיק דאַך...

בלומע

ציטערט

זאָלן אפילו נישט וועלן, קאָנען זיי דאָס אויכעט קנאַפּ פאַרהיטן...

ווינקלער

געוויס גייען נישט די גראַנאַטן אַלעמאָל, וואו מ׳וויל; האָבן זיך זייער אייגענעם וועג, און סתם ליב צו פאַרטשעפּן וואו מ׳ברויך נישט...

בלומע

קאָן מע דאָך זיין איינגעשטעלט...

ווינקלער

ברויכן גיין זען מיטן קעלער...

האַרמאַטן־שאָס.

בלומע

ס׳זעט זיך אויס, אַזוי ווי פון די וואַלן...

ווינקלער

באַלד הערן פון די אַנדערע זייט; אויב מ׳וועט זיי דאָרט פאַרשווייגן, — איז נישטאָ וועך ס׳זאָל ענטפערן; און די רוסישע פיעכאָטע אָנהייבן אַריינגיין אין שטאָט.

האַרמאַטן־שאָס.

בלומע

נו?

ווינקלער

ס׳אי פון פאָדוואַל; די דייטשן האָבן דאָ אויכעט זייער אַרטילעריע.

בלומע

ווי לאַנג קאָנען זיי איר נאָך אַזוי האָבן?

ווינקלער

אַזוי לאַנג, ביז ס׳מיליטער זייערס וועט זיך האָבן צוריקגעצויגן און דערוויטערט...

הארמאַטן־שאָס.

בלומע

פון זייער ביידנס האַקן, די שטאָט קיין געזונט נישט צוקומען; און נאָך שלעכט אָפּשניידן...

ווינקלער

זיך אַ ביסל אַדורכרעדן מיט די פּאָר באַטעריעס, און איר געבן טאַביק צו שמעקן; עמעץ אים פאַרזוכן, גלייך פטור ווערן פון קאַטאַר...

ביקסן־שאָס.

בלומע

פּאָרפּאָסטנס!

ווינקלער

ווי לאַנג די באַטעריעס וועלן אַזוי אַרבעטן, די שטאָט מיט זיי פול זיין; גייען אַרום הינטער די ווענט, און טאַפּן אין דער פינסטער; און אַז זיי טרעפן אַרויף איינע אויף די אַנדערע, — שיסן זיי זיך אָפּ; איז, ווען די קויל טרעפט, — בלייבט ער איבער, און האַלט זיך מיט איר; אַנישט, — כאַפּט יענער, אויב ר׳קאָן, די פיס אויף די פּלייצעס, און ציט אָפּ...

דאָס שיסן פון ביקסן און הארמאַטן מישט זיך אויס, אינאיינעם. אין פאָדער־הויז רייסן זיך אַריין יידן.

איינער

צעטומלט

דער קעלער! וואו אי דאָ ערגעץ דער קעלער? ס׳פליען דאָרט אויבן שטיקער פייער פאַר די אויגן.

צ ו י י ט ע ר

און ס'פייפט אין די אויערן, מ'קאָן טויב ווערן.

ד ר י ט ע ר

די גראַנאַטן גייען אַזוי נידעריק, אַז מ'קאָן זיי כאַפּן אין די הענט אַריין.

אַ י י ד ע נ ע

זיי פליען ווי די שדים.

צ ו י י ט ע ר

טאַנצן איבער די קעפּ.

ו י נ ק ל ע ר

אויכעט באַדאַרפט אַרונטערגיין.

ר' ש מ ו א ל

ווייזט זיך אַריין פון די צווייטע שטוב, טראָגט אויף זיך די שלאָפנדיקע רייזעלע

נישט געבליבן ערגעץ קיינער אין שטוב, און זיי ווילן זיך נאָך אַלץ נישט אַרויסרירן? וואָס אי ס'וואַרטן? ביז מ'וועט אייך געבן פּולווער צו שמעקן?...

ו י נ ק ל ע ר

דרייט אַראָפּ דעם לאָמפּ, און גייט נאָך מיט בלומען, — נאָך אים אין קעלער אַריין.

ש-ש-ש-ש...

די שיסעריי האַלט אָן.

דורך דער טיר ווייזן זיך אַריין איניקע לייט, וועלכע וואַרפן זיך איבער די שופלעדער פון די שענק.

א י י נ ע ר

ס'זאָל לאַנג אָנהאַלטן, קאָנען אַ שפּאָר ביסל שטובן אויסליידיקן...

צ ו י י ט ע ר

נעם אַראָפּ די לייכטער, און דערנאָך פריידיקן.

ד ר י ט ע ר

ס'זעט אויס ווי צו כל נדרי ביינאַכט, דער עולם וואָלט אַוועק אין שול אַריין...

ע ר ש ט ע ר

די שטובן אפילו נישט פאַרשלאָסן.

צ וו יי ט ע ר

עמעץ בעסער אַריינגעהאָרכט דערנעבן, און דאָרט געגומען אַ האַנט?...

ד ר י ט ע ר

אָבער, אין שותּפות אַריין...

צ וו יי ט ע ר

גיב אַ שמעק אַרויף צו יאַנקל קראַקאָווסקי אויפן אייבערשטן גאָרן, היני־טערן בוידעם, אין די פּאַציאַטן, — און אַרומקוקן אויפן ביסל טשוועקעס פון די נקבות זיינע...

ע ר ש ט ע

זיי ליגן שוין ביי מיר אין זאַק...

ד ר י ט ע ר

זיינע נקבות?

ע ר ש ט ע ר

ס'ביסל גלאָזוואַרג, זייערס.

צ וו יי ט ע ר

ברויך מע זיך אָפּטראָגן ערגעץ אַנדערש, ווידער; נישט צוקלעפּן זיך לאַנג אויף איין אָרט... שרייט אויס ברויט!... ווי קומט דאָ אַהער ברויט?... נעמט עסן מיר אַריינגעפּאַלן אין די הענט אַ פרישן לעבעדיק ברייטל, — אַז ס'האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרץ...

ד ר י ט ע ר

רייסט אָפּ אַ שטיק

זינט איי'ערנעכטן דאָס אין מויל נישט געהאַט...

ערשטער

רייסט אָפּ אַ שטיק

נישט עסן, נישט נ׳כּוח האָבן אפילו צו אַרבעטן...

דריטער

און נאָך ביי אַזאַ שווערע אַרבעט דערצו...

צווייטער

די הענט נישט לייגן צו גאָר.

דריטער

אַזוי, גאָר איינגאַנצן אַנדערש...

ערשטער

אַ פולן זאַק מיט לייכטער, ריבּ־אייזנס, בשמים־ביקסלעך, ראָנדלעס, און ס׳האַרץ פאַלט אַרויס, — מ׳קאָן קיין שטיקל ברויט נישט קריגן...

שטייען אַלע דריי און קייען, נאָר ווען זיי דערהערן טריט פונעם קעלער, — גיבן זיי זיך איינאיינעם אַ וואָרף אַרויס.

בלומע

קומט אַרויף אַ צעטראָגענע, — שטעלט זיך אַריין אין פענסטער, קוקן

די שטאָט איז ליידיק; יענע אַוועק, און די, — נאָך נישט אַריינגעקומען; רייטער קריכן זיך הינטער די ווענט... רייטער און פוסגייער... רוסישע, דייטשישע, — איינאיינעם אויסגעמישט.

ר׳ שמואל

קומט אַרויף, ציטערט איינגאַנצן

ס׳האָגלט אין דרויסן מיט קוילן, און זי זיך אַוועקגעשטעלט הינטערן פענסטער...

בלומע

פאַרפלאָמט

כ׳וויל דאָ שטיין און אים אָפּוואַרטן...

ר׳ שמואל

ס׳אי די גרעסטע סכנה דאָ אַצינד צו שטיין...

בלומע

כ׳קאָן מיך נישט אַוועקרייסן; מיין מאַן לאָזט מיך נישט; ס׳האַרץ גייט מיר אויס נאָך אים, זיצנדיק אין קעלער...

ר׳ שמואל

די שטאָט ווערט אויפסניי געבוירן, און די מענטשן כצאן בטבח; אין אַזאַ רגע איז דער שטן מקטרג, און מ׳ברויך האָבן גרויס רחמים; זכות אבות פון גוטע יידן, צדיקים...

בלומע

כ׳שלאָף שוין נישט זינט די דייטשן האָבן גענומען צוריקגיין; אַזוי ווי כ׳פאַרמאַך די אויגן, — זע איך אים צווישן חילות, מיטן גראָען שינעל; איינגעבויגן, דאָס מינעלע פון זיין קינד שפּילן ביי אים אויפן פנים, — און ס׳ווערט מיר אַזוי וואַרים, כ׳ווער אָנגעגאָסן; די ביינער קרימען זיך אויס, דרייען זיך איין ווי צווייגן אויפן פייער...

ר׳ שמואל

ש־ש־ש... מ׳טאָר נישט שפּירן קיין לעבעדיקן אָטעם... שלינג אַראָפּ יעדעס וואָרט, ס׳זאָל נישט הויך אַרויסקומען; דערשטיק אַלץ אין זיך, ביז ער וועט די טיר אויפמאַכן... און זיך דערנאָך פון די גאַנצע וועלט אויסלאַכן...

בלומע

כ׳וואָלט אָנגעצונדן אַ שטורקאַץ, און אַרויס זיי לייכטן איבער די קעפּ; אַריינלייכטן אין די פּנימער, און אים זוכן אין זייערע אויגן... איבער אַלעמענס קעפּ געפלויגן...

טריט פון פערד ווערן אָפּגעהאַקט פאַר די טיר, — רייטער אויף די שוועל.

בלומע, ר׳ שמואל

בלייבן שטיין צוריקגעהאַלטן, און לאָזן זיך אַראָפּגיין אין קעלער.

אַ רייטער

בייז

העי, ס׳אי נאָך ווייט קיין קראָקע?

ר׳ שמואל

עיטעריק

ענע זיך נאָכגעפרעגט קיין וואַרשע, און די ווידער קיין קראָקע... אָ
מיט איר.

די רייטער ווערן מיטגעריסן, און ס׳ברעכט באַלד אויס אַ געוואַלט.

די יידן, יידענעס

נעמען לויפן פון דאָרט, פאַרטויבנדיק מיט זייערע געוואַלטן און געשרייען.

— אוי, וואָס די אויגן קאָנען צוזען, און נישט אַרויס פונם קאָפּ...

— און ס׳האַרץ אויסהאַלטן, ס׳זאָל נישט פּלאַצן...

שטיל.

ס׳דערהערן זיך מיטאַמאָל הילכיקע טריט, אין דרויסן.

עזריאל

זיין קול

מיך געוואָלט באַהאַלטן אין קעלער, אויפן בּיידעם, אונטערן איבערבעט,
כע-כע-כע... נישט געוואוסט: זיי וועלן זיך דאָ לאַנג נישט דערהאַלטן,
און מוזן אַוועק?... קומט אַריין אָנגעטון ווי אַ זעלנער, מיט די ביקס, רוקנזאַק אויף
די פּלייצעס, וואַרפט אַ פינסטערן בליק אַרום זיך בלו-מע!... וואו איז ס׳קינד?...
אַנטקומט אין קעלער, פון וואַנעט ער ברענגט איר אַרויפצוטראָגן אויף די הענט; ס׳אַנטוועכן
אַראָפּגעריסן, אַנטבלויזט דער קערפּער, און פאַרחלעט.

ר׳ שמואל

בלויז מיטן קאָפּ פונם קעלער אַרויס, אַ פאַרבלוטיקט פּנים, פאַרבלוּ-
טיקטע באָרד

פאַרוואָס, גאָט, האָסטו נישט געזען: ער זאָל פריער קומען?... דיר נישט אַ שאָד געווען דיינס אַ קינד, גאָט?...

עזריאל

קוקט פאַרגליווערט אין איר אַריין.

פאָרהאַנג

דריטער אקט

נישט לאַנג דערנאָך
אין דער זעלביקער שטוב

ע ז ר י א ל

אין קעלער אריין, רופט

ווינקלער! וואָס האָט ער זיך דאָרט אַוועקגעלייגט אין קעלער? זיך אויס-געמויערט אַ קבר, און באַגראָבן אינם לעבעדיקערהייט...

ווי נ ק ל ע ר

קומט אַרויף

מיך אַרויסשטעלן פאַר „יאַנקעלע" פּריסטאַוו אין די אויגן, — ער זאָל מיך פאַרבעטן צו זיך אויף די חתונה? אַז כ׳וויל נישט טאַנצן ביי אים אויף די חתונה, נו?

ע ז ר י א ל

באַוואַקסן באַלד ווי אַ חיה; מ׳זעט אים קיין פּנים נישט אַרויס; די באָרד אַ סך העלפּן, יאָ...

ווי נ ק ל ע ר

וואָס מער יאָרן כ׳וועל אויף זיך נעמען, זיך ווייניקער אויף מיר אומקוקן...

ע ז ר י א ל

איז אין קעלער ס׳ריכטיקע אָרט, דערפאַר? ס׳שוויבלט דאָך און ס׳גריבלט מיט זעלנער, אונטן...

ווי נ ק ל ע ר

כ׳האָב מיר מיין לאָך, וואו ס׳שמעקט קיינער נישט אַריין...

ע ז ר י א ל

עפּעס זענען אויף דעם הויז דאָ, אַלע שלעק געוואָרן אָנגעשיקט; אונטן זיך אַריינגעקליבן דער פעטער אברהם-זעליק מיטן גאַנצן הויזגעזונט זיי-נעם, און באַקט ברויט פאַרן מיליטער...

ווי נ ק ל ע ר

וואָס דען זאָל ער טון?

ע ז ר י א ל

און אויבן קאָכט ווי אין אַ קעסל, ביי יאַנקל קראַקאָווסקין...

ווינקלער

צוויי גוטע זאַכן אויף איין מאָל...

עזריאל

דער קאָפּ קאָן דאָך צעשפּרינגען ווערן...

ווינקלער

ווייסט דאָך: אַז צוערשט קומט ברויט, און דערנאָך... אַ זעלנער, ער איז אפילו הונגעריק, איז ער אויך אַ בעלן דערמיט צו דערעסן... וואַל־גערט זיך אַרום, גאָרנישט איז אים ניחא; נישט זיכער, אויב דער מאָרגנדי־קער טאָג איז זיינער, — פאַרוואָס זאָל ער נישט אָפּהאַקן די טירן?...

עזריאל

כ׳האָב נישט צו די זעלנער...

ווינקלער

האָב יאָ...

עזריאל

פאַר מיינסטאַלבן, מעגן זיי אויסלאָזן דעם גאַנצן כעס צו די שיקסעס; ס׳אי מיר נאָר אירס, וואָס זי ברויך דאָס אַלץ אויסשטיין; נישט געווען דערביי און אין דערין, דאָס גיכער פון איר אָפּגעטרעטן...

ווינקלער

און וואו קאָנסטו דיך רירן?... אַז די שטובן זענען באַזעצט ביזן באַלקן; צו זעקס־זיבן פאַמיליעס אין אַ הויז; דריי מענטשן אויף יעדן שפּאַנג; אַז דער פראָנט האָט זיך צוגערוקט אַזוי נאָנט, און אויסגעשפּיגן ס׳ביסל יידן מיט די בעבעכעס... וואו האָבן זיי געקאָנט גיין פון כענטשין?... לאָ־פּעשנע? מאַלאָגאָשטש? ראַדאָשיץ?

עזריאל

ס׳האָט איר פון אומעטום צוגעשפּילט... און אַזוי: מיטן קנאַק... אין די אַנדערע טיר בלו־מע! וואָס ווערסטו אַזוי אָפּליגן אינעווייניק?... אַ בליק גע־טון צום קינד, זען: וואו ס׳איז?...

ב ל ו מ ע

קומט אַריין, גייט צום פענסטער, און שטעלט זיך קוקן

ס׳קינד שפּילט זיך אין דרויסן... און נעמט צוריקגיין.

ע ז ר י א ל

דיך נישט לאָזן צוריק אַוועקלייגן; כ׳וויל: זאָלסט אַ ביסל אַרומגיין
אָדער שטיין אויף די פיס... שטענדיק ליגן ?...

ב ל ו מ ע

בלייבט שטיין אַראָפּגעלאָזט נ׳קאָפּ

שטיין.

ע ז ר י א ל

אַזאַ שטיין...

ב ל ו מ ע

נעמט זייער פאַמעלעך גיין

גיין.

ע ז ר י א ל

אַזאַ אַרומגיין...

ב ל ו מ ע

כ׳ווייס: ס׳אי נישט קיין גיין, קיין שטיין, נאָר ווי אַלץ ביי מיר, —
אָפּגעהאַקט, איבערגעשניטן; בייטאָג קאָן איך נאָך אויסקומען...

ע ז ר י א ל

איז דאָך אַצינד בייטאָג.

ב ל ו מ ע

נאָר אַז ס׳קומט אויף דער נאַכט, ווערט אויף מיר די הויט געריינצלט,
און כ׳ווייס נישט וואו מ׳טוט זיך אַהין און מ׳באַגראָבט זיך, — כ׳זאָל איר
נישט ברויכן זען, קוקן אין פנים אַריין...

עזריאל
איר אין די אויגן
ווייל, ס׳אויסגעפאַלן ביינאַכט?

בלומע
ניין; ווייל מ׳שטאַרבט, ווייס איך, — ווערט מיט אַלעם נאַכט...

ווינקלער
אַז מ׳שטאַרבט, איז אפילו קיין נאַכט אויכעט נישט...

בלומע
אַז כ׳האַלט אָפן די אויגן, איז מיר טונקל אין זיי; און אַז כ׳פאַרמאַך זיי, — ווערט מיר ליכטיק; שוין אַ לענגערע צייט ווי כ׳שפּיר די ליכטיקייט, ווען כ׳פאַרמאַך די אויגן; און כ׳קלער נאָר בלויז: אויב כ׳וועל פאַרמאַכן די אויגן אויף שטענדיק, — די ליכטיקייט נישט אָפּטרעטן...

ווינקלער
אַ סך פאַר איר זיך איבער דעם אייגענעם געבראָכן די קעפּ...

בלומע
אַז די ליכטיקייט פאַרלעשט זיך אין שלאָף פאַר די אויגן, איז מע טויט?...

ווינקלער
נאָר זי טראַכט אין אים אַריין...

עזריאל
אויב דו האָסט אפילו אַזוי שווער געליטן, ס׳זאָל דיר קיינער נישט קאָנען העלפן מער, און פילסט: אַז די גאַנצע וועלט איז דיר אונטערגעגאַנגען, — ברויכסטו אויך, ווען דו זעסט: ווי איך לייד, ס׳קינד ליידט, און דער זיידע ליידט, — אונז דאָס נישט טון, און ווייזן אַ פרייע מינע... אַ פריי פּנים...

בלומע
כ׳וויל אַ סך מאָל לאַכן, זיך אָננעמען מיט געלעכטער, כ׳צענעם די אויגן, ברייט, גרויס, און מיין: זיי וועלן אָנהייבן שטראַלן, און ס׳הייבן אָן

פֿאַלן טרערן, ס׳ווערט אַ געוויין; כ׳וויל זיי אַראָפּשלינגען, מיט אַלע כּוחות אין זיי דערטרינקען, און זיי שטיקן אָבער אַזוי לאַנג, ביז... כ׳לאָז זיי שוין גיין!

ע ז ר י א

זעסטו: און מיט דעם בין איך אין דרערד, וואָס דו האַלטסט דיך אין איין קרענקען; דאָס וועט מיך און דיך איבּערעסן, אַלעמען אונטער־ברענגען...

ב ל ו מ ע

אַז, ס׳ווענדט זיך גאָרנישט אָן מיר, און דאָ דעראויסן דערפון; אַ קוואַל זיך אויפגעמאַכט אין מיר, און שלאָגט אַזוי פאַרשידן; קוואַלן שלאָגן אין פרילינג שטאַרקער, און שוואַכער אין הערבסט; ליכטיקער אויף די זון, און טריבער אין שאָטן; אין מיר איז אַזאַ קוואַל, וואָס די צייט שפּילט מיט אים, האָט זיין הערבסט אין פרילינג, זון און שאָטן...

ע ז ר י א ל

און איך, אַז כ׳זע דיך אַזוי, און ווי ס׳הענגט אַלץ פון דיר אַראָפּ, ס׳טויטע פּנים דיינס, — מיין איך: אַז איך האָב דערפון די פאַרב אָפּגעווישט, די רויטקייט פון דיינע באַקן אויסגעזויגן; דיר ס׳אומגליק מיט מיינע הענט אויף אַ גילדערנע טאַץ אונטערגעטראָגן; און ס׳קומט נישט אַנדערש אויס, ווי אַליין זיך דערפאַר דעם טויט צו מאַכן...

ב ל ו מ ע

וואָרן, אַז דו וואָלסט געווען, — יאָ גאַנץ אַרויס?... אַזוי, דער טויט פאַרשפּאָרט די הענט אויך איבער די אויפצוהייבן...

ע ז ר י א ל

כאָטש אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ, די פּלייצעס, פאַר דיר אָפּגעגאַנגען אין בלוט... אַ, כ׳וואָלט דיך נישט געקאָנט פאַרהיטן?... כאָטש געבליבן ביי מיר אַ ריס, אַ ביס, אַ לאָך אין קאָפּ... און אַ ראַנע געהאַט... מיר ווייי געטון פאַר דיר...

א גערודער אין דרויסן.

ש ר ה - ה י נ ד ע

ווערט זיך פון א זעלנער

איך האָב בלויז בילקעס צו פאַרקויפן... בילקעס... קיקלעס...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

נאָך זיי, וויל אים אוועקרייסן

נישט ביי איר... אויבן: אין די פּאַציאַטן קאָנסטו דאָס קריגן...

ש ר ה - ה י נ ד ע

אונטן קריגט מע בלויז ברויט...

ו י נ ק ל ע ר

און אויבן, פליש.

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

אויף די שוועל, נעמט אַרויס דעם זעלנער

ביי מיר אויבן, זעמלאַך!

ב ל ו מ ע

עקלדיק

ס'אי נישט אויסצוהאַלטן, דאָ... אָפּ.

ע ז ר י א ל

און דאָס, איר צום איבעריקן נ'טויט מאַכן. אָפּ נאָך איר.

ו י נ ק ל ע ר

איר ברויכט שטיין אין דרויסן, ר' יאַנקל, און דאָס נישט צולאָזן; איר ווייסט, מ'טאָר אַ געשלאָגענעם קיין שמעקן נישט ווייזן...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

אַ שאָטן פון אַ זעלנער, שפרינגט זי גלייך פון די הויט, און נעמט קריכן אויף די גלייכע ווענט...

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

געהרגעט זאָלן זיי ווערן, די דייטשן; וואָרן, ס'אי דען איר נאָך ווער אַזוי שולדיק ווי, זיי?... נישט געוועזן איינגעווייקט ס'ביסל שיקסעס, —

פאַרשפּאָרט איבער איר צו פּאַלן... יענע קוקן עס דאָך מיט פאַרגעניגן אויס...

וו י נ ק ל ע ר

ס'אי די מלחמה איר שולדיק, נישט מער קיינער...

ק ר אַ ק אָ וו ס ק י

אַ רגע אָפּגעטרעטן, איז איינער ערגעץ אַנדערש פאַרקראָכן, נו ?...

וו י נ ק ל ע ר

נישט איינער, וואָס פאַרקריכט...

ק ר אַ ק אָ וו ס ק י

כ'קאָן דאָך מיך נישט אַוועקשטעלן אויף אַ גאַנצן טאָג פאַר די טיר, זיי אָפּנעמען...

אַ ב ר ה ם - ז ע ל י ק

נישט בלויז אין איר, נאָר אפילו מיין ווייב קאָן זיך אויכעט פון זיי נישט אָפּיאָגן...

ק ר אַ ק אָ וו ס ק י

טאַקע דאָ אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן...

ש ר ה - ה י נ ד ע

די זעלנער זענען ווי הונגעריקע וועלף...

ק ר אַ ק אָ וו ס ק י

קאָן גוט זיין פאַר איינעם, וואָס איז שוין טויב און לאָם, שטום און בלינד, און ס'שיט זיך פונם פרוכנע...

ש ר ה - ה י נ ד ע

גאָט צו דאַנקען: מיין מאַן איז נאָך נישט טויב און לאָם, שטום און בלינד, און ס'שיט זיך פונם נישט קיין פרוכנע...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

נישט די פינסטערע מלחמה, ווי זי וואָלט ביי מיר געשיינט ווי אַן אמתע מלכה...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

אַז איך פֿאַרפּוץ מיך פֿרײַטיק צונאַכטס, קאָן מע זיך נאָך אָן מיר אױכעט גאַנץ שײן אָנכאַפּן...

ק ר אַ ק אָ װ ס ק י

איך טאַקע זען צו פֿאַרפּוצן...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

כ׳ברױך עס נײטיק װי אַ לאָך אין קאָפּ...

ק ר אַ כ ז װ ס ק י

די זעלנער ברױכן עס אָבער...

אַ ז ע ל נ ע ר

הײזט זיך אַרײַן.

ק ר אַ ק אָ װ ס ק י

שטײט־צו

נאָך אַ שיקסע, — אױבן!

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

און נאָך אַ ברױט מוזסטו גײן אין קעלער אַרײַן, אונטן...

ק ר אַ ק אָ װ ס ק י

פֿאַכװאָס ביסטו אַרײַנגעקומען?

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

נעמט אים אַװעק

ער מײנט גאָר אַ ברױט...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

און אים צעטומלט מיט אַ שיקסע...

ק ר אַ ק אָ װ ס ק י

װאָס װילסטו בעסער?

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

ברויט ?

ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י

צי אַ שיקסע ?

ז ע ל נ ע ר

ביידע...

ו ו י נ ק ל ע ר

ברויט מיט אַ מעסער.

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

ער איז קיין נאַר נישט...

ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י

גיי פריער אַראָפּ נאָך ברויט ; זיך אונטן אָנעסן, ווייסטו דאָך וואָס ס׳איז אויבן דאָ ?...

ו ו י נ ק ל ע ר

נישט שווער זיין אָנצוקומען...

ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י

פאַר זיין כשר געלט.

ו ו י נ ק ל ע ר

אַזוי כשר ווי חזיר־פיסלעך ; דאָס ערגעץ מסתמא אָנגעראַבירט...

ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י

דער רב זיך אויכעט נישט ברעקן עס צו נעמען...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

אַ פרנסה, מיינע שונאים !

ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י

אויף אַלע מיינע ליבע, געזאָגט. אַפּ.

שרה־הינדע

ווער ס׳טרעט אָפּ אינם לעבעדיקן גאָט... אברהם־זעליק, גיב אײנאײנוועגס אַ קוק, ווי ס׳האַלט מיטן געבעקס ברויט ?...

אברהם־זעליק

קומט אַרויף

אַ ביסל צוגעברענט ווערן, זײ זיך ברעקן דערמיט ?...

שרה־הינדע

פאַרוואָס זײ געבן צו עסן שטײנער און בײנער פאַר זײער געלט ?

ווינקלער

און נאָך אַזאַ געלט, וואָס מ׳גיט זײ בלויז דאַרויף, — זײ זאָלן עס סוף־כל־סוף ברויכן אויסברעכן ?...

אברהם־זעליק

קוקן מאַקע אַרויס אויף דעם, וואָס מ׳גיט זײ...

שרה־הינדע

און נעמען אפשר נישט אָרעך ביי די יידן אַחוץ ס׳לעבן, אויך דעם לעצטן גראָשן...

אברהם־זעליק

און מעגן עס אויסברעכן...

שרה־הינדע

ס׳אי נישט פריער, ווען מ׳האָט זיך געשלאָגן אויפן פראָנט ; ס׳זענען יעדן טאָג אַרײנגעקומען פּופּציק־זעכציק טויזנט זעלנער, הונגעריק און אויסגעפרווירן ; און ס׳אי געווען גוט, וואָס מ׳האָט זײ געגעבן : ברויט מיט שײלעכטס, זעגעכטס...

ווינקלער

וואָס מ׳האָט אַלץ אין דעם אָרימען ברויט נישט אַרײנגעבראָקט, און דער זעלנער עס פאַרדײעט ; צומאָלט קאַליע געמאַכט דעם מאָגן...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

און איבערגעפירט...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

די פאַרגעסט : דאָס אַחוץ לאָפּעשנע, האָט כּענטשין און מאַלאַגאָשטש אויך עפּעס אַנדערש נישט צו טון, ווי צו באַקן ברויט...

ו י נ ק ל ע ר

ביי זיי זיך אויך דער שטריק אַרום האַלז, אַרומגעוויקלט...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

ס׳קומט נאָך אַלץ אויף אַזוי פיל דערוויילע אַריין, — מ׳זאָל קאָנען פּטרן אַ געבעקס ברויט, כאָטש מ׳שלאָגט זיך נישט, און מ׳דישעט זיך אַזוי געפּערלעך אויפן פּראָנט ; און די פּאָר שטעטלעך יידן באַקן...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

איך שטיי מיט די קאָשיקעס אין דרויסן, און ער ווייסט ?...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

צו קיין באָרשט דאַרף מע נישט קיין ציין ; אַ קונץ : אַז מ׳האָט זיך גע־שלאָגן, געפּאַקט דאָס חילות אין די מילי־מיליאָסן, איז, — וויפיל מ׳האָט נישט געזאָלט אָנבאַקן, אַלץ נישט געווען אפילו אויף קיין איין צאָן ; די גאַנצע שטאָט געווען בעקער, ווער ס׳האָט געהאַט אַ האַנט מיט אַ פוס, — געבאַקן, און אַלץ געריסן פון די הענט, זיך געבריוכט שלאָגן פאַר אַ בולקע...

ו י נ ק ל ע ר

געבן אָנצוועסן אַ מיליאָן, צוויי, זעלבער, און נאָך אפשר גאָר דריי, פיר, פינף...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

אָבער אַז ס׳אי שטיל אויפן פראָנט, מ׳וווערטלט זיך בלויז איבער דאָרט ביינאַכט אויפן אויער... און קיין פריש מיליטער קומט נישט צו... די, וואָס ליגן אין די אָקאָפּעס, — קריגן צוגעשטעלט זייערע חלקים... און

ענע, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, ווייסן זיך אויסצובּיטן און יבּערצו־
קלייבּן: ס׳זאָל זיין פריש... און אויסגעבּאַקן... נישט צוגעבּרענט...

אברהם־זעליק

מילא... מיר גיין ס׳לעבּן נעמען ?... און אויסקוקן: ס׳זאָל ווערן לעבּעדיק
אויפן פראָנט, — און גרינגער אָנקומען צו פאַרקויפן אַ געבּעקס בּרויט ?...
זאָל ער דאָרט איינעמען אַ מיתה משונה, דער גאַנצער פראָנט, און בּאַדיי
נישט האָבּן מער פאַר וועמען צו בּאַקן...

שרה־הינדע

טאַקע שיין אויסזען...

אברהם־זעליק

מיך נישט אָוועקגעהרגעט, אַז כ׳האָבּ געמוזט נעמען ז׳עם שטעקן אין די
האַנט אַריין, דיך פון איין זייט, די פּיפּקעס פון די אַנדערע זייט, און
לאָזן שטיין אַ קראָם שניט, אַ געפּאַקטע קראָם, אַז די שענק האָבּן זיך
געבּראָכן...

שרה־הינדע

כ׳ווייס נישט: וואָס דאָס אָרימע לאָפּעשנע האָט זיך אַזוי פאַרזינדיקט,
אַז די גאַנצע וועלט מיט צאָרן, — זאָל דאַרויף האָבּן אויסגעגאָסן געוואָרן ?...
צדקה געטיילט נישט ערגער ווי אומעטום... קיינעם נישט געלאָזט בּעכטיקן
אין דרויסן, הינטער די וואַנט... אומאויסגערעדט, וואָס כ׳פּלעג אַליין
צעטיילן... און אָפּגעשטאָרבּן אונטער די האַנט...

אברהם־זעליק

עדי־עד; ס׳זאָל קיין תחית־המתים נישט מער אויפשטיין.

שרה־הינדע

אויסגעריסן מיטן וואָרצל; נישט געבּליבּן קיין זכר פון איר געביין; אַ
שטיין אויף אַ שטיין...

אברהם־זעליק

בּע־כּע... נישט געווען יענץ מאָל, ווען מ׳איז געבּליבּן שטעקן הינטער־
וועגס, ס׳האָט זיך, צווישן אַ יאָ און אַ ניין, — איבּערגעדרייט; פיף־פאַף, —

געגעבן אַ שאָס, און געמיינט: מ׳איז שוין איבערגעקומען, און דערמיט האָבן אָפּגעטאַנצט; נאָר בלויז געבראַכט אָפּוואַרטן ביז זיי וועלן זיך טרעפן, געבן: „שלום־עליכם!״ און: „מה שמיכם?״ און קאָנען ווייטער פאָרן...

שרה־הינדע

דאָס מאָל, נעבעך...

אברהם־זעליק

אין פלוג, פרייט זיך אין מיר ס׳האַרץ; וואָרן, אַלעמאָל אַ כּלל: ברויך אויסגעריסן ווערן דער געמיינער מאַן, — דאָ האָבן אַלע גלייכע חלקים, און ס׳אַי נישט געגאַנגען מיט קיין געלט זיך אויסצוקויפן...

ווינקלער

ווען פרייט זיך אַ הויקער?

אברהם־זעליק

אַז מ׳האָט אַגעשריי געטון אין מיטן די נאַכט: „לך לך!״ אפילו נישט געקאָנט די הויזן מיט די שיך אויף זיך אַרויפכאַפּן; צי ס׳העמד אויפן לייב, און זיך אין עפּעס אַרומהילן... און דאָ, די קוילן געפּיפּן אין די אויערן: זש־זש־זש... די קורבאַטן זיך געדרייט אין לופטן איבער די קעפּ...

שרה־הינדע

מיר לייגן שערבעלעך אויף די אויגן...

ווינקלער

גרוש ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש.

אברהם־זעליק

און אויף צו להכעיס איז אַ רעגן; גיסט, אַ בלאָטע, — מ׳שטעקט אַריין אַ פוס, איז מיט נסים, — אַז מ׳שלעפּט צוריק אַרויס; פינסטער, חושך, מ׳ברויך זיך די אויגן פון קאָפּ אַרויסצונעמען... ס׳אפילו קיין פוילישער וועג נישט; מ׳טרייבט איבער גריבער, אויסגעהאַקטע וועלדער, און מ׳שיילט פון זיך ס׳פלייש אָפּ; מ׳האַקט זיך אָפּ שטיקער פיס; אַ טריט און מ׳פאַלט; און אַז מ׳פאַלט, — קריגט מע געשלאָגן וואָס מ׳איז גע־

פאַלן ; אַחוץ : וואָס מ'צעהרגעט זיך אַליין איבער די פּניאַקעס און וואַרצלען...

שרה=הינדע

און זיי דאָס זיין געשענקט ?...

אברהם=זעליק

באַלד ליכטיק געוואָרן אין די אויגן ; אַ פייער זיך אַריבערגעצויגן איבערן הימל, און די קרוינען ביי די ספרי=תורות אויף די קעפּ, — גענומען לייכטן ; און אַז כ'האָב מיך אומגעקוקט און געזען : ס'ברענט ! לאָפּעשנע ברענט ! און דאָ מיט זיך גאָרנישט מיטגענומען... דאָרט אַלץ געלאָזט... אַזוי פיל יאָרן פּראַצע...

ווינקלער

אַ סך אומגעקומען ?

אברהם=זעליק

אַז ס'אי טאָג געוואָרן, און געלאָזט שטעלן אָפּרוען ערגעץ הויף אַ שטיק פעלד, און גענומען צרומקוקן : ווער ס'פעלט ?... זיך ערשט אָנגעהויבן אַ יעלה, אַז די הימלען האָבן זיך געוויגט...

שרה=הינדע

דער מרה=שחורהניק איז נישטאָ ; נעלם געוואָרן אין גיין, אָדער זיך צעשמאָלצן אין די פלאַמען...

אברהם=זעליק

און דער אַלטער פּייבוש ?

שרה=הינדע

פּונקט געבּרויכט טרעפן, אַז ביילע=זעלדע זאָל אַ טאָג פריער געלעגן ווערן ; און אַזוי ווי מ'האָט איר אַרויסגעטראָגן מיטן באַגעטל, בעטל, מיין איך, — אַ לעבעדיקע, איר, ברוך=השם, געבּרענגט אַ טויטע...

מ'הערט אין דרויסן טרומייטערן און באַראַבאַנעווען אויף אַ פּויק.

א ב ר ה ם = ז ע ל י ק

כאַפּט זיך

מיליטער איז אַריינגעקומען; שרה-הינדע, גיי שטעל דיך אַרויס...

ש ר ה = ה י נ ד ע

דאָס מאָל דיר אָנהענגען די קאָשיקעס, און זיך אַליין אַרויסשטעלן; איך וועל אַראָפּגיין אין קעלער אַריין...

א ב ר ה ם = ז ע ל י ק

מיר ווייזן איין מאַנספּערשוין אין דרויסן, עס אויבעט טון; דערווייל זע איך: אַז אַלע מאַנסלייט שטייען און באַקן, און די ווייבער זייערע פּאַרקויפן...

אַ ז ע ל נ ע ר

אין טיר

בלעבאַ!

ש ר ה = ה י נ ד ע

איז דאָ אין קעלער אונטן, צו קריגן... אָפּ מיטן.

א ב ר ה ם = ז ע ל י ק

אין טיר, רופט

נאָך ברויט אין קעלער אַריין! שיקט אַרונטער האָרמיצס זעלנער.

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

זיך צריינגשוינעלנדיק, רופט

און נאָך עפּעס אַנדערש, — אויבן, אין די פּאַציאַטן... שיקט אַרויף האָרימעס זעלנער.

ש ר ה = ה י נ ד ע

פון קעלער

האָב רחמנות, און שיק מיר נישט אַראָפּ אַזוי פיל זעלנער אויף אַמאָל; כ׳האָב נישט נ׳פוח צו זיי; זיי ווען מיך דאָ צעטראָגן...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

ווי פריער, רופט

ברויט איז אין קעלער, אונטן, — צו קריגן...

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

עפּעס אַנדערש, — אויבן, אין די פּאַציאַטן...

ע ז ר י א ל

אויף די שוועל

אַ שיינער יריד גייט דאָ אָן...

ו י נ ק ל ע ר

דו מוזט זען צו כאַפּן ס׳ווייב דיינס, און אַנטלויפן מיט איר וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט...

ע ז ר י א ל

פאַרביטערט

ווי אַזוי?...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

פון קעלער

אברהם־זעליק, שיק מיר נישט אַראָפּ מער קיין זעלנער; זיי צענעמען ס׳ברויט און באַצאָלן נישט...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

וועלכער האָט נישט באַצאָלט?

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

יענער מיטן רויטן לאַמפּאַס אויפן היטל, און אָן שטיוול...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

וואַרפט זיך איבער אים

געלט, אָדער, — ס׳ברויט! בחנם עסן די כינים!

דער זעלנער

נעמט אים שלאָגן

נ׳טויט וועל איך דיר געבן, נישט ס׳ברויט !

שרה=הינדע

פון קעלער

געוואַלט, אברהם=זעליק, מ׳צעראַבירט ס׳ברויט...

אברהם=זעליק

אין געשלעג

געוואַלט, שרה=הינדע, מ׳שלאָגט צום טויט !

שרה=הינדע

פון קעלער

געוואַלט, מ׳צעטראָגט !

אברהם=זעליק

ווי פריער

געוואַלט, מ׳שלאָגט !

שרה=הינדע

געוו=אַ=ל=ט !

אברהם=זעליק

געוו=אַ=ל=ט !

ווינקלער

נעמט אַרויסקריכן דורכן אָפענעם פענסטער

איך מוז זיך שוין זען אויפצורוימען ; גיין קוקן, דער ערשטער, — צו זיין ס׳כפרה=הינדל...

קראַקאָווסקי

צערייסט די קופּע זעלנער

זאָלן זיי גיין אין גאָטס דרערד אַריין מיטן ברויט אינאיינעם ; אָנפרעסן און דערשטיקט ווערן דערמיט...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

קומט אַרויף

אַזאַ טייערער אויוון געבעקס, ער האָט נאָר אַרויסגעשמעקט...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

ווי אַזוי גיט מען דאָס פֿריִער אַרויס אַ ברויט פֿון די הענט, אײדער מ'נעמט געלט דערפֿאַר?

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

גאָרנישט געוואָרט, ביז כ'וועל זיי געבן; אַליין גענומען...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

אַזעלכע רויבער!... גיי און האָב אויף דעם רחמנות... בײַך!... און דאָס זײַן דער יישר־כּוח, אַז מ'וועט זיי נישט לאָזן פֿאַרהונגערן...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

דאָס זענען גאָרנישט געווען אַנדערע זעלנער, געהרגעט זאָלן זיי ווערן; קאַלמיקן מיט קליינע אייגעלעך, קרומע; טאָטערן, — נאָך ערגער פֿאַר קאָזאַקן...

ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י

אויב איר ווילט: מ'זאָל אײַך מער נישט באַראַבעווען, מוזט איר זען אַרײַנצונעמען אַ קאָזאַק אין עסק אַרײַן...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

אוי, דער קאָפּ!

ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י

אַז אַ קאָזאַק וועט שטיין בײַם אויוון, ס'געלט זײַן זיכער ווי בײַ אײַך אין קעשענע; אויף אַ קאָזאַק איז זיך צו פֿאַרלאָזן...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

בינדט זיך אַרום דעם קאָפּ

כ'האָב מער קיין קאָפּ נישט.

שרה־הינדע

אַ קאָזאַק אין עסק אַריין? אים שוין באַשטאַנען, באַלד אַריינצוגעמען, נאַר, — ער זאָל מיר נישט וועלן אונטערשטעלן אַ פּיסל...

אברהם־זעליק

אוי, דער קאָפּ!

קראַקאָווסקי

נקבות האָט ער בײַ מיר; אַלץ וואָס איר דאַרפֿט פֿאַר אים, איז, — אַ פֿלאַש בראָנפֿן; און ברויט, — וויפֿיל ס'וועט אינם אַריין...

שרה־הינדע

שוין באַלד באַשטאַנען, נאַר, — וואו וועל איך אים גײן נעמען?

אברהם־זעליק

אוי, דער קאָפּ!

קראַקאָווסקי

זיי וואַלגערן זיך אַרום אויף די גאַס, ווי די הינט; פֿאַרן ערגסטן פֿאַל, קאָן איך אײַך אָפּטרעטן איינעם אויף עטלעכע שעה אין טאָג; איך האָב נאָך צוויי...

אברהם־זעליק

אוי, דער קאָפּ!

שרה־הינדע

בלויז: ווען ס'מיליטער גיט זיך אַ לאָז אין קעלער אַריין נאָך ברויט, — ער זאָל זיך אַוועקשטעלן, און נישט לאָזן עס צעכאַפּן...

אברהם־זעליק

אוי, דער קאָפּ!

קראַקאָווסקי

ב'זאָל נישט האָבן אַ פּאָר קאָזאַקן אויבן, אַרומגײן, — ס'ביסל שיקסעס לעבעדיקערהייט צעטראָגן; פֿון באַצאָלן איז אָפּגערעדט; קומען אַריין

ווי די גזלנים, און גייען גלייך מיטן „שטיק!" איבערערעדן אַ וואָרט, — דריי מאָל אין טאָג דערשטאָכן אויפּס טויט; נאָר אַז דער הער קאָזאַק איז בעל־הבית, האָבן זיי גוט ס'קדחת, און מוזן גאַנץ שיין באַצאָלן... אָפּ.

עזריאל

ווידער אין טיר

נישט מעגלעך: ס'זאָל אויף אַ שעה אויפהערן?... מ'ברויך דאָך יענעם אויכעט צו באַרעכענען...

אברהם־זעליק

אַז ס'איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ ראָטע זעלנער, וואָס זאָג איך: אַ ראָטע?... אַ גאַנצער פּולק.... אַ קאָרפּוס... ווייניק: זיי האָבן מיר צעטראָגן אַן אויוון ברויט, נאָר געשלאָגן אויך צום טויט...

עזריאל

זי איז אַ קראַנק מענטש, און ברויך האָבן מנוחה; דאָס וועט איר צום איבעריקן אָוועקלייגן...

שרה־הינדע

ווישט זיך די אויגן

ס'האַרץ וויינט אין מיר געוואַלד, כ'קוק: ס'האָט אַזאַ יונגן בוים איינגעבראָכן; אַז מ'איז, נישט היינט געדאַכט, געכאַפּט געוואָרן פון די מלחמה, צוריקפאָרנדיק פון לאָדוש, — איר געטראָפן בלייען; מיט אַזאַ שיינע קאָליר אין פּנים... און נישט אַזוי אויסגעטרוקנט...

אברהם־זעליק

מיר ס'מוחל זיין, אַ גרויסער נאַר... אַ האַלבע שטאָט ווייבער נישט בעסער פאַר איר אָפּגעשניטן...

שרה־הינדע

און גאָט זאָל שוין אויף די איבעריקע מער רחמנות האָבן...

אברהם־זעליק

וואָס זאָלן נאָך זאָגן יענע, וואָס די מענער שלעפּן זיי צום רב, און פרעגן אַ שאלה: אויב מ'מעג מיט זיי האָבן אַ מגע־ומשא?...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

מיר דאָס געברויכט טרעפֿן, אָקס, און דערנאָך שלעפּן צום רב...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

וואָס וואָלסטו אַ שטייגער, אַזוי געטון?

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

דיר אויפגעמאַכט נ׳קאָפּ מיט אַ שטיק האָלץ...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

אַ קאָזאַק! נאָר אָנצוטון אַ פּאָר רייט־הויזן מיט אַ רויטן פּאַס, אויפזעצן אויף אַ פערד, דערלאַנגען אַ פּיקע, און אָפּשיקן אויפן פראָנט...

ע ז ר י א ל

די זעלנער איר נישט קומען אונטער די אויגן, זיין שטיל, — זיך עס נישט אַזוי שטאַרק אָפּגערופן; און אפשר דערוויטערט דערפון...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

און וואו זאָל מע גיין און שטיין?

ע ז ר י א ל

וואָס איז מיט אַנדערע, וואָס האָבן דאָ נישט קיינעם?

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

אויכעט נישט געבליבן אויף די גאַס.

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

ס׳האָבן מענטשן אַריינגענומען גאַנצע משפחות, וואָס קערן זיך אפילו גאָרנישט אָן; אַבי מ׳האָט געהאַט אַ שטיקל פּאָדלאָגע, וואו עמעצן אַוועקצולייגן; זיך געטיילט, נישט מיט די שטובן, נאָר מיט יעדן שפּאַנג ערד; וואָרן, יענע וואָס האָבן נאָך אַ בעט שטיין, — זענען זיכער דער־מיט?... געכטן לאָפּעשנע, מאָרגן, — כ׳וויל מיין מויל נישט ברענגען צו

קיין בייזן... שוין ?... זי לאָזט זיך שוין דאָ אויס, די מלחמה ?... און ווייטער נישט גיין ?... וועלן איבערשפּרייזן די שטאָט ?... און אין ווע־ וועגס מויערן אָנשפּאַרן ?... איין ריר, — קאָן אַזוי פיל דאָ בלייבן ווי פון לאָפּעשנע... אַלץ נאָר בלויז אויף אַ חיי־שעה... אָט נעמט מע שיסן, לויפן אַלע אין קעלער אַריין... און אַז מ׳וועט אַ ביסל איבערכאַפּן די מאָס, און אַזוי גיך נישט אויפהערן, שוין אין קעלער אויך מער קיין אָרט נישט זיין...

עזריאל

כ׳נעם מיך נישט איבער מיט די שטוב... הלוואי אויף איר אויכעט די מלחמה אָנגעשפּאַרט, און צעפּגעריסן ביזן גרונט, כ׳זאָל נישט ברויכן דאָ זיין, אַרומדרייען אין אירע דלת־אמות... אָפּ.

אברהם־זעליק

מיינסט, ס׳אי נישט קיין ווייטיק ?

שרה־הינדע

הענגט אים אָן צוויי קאָשיקעס מיט ברויט אויף ביידע הענט

נא... דער מעלער קיין מעל נישט געבן, אַז מ׳וועט אים נישט האָבן אויפצוציילן ס׳געלט אויפן טיש...

אברהם־זעליק

אַ פּאָר ברייטלעך נאָך געבליבן ? די זעלנער נישט אַלץ נאָך צעכאַפּט ?...

שרה־הינדע

גיב אַ בליק אַריין אין דער גמינע, אויב ס׳אי נישט עפּעס אַריינגע־ קומען...

אברהם־זעליק

נעכטיקע גבירים, און מוזן היינט אָנקומען צו בעטל־ברויט.

שרה־הינדע

מ׳זאָגט : ס׳שטייען שוין פון נעכטן אָן צוויי וואַגאָנעס אָנטועכץ פאַר די לאָ־ פּעשנער, וואָס מ׳האָט אַריינגעשיקט פון פּעטערבורג ; הערסט ? אַנומעלט

שטייט צו מיר צו יענטל שנאָרער: „אַלמאַי, זי איז נישט קיין לאָפּעש־נער?..." פון די אַלע גדולות דערוויַיל אויף מיין חלק נישט מער אָנגע־קומען, ווי עפּעס אַן אַלט צוּומגעריסן שפּענצערל, מיט דריי לעכלעך און איין קנעפּל; און זי האָט שוין גרויסע אויגן: „אַ קבצניש שטעטל, וואָס פּלעגט זיך צוּוויסלאָזן פון שבת צו איבער די הייזער פון אַנ־דערע שטעט, און וויַיל מ'האָט עס פאַרברענט, צעטריבן די גנבאַזדע אָרימעלייט, — אויפגעהויבן אַזאַ געוואַלט איבער די וועלט, און אָנגע־מאַכט אַזאַ גערעש, דאָס אַפילו אין ק"ק פּעטערבורג, וואו דער קייסער אַליין שטייט איין, — נאָך נישט אויפגעהערט קיין איין מינוט צו רעדן דעריבער..."

אברהם־זעליק

דיך טאַקע נייטיק באַדאַרפט צוּוּבערשיקן; מ'זאָל אין פּעטערבורג אָנ־קריגן דאָס שטיק לאָפּעשנע, — זיך אוודאי נישט אויפגעהערט צאַצקען דערמיט בייטאָג און ביינאַכט; זיך געשפּיגלט דערין; דער באַראָן גינז־בורג זיך געפירט מיט איר געאָרעמט... כע־כע... אָפּ.

שרה־הינדע

ס'גייט אים נאָך אָן אַ געלעכטער. אָפּ אין קעלער.

עזריאל

קומט אַריין.

זיך מיט די אייגענע הענט, ס'אומגליק גענומען...

ר' שמואל

קומט אַריין

מ'לאָזט אַ קינד אַליין אין דרויסן? זיך שוין געהאַט פאַרקראָכן צווישן די פורן פונם אָבאָז...

עזריאל

נישטאָ ווער ס'זאָל זיך דאַרויף אומקוקן...

ר' שמואל

ליגט?...

ע ז ר י א ל

פאַרביטערט

דאָ מער זיין, און פילייכט מונטערער געהאַלטן; ציט עס אייך אַוועק...
צו ?... נישט קיין שטיק שטן דערין ?...

ר׳ ש מ ו א ל

די מלחמה לייגט זיך דאָ מער, שווער; עפעס, ווי אַ וואַטער אָנגעפרעסענער בער...

ע ז ר י א ל

אַזוי ווי כ׳בין די שוועל אַריבער, — שוין געבומען דעם דרך, ווי נישט געוואָלט קענען מער קיינעם...

ר׳ ש מ ו א ל

האָב דאָרט מיין שאַנק ספרים; און אַז כ׳לייג מיך אַריין אין איר, — מיר מער היימלעך...

ע ז ר י א ל

קאָנען נישט די ספרים אַריבערטראָגן אינאיינעם מיט אייך ?

ר׳ ש מ ו א ל

אויבן, — טומאה, און דאָ קדישה ?...

ע ז ר י א ל

דערשלאָגן

אייך איז וואויל: איר האָט אַ שאַנק ספרים; און ווער ס׳האָט איר נישט ?...

ר׳ ש מ ו א ל

איז פול מיט ספקות; און וואו ספק, איז נישטאָ קיין ממשות; און דאָס נישט זיכערקייט קומט פון שוואַכקייט; ווייל שוואַכקייט, רחמנה לצלן, איז אַ תולאת וואָס איז נישט בלויז חל אויף אַ יחיד, — נאָר אויף אַ גאַנץ דור; און אויסהיילן איז אים בכוח אַ מלחמה; אַ מלחמה היילט, לייטערט...

ע ז ר י א ל

שווייגט.

ר׳ שמואל

ס׳רוב איז זי געוועזן קעגן יונגן דור; וואָרן אַלע תענוגי עולם גייען אים פאַרביי, לאַכן אים אַריין אין פּנים, רייסן אויף זיינע אויגן, — מוז קומען אַ מלחמה און אָפּלעשן, אָפּקילן, איבערברענגען...

עזריאל

און ס׳קומען נישט אום קיין אַלטע לייט?... פרויען?... קליינע קינדער?...

ר׳ שמואל

אַז די סטרא אחרא צעהוליעט זיך, — קלויבט מע שוין נישט איבער, און אַלע גייען גלייך אונטערן מעסער; יונג, אַלט, גרויס און קליין; ווייל פאַר דעם מינדסטן חטא, וואָס מ׳וואָלט זיך אַן אַנדערש מאָל אויף אים נישט אומגעקוקט, ווערט מע שוין אַזוי ביטער געשטראָפט; בעת מלחמה איז אַלץ הפקר... און מ׳איז נישט דן לכף זכות...

עזריאל

און זעלטן, זעלטן: ס׳גייט ווער פון איר גאַנץ אַרויס...

ר׳ שמואל

ארבע מיתות בית־דין זענען נישט בלויז געווען, נאָר געבליבן אויך; אויבן ווערט מיט זיי געמשפּט; און סקילה גילט, שריפה גילט, הרג גילט, חנק גילט, און כרת, — אַ מלחמה איז כרת, אָפּגעשניטענע יאָר; כרת איז פאַר אַ יונגן מענטש; פאַר יונגע ביימער, וואָס קאָנען די רעגנס מיט די ווינטן נישט איבערהאַלטן, און ווערן אונטערגעבראָכן...

בלומע

מאַכט אויף די טיר, דערפרייט

דער זיידע!

עזריאל

העפטיק

ער איז דיך געקומען אַריבערנעמען צו זיך, און נישט ברויכן זיין אויפן יריד, דאָ; ביי אים איז שטיל... נישטאָ די מיל...

בלומע

נאָך א רגע, פיינלעך

דאַרטן מער האָבן מנוחה ?... שוין מיין רו אין ערגעץ נישט געפינען ; איינמאָל געוואָרן אַרויסגעשטויסן, און מער קיינמאָל נישט אין איר אַריינ־שטעלן ; דער זיידע, צי איר ביידע ; גאָרנישט מיך אויפהאַלטן און גע־שטאַלטן...

ווינקלער

קריכט אַריין דורכן פענסטער

זיך געמאַכט ס׳געשלעג, — וואָס האָב איך מיך געהאַט צו וואַרפן אין די אויגן ?... כ׳בין דאָך אַ טריפהנער מענטש !... איצט : אין דרויסן ווידער נישט היימלעך...

ר׳ שמואל

לאַנג שטיל געווען...

ווינקלער

ס׳מיליטער לאָזט זיך שוין וואוילגיין... ס׳קומט זיי אַ ייד אונטער די אויגן, אים רעכט מיט די פיס צו צעטרעטן...

בלומע

גיט זיך א כאַפּ

ס׳קינד איז אין דרויסן... אַפּ.

ר׳ שמואל

נאָך יאָ אַ געפיל פאַרן קינד... אַפּ נאָך איר.

א טומל אין דרויסן.

עזריאל

אָפּגעשטעלט אַ מייל פון שטאָט, דער פראָנט, און אַרומגעדרייט ווי אַ שלאַנג אַרומען האַלז ; ס׳אי שווער צו אָטעמען ; ענג די לופט, ס׳צע־שפאַרט...

ווינקלער

בײַ „יאַנקעלע״ פּריסטאַװ זענען די אויגן פאַרלאָפן; די רציחה זידט, און דער אָטעם בריט; זיך צוגעכאַפּט שלאָגן ס׳ביסל אויסגעדבּרטע ייִדעלעך, װי אַן אויסגעהונגערטער, — װאָס װאָלט גערן מיט צען הענט געלייגט אין מויל אַרײַן...

עזריאל

גוט דערלעבט...

ווינקלער

מ׳שטעכט אַדורך מיט די בליקן, אַז ס׳װערט קאַלט אין די ביינער; נישט די נאַכט, — מ׳זאָל װעמען אַרויסנעמען פון בעט, און צושטעלן צו די װאַנט; די תּליה אויפן מאַרק רוט זיך נישט אָפּ; דער רבֿ שוין באַלד מער טויט װי לעבעדיק; צו יעדן איינעם שלעפּט מע אים זאָגן װידוי, און מוז שטיין, צוזען: װי מ׳שיקט כּסדר אָפּ אויף יענע װעלט...

עזריאל

מוזן דאָך, נאָך אַזױנע קלעפּ, זיך האָבן אין װעמען צו קילן...

ווינקלער

אַרײַן אין מזרח־פּרייסן, שוין געמיינט: ס׳אי נאָכן דייטש! און אַז מ׳האָט זיי גענומען טרייבן אין די בלאָטעס, — האָבן אויסגעפעלט הענט, זיי צו פאַרנעמען...

עזריאל

די מזרח־פּרייסישע בלאָטעס נישט מער געװען װי אַ לאַפּקע, זיי אָנצו־קריגן...

ווינקלער

און די גרויסע גבֿירות, װאָס זיי האָבן דאָ באַװיזן?... כּע־כּע... אַזױ פיל מיליטער, און אַזאַ געקליבנס, װי רוסלאַנד האָט דאָ געהאַט, — שוין מער קיינמאָל נישט האָבן; פון אַלע פּאָלעס דאָ אויסגעשאָקלט, און געקומען פאַלמעסן דעם דייטש... און װער איז דערבײַ נישט געװען?... דער קייסער מיט אַלע זײַנע גענערעלער... די גאַנצע דומע... דער הײ־

ליקער סינאָד... אַלע זיך געקומען אָנטון ס׳פּאַרגעניגן ווי מ׳וועט אים אַוועקליייגן, און געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, — ווי איין קאָרפּוס נאָכן אַנדערן איז צעריבן געוואָרן...

עזריאל

פופציק־זעכציק טויזנט פּאַרוואונדעטע אַ טאָג, דאָ אַרומעט בלויז פונם פראָנט אַראָפּ...

ווינקלער

און אויפן פעלד, אין דרויסן?... איידער מ׳האָט געטריבן אויף די אַטאַקעס, — עס אַזוי הויך מיט בליי אָנגעגאָסן... כע־כע־כע... ווייסט עמעץ: אַז אין קרימילעוו, וואָס איז קרימילעוו?... נאָך ווייניקער פון אַ שטעטל... עמעץ אַוועקגעוואָרפן אַ גאָרשט הייזלעך מיט שטרויערנע דעכלעך... נו?... האָט דאָרט רוסלאַנד, דאָס גרויסע רוסלאַנד ,געבראָכן ב׳קאָפּ?...

עזריאל

איי, ווען זיי שטעקן אָבער דאָרט אַריין אַ פוס, גייט נישט בלויז אויבער־שלעזיע אַ גאַנג, נאָר פויזן אויך, און טשעכיע, און מערן... פון אויבן זיך שוין געהאַט צעלייגט איבער גאַנץ גאַליציע, אַריבער אין אונגאַרן, ביז אין די קאַרפּאַטן... און קראָקע געווען אַרומגענומען פון דריי זייטן...

ווינקלער

דאָ פאַרלייגט מיטן קאָפּ, און דער דייטש זיך געריסן קיין לאָדזש; און אַז ער האָט זיך אַדורכגעריסן, — אים אויסגעקומען ביי טאָמאַשאָוו און אָפּאָטשנע הינטער די פּלייצעס; אַזוי, אַז מ׳האָט זיך געמוזט אויפהערן שפּאַרן קיין דייטשלאַנד, און דאָ אַוועקשטעלן...

עזריאל

קוקט אויף די מאַפּע

מזרח פון קראָקע, ווייסליץ, נאָווי פּאָלע, וואָלאָשטשאָווע, מאַלאָגאָשטש, ראַדאָשיץ, קינסק, אָפּאָטשנע, סקערניעוויץ, סאָכאַטשאָוו, מערב פון וואַרשע...

ווינקלער

נישטאָ קיין כוח מער צו גיין... מ׳נעמט צו וואָס מ׳לייגט אַריין, און מ׳לאָזט זיך נישט אָוועקריקן פונם אָרט...

עזריאל

נישט צום טויט און נישט צום לעבן...

ווינקלער

נאָך אַ פּאָר קלעפּ אַזוינע, און ס׳גאַנצע טעפּל קערט זיך איבער, שיט זיך אויס...

עזריאל

דערווייל האָט דאָרט דער דייטש, אין פראַנקרייך, אַ שווערן ביסן אַראָפּ־צושלינגען; ביז ער וועט זיך אַ ביסל אָפּפּאַרטיקן מיט די פראַנצויזן, און זיך צונויפנעמען אַהער, — דאָ ס׳ביסל יידן דערווייל אויסדישען; יעדער טאָג איז אַן אומגליק; אין די נעכט גרוילט; אַזוי ווי געווען אויסגעהוילט; קיינעמס לעבן נישט זיכער; מ׳ווייסט נישט: ווען עס שעה ס׳האָט געשלאָגן, און ברויכן צומאַכן די אויגן, איידער ס׳וועט נעמען טאָגן...

ווינקלער

איי, אַ שטיקעלע רעוואָלוציע...

עזריאל

דער אַלטער בונדיסט זיך אינם צעשפּילט...

ווינקלער

כ׳גיי שוין די מינוט אַרויס פון לאָך, וואַרף פון זיך אַראָפּ די חיה, גאָל אָפּ די באָרד, און נעם שלאָגן...

עזריאל

מיט וועמען דאָ צום טיש צו גיין?... די מלחמה אַלע פאַרשיכורט... די פאַרביסנסטע רעוואָלוציאָנערן, זאָלנס מיר מוחל זיין, — זיך אַריינגעוואָרפן אין שינעל, און אַוועק שלאָגן דעם דייטש...

ו י נ ק ל ע ר

נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר...

ע ז ר י א ל

אַזוי לאַנג זאָל נאָך די מלחמה אָנהאַלטן, און בײַ איר חשק האָבן צו־לעבן ?...

ו י נ ק ל ע ר

זיך אײַנפּרעסן אין די בײנער, ווערן אָפּגעמיאוסט, איבעריק, און פון יעדן אײנעם אַראָפּהענגען ווי אַ לעכערדיקער זאַק...

דער טומל אין דרויסן שטאַרקט זיך.

ע ז ר י א ל

אין פענסטער

גוט לעבעדיק אין דרויסן...

ו י נ ק ל ע ר

עס נאָך פריער געשפּירט.

ע ז ר י א ל

מ'פאַרהאַקט שוין די געוועלבער, און מ'לויפט זיך באַהאַלטן...

ו י נ ק ל ע ר

שוין בעסער: מ'זאָל דאָ מאַכן ווי מיט לאָפּעשנע מ'האָט געמאַכט, אין אַנדערע שטעט; און פאַרשפּאָרט צוביסלעך דאָ די יידן אויסצומאָרדעווען...

בלומע, רייזעלע, און ר' שמואל, — מיט אַ פאַרבלוטיקט פנים.

ר י י ז ע ל ע

שרײַט

זיידע ! זיי־דע !

ב ל ו מ ע

פאַרבראָכן די הענט

וואָס האָבן זיי אים געטון ?...

ר׳ שמואל

דערצאָרנט

אויסגעריסן די באָרד, שוין ?... דאָך ביי אַלע יידן שוין די בערד אויסגעריסן, — איר סוף אויכעט געמוזט קומען...

בלומע

אויף די יאָרן ?...

ר׳ שמואל

ווייל כ׳האָב מיך מיט איר אַרומגעטראָגן מער ווי פופציק יאָר, איר געזאָלט שוינען ?...

ווינקלער

זיי איינגערעדט: אַז יעדער ייד האָט אַ טעלעפאָן אין די באָרד...

ר׳ שמואל

נאָך אָנוואַקסן אַן אַנדערע, איידער מ׳וועט מיך אין קבר אַריינלייגן; נישט אַראָפגיין אָן אַ באָרד...

בלומע

פארביטערט

מ׳ברויך דאָך עפּעס צולייגן!... כאָטש, ס׳בלוט אָפּשטעלן, ס׳זאָל נישט אַזוי גיסן... וויפיל בלוט האָט ער דאָס אינגאַנצן ?...

ר׳ שמואל

נאָך בלייבן, וויפיל כ׳ברויך פאַר די עלטערע יאָרן, — אַז מ׳זאָל זיי מיך נאָר לאָזן אויסלעבן...

בלומע

פארבינדט אים ס׳פנים

עפּעס אַ שטיקל דאָקטאָר, מ׳זאָל קריגן...

ווינקלער

מ׳קאָן זיך היינט גוט דערפרעגן; אַ באַנקע־שטעלער איז אַן אוצר, און מ׳ברויך אים אָפּגיילטן...

ע ז ר י א ל

אַזוי פיל צעהרגעטע זעלנער, וואָס קאָן שוין אויסקומען אויף אַ ציווילן מענטש?

וו י נ ק ל ע ר

אין אָסטראָוועצ אַ זעלנער געשוואוירן, ווי ער האָט אַליין געזען אויף זיינע אויגן: אַרויספליען אַן עראָפּלאַן ביים רב דורכן פענסטער...

ר׳ ש מ ו א ל

און, נישט דורכן קוימען?

וו י נ ק ל ע ר

ווי פריער

אין שידלאָוועצ גייען נאָך די זעלנער נאָך יעדע לוויה, און קוקן אַריין אין דער עגלה, — אויב מ׳פירט נישט אַרויס באַגראָבן קיין פעסלעך גאָלד פאַר די דייטשן...

ר׳ ש מ ו א ל

געהרגעט זאָלן זיי ווערן...

וו י נ ק ל ע ר

אין ראַדאָשיץ קאָזאַקן געגישטערט פרייטיק פאַרנאַכט צו ליכט צינדן, אין אַלע יידישע הייזער, און געזוכט אויף די אייוונס אין די טעפּלעך: האַר-מאַ-טן!

ר׳ ש מ ו א ל

די, וואָס זענען אַוועקגעקומען פון איוואַנגאָראָדער פעסטונג?

וו י נ ק ל ע ר

און אויסגעלאָזט צו די פיש; אויפגעפרעסן דעם גאַנצן שבת; די יידן זיך געשעצט גליקלעך, וואָס זיי האָבן געקאָנט אָפּקומען דערמיט, און נישט געהאַט דערנאָך וואָס טועם צו זיין...

ש ר ה - ה י נ ד ע

גיט אַ פאַל אַריין מיט אַ געוואַלט

געוואַלט, מיין מאַן! כ׳האָב שוין מער קיין מאַן נישט...

אַ ל ע

בלייבן צוריקגעהאַלטן, און קוקן אויף איר מיט אַן אָפּגענומען לשון.

שרה־הינדע

קערט ווענדן

אַרומגעגאַנגען אַ ייד, אברהם־זעליק, אויף צוויי פיס, און ר׳זאָלס מיר מוחל זיין, — געווען אַ שטיק אָקס ?... איז ער דאָך געווען מיין אָקס, ניין ?... אַ שטיק נאַר, — איז ער דאָך געווען מיין נאַר, און איך האָב פונם געהאַט אויסצושטיין... וואָס האָבן זיי צו אים געהאַט ?...

אַ ל ע

ווי פריער.

שרה־הינדע

איך, דאַכט זיך, מיטן געוואָרגן ; איך, אַלץ ביי אים אַראָפּגעשלונגען ; איך, פאַר אים אויפגעשטעלט די פלייצעס...

ר׳ שמואל

קומענדיק צו זיך

וואָס רעדט זי, די יידענע ?

שרה־הינדע

געוואַלט, וואָס איך האָב אין דרויסן געזען ?...

ווינקלער

קומענדיק צו זיך

וואָס האָט איר אין דרויסן אַזעלכעס געזען ?

שרה־הינדע

אַראָפּלויפן יידן פון מאַרק, אָן קעפּ...

ווינקלער

אויב זיי לויפן אַראָפּ אָן קעפּ, אייער מאַן איבעט קאָנען קומען צו לויפן אָן אים...

עזריאל

אַ שיין געלעכטער...

ווינקלער

אַריינגעפאַלן מיט אַזאַ ריטש, אַז כ'האָב געמיינט: ער ליגט שוין, ווי מ'ליגט אַ סך מאָל אין דרויסן, — אויסגעצויגן...

שרה-הינדע

הייבט אויף אַ געוויין

וואו וועל איך מיך אַהינטון מיט מיינע קליינע ווערים?...

ר' שמואל

וואָס האָט אים פּלוצלינג אָנגעטראָגן צו גיין אויפן מאַרק אַרויף?

שרה-הינדע

אים געטריבן אין די גמינע אַריין, אויב מ'טײלט נישט אויס קיין קוויטלעך אויף געלט; אַליין געטריבן... ליגט זיך אַריבער שמייסט מיך, יידן, שמייסט...

ר' שמואל

די גמינע איז דאָך גאָר אויף די נייע וואַרשעווער גאַס, וואָס קער זיך מיט אים אָן דער מאַרק?

שרה-הינדע

אַז ער איז אַצינד נישט אין שטוב, — איז ער דאָך אומעטום איינגעשטעלט מיטן לעבן, וואו ר'זאָל נישט זיין...

עזריאל

ער איז נישט איינער, וואָס פעלט אין דער היים אויס...

שרה-הינדע

רייסט איין

אוי, גאָרנישט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן דעם אָקס, אַז כ'האָב אים געהאַט; מיר איצט אויספעלן אין יעדן ווינקעלע...

ו י נ ק ל ע ר

יענער האָט זיך געוויס ערגעץ באַהאַלטן.

ר׳ ש מ ו א ל

און זי באַוויינט אים שוין...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

ווי פריער

אוי, כ׳זאָל אים נאָך די זכיה האָבן צו זען אַ לעבעדיקן מיט אַלע לע-בעדיקע צוגלייך; און הערן רעדן מיט אַלע רעדנדיקע צוגלייך...

אין דרויסן ברעכט אויס אַ דראָבנע שיסעריי.

ו י נ ק ל ע ר

אין פענסטער

דייטשישע פייגעלעך זיי, מיט מזל, אויף די קעפ אַרויף אָנגעקומען...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

ווי פריער

וואָס האָט מיך אָנגעשפּאַרט אים צו טרייבן אין די גמינע אַריין?...

אין פאָדערהויז הייבן אָן אַריינפאַלן מענטשן.

א י י נ ע ר

אוודאי אַכט שטיק, אינאיינעם...

צ ו ו י י ט ע ר

מיטאַמאָל אַרויס פון די וואָלקן...

ע ז ר י א ל

געוואוסט אָבער ווען צו קומען, די דייטשן; אַזוי ווי מ׳וואָלט זיי אונ-טערגעזאָגט...

ו י נ ק ל ע ר

וועלן האָבן אָפּגעראַטעוועט ס׳ביסל יידן...

ע ז ר י א ל

אַז מ׳האָט פון אויבן די דייטשן, מוז מע פאַרגעסן אָן די יידן אונטן...

א יי ג ע ר

אין פאָדערהויז

מ׳לויפט זיך באַהאַלטן אין די טויערן, ווי פאַר אַ שלאַגס רעגן, וואָס באַפאַלט פלוצלינג, און מ׳קוקט אויס: ער זאָל וואָס גיכער איבערגיין...

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

אַראָפּהייסנדיק די מיידן פונם אויבערשטן שטאָק

מ׳ברויך זיי טרייבן מיטן ריאַפניק... איר ווילט דורכאויס פאַרזוכן אַ פּאָר דייטשישע קנײדלעך? פון די שפּיצן זייערע ווייסט איר דאָך שוין דעם טעם...

א יי נ ע

גרימאַשנע

דאָ איז מע שוין באַוואָרנט?

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

מער אַלץ ווי אויבן; ס׳פעלט מיר נישט מער, ווי ס׳זאָל אין אייך אַריינ־פאַלן אַ באָמבע; וואו וועל איך מיר גיין צונויפשטעלן אַ פריש חדר?... געהרגעט זאָל ער ווערן, דער דייטש, — אפילו ווען ער איז נישטאָ, האָב איך אויכעט פונם קיין מנוחה נישט...

אַ פ ר ו י

שלעפּט אַ מאַן פון די שטיגן

נישט קיין זעלנער, און וויל נאָך אויכעט געהרגעט ווערן פון אַ באָמבע; דער עראָפּלאַן ליגט שוין באַלד אויפן דאַך פונם הויז, — און ער וויל זיך אַלץ נישט אַראָפּרירן...

ק ר אַ ק אָ ו ס ק י

דאָס האָט זיך אַן אײגענער אויפגעהויבן, „פּרזשעוויטען” מיט זיי; איר זעט נישט די רעדלעך אויף די פליגל? יענע האָבן שוואַרצע צלימלעך...

די פרוי

וואָס דרייען זיי זיך גראָד דאָ, איבער אונזערע קעפּ ?

עמעץ

ווייל, ס׳אי נאָנט פון די באַן ; און קומען זיך מיט איר פרייען...

ווינקלער

נעכטן געזען אַ גרוב, וואָס אַזאַ באָמבע האָט אויסגעמאַכט, — ס׳קאָן אַריין אין דעם אַ גאַנץ הויז...

קראַקאָווסקי

איר הערט דאָס שיסן ? מ׳גיט זיי היינט אָרנטלעך פּולווער צו שמעקן...

ווינקלער

מ׳קאָן זיי שיטן זאַלץ, יאָ...

קראַקאָווסקי

וואו ס׳שטייען זעלנער, אויף וועלכן הויף, — זוכט זיך יעדער איינער אַ מצווה איינצוקויפן...

ווינקלער

ברענגען נאָר אויס קוילן, נישט מער...

קראַקאָווסקי

צעשטעלט קוילנוואַרפער אויף אַלע הויכע הייזער ; אויף די טומאה ; אויפן מאַגיסטראַט.

אַ מויד

זייער שיסן דערמאָנט מיך אין קרייען פון די הענער, אויפן דאָרף ; אַז ס׳פלעגט קומען צוועלף בייטאָג...

עמעץ

שיינע הענער. .

ווינקלער

זייער באַהאַלטן זיך הינטער די ווענט, און אַרויפשיסן אין הימל אַריין, דערמאָנט מיך: ווי מ׳פלעגט שרייען „הוריי!" אין אַרבל אַריין, דער סטראַזשניק זאָל נישט דערהערן...

עזריאל

עפעס אָנגעהויבן אָפּטער צו קומען; מיידן נישט דעם טאָג, אַז ס׳אי שיין...

ווינקלער

די נאַכט אַזוי געהאַקט און געבראָקט אויפן פראָנט, אַז די פענסטער האָבן געציטערט, ווי זיי וואָלטן געהאָנגען אין לופטן...

עזריאל

נאָר געמיינט: אַז די דייטשן גייען אַריין...

קראַקאָווסקי

צערייצט

אַוודאי זענען זיי אַריין, נאָר אָן די ביקסלעך; זיי אַליין געזען...

ווינקלער

אַז מ׳כאַפּט אַמאָל אַ לעבעדיקן דייטש, — פירט מע אים אַרום מיט אַ ראָטע דראַגונער, און איבער אַלע גאַסן, ס׳מיליטער זאָל מיינען: דער וויפלטער ס׳איז...

ר׳ שמואל

און אַלץ דער זעלביקער דייטש...

עזריאל

זיי זענען נישט די טשעכן, וואָס גיבן זיך איבער פולקנווייז, און מ׳לאָזט זיי אָפּ איבער די שטאָט, — אַרומגיין ווי דזשאַדעס בעטלען אַ שטיקל ברויט...

ר׳ שמואל

דעם דייטש היטן זיי מיטן מלאך המותס אויגן...

ווינקלער

געפֿאַנגענערהייט, און נאָך מיט אים אויכעט נישט זיכער...

ר׳ שמואל

עפּעס זעקס צי וויפֿיל קאָזאַקן דאָ אַנומלטן געפירט איינעם, האָט ער זיך געבעטן אַ טרונק וואַסער; און אַז מ׳איז צוגעגאַנגען צו אַ ברונען, — זיך בעסער אַריינגעוואָרפֿן אין איר, ווי צו זיין ביי זיי אין פּלען...

קראַקאָווסקי

דאָס סטראַשעט מע בלויז ס׳מיליטער...

ר׳ שמואל

און טאַקע אָנגעשראָקן... אַזוי ווי זיי רייסן זיך אויפֿן עסטרייכישן פֿראָנט, — ס׳קדחת ווידער פֿאַרן דייטשישן; דאָ וואו זיי דערשפּירן דייטשן, ווייסן זיי: ס׳אי זייער טויט...

עמעך

בלונצלינג

מ׳קאָן שוין גיין אין גאַס.

קראַקאָווסקי

טרייבט די מיידן

הו-לאַ! אויפֿן בוידעם אַרויף!...

ווינקלער

אָפּגעטון ס׳זייעריקע, און זיך געגאַנגען זייער וועגס, פֿון וואַנעט זיי זע-נען געקומען...

קראַקאָווסקי

קערט זיך אום

אַזוי לאַנג קומען, ביז זיי וועלן פֿאַרשפּאָרן צוריקצוגיין...

ווינקלער

אַזאַ געשוואוירענער רוס, וואָס וועט איר טון, — מיט די שיקסעס, אַז מ׳וועט הייסן אַרויס?... ס׳זאָלן זיך פּופּציק וויאָרשט אַרום פֿראָנט, נישט טאָרן געפֿינען קיין יידן?...

קראַקאָווסקי

מיט די סחורה וואָס איך האָב, — האָט מע אפילו אין די גוטע צייטן געקאָנט זיין וואו יידן האָבן נישט געטאָרט זיין... אָפּ.

אברהם-זעליק

גיט אַ פאַל אַריין

פאָרט אַ גרויסן גאָט איבער די וועלט!... נישט די פייגל אויבן, מי־יודע, — ווי ס׳ביסל יידן וואָלט אָפּגעשניטן...

ר׳ שמואל

קומען אָבער אַלעמאָל אין די ריכטיקע צייט, צו פליען. אָפּ.

ווינקלער

נו?... גאָרנישט אין זינען געהאַט זיך צו לאָזן קוילן, און שוין אוודאי נאָכן שבעה געזעצט אין קעלער...

שרה-הינדע

קומט אַרויף

אברהם-זעליק, דו לעבסט?

אברהם-זעליק

ניין, כ׳בין טויט...

שרה-הינדע

כ׳בין געווען זיכער, אַז זיי האָבן דיך ערגעץ געפאַקט און פאַרטיק געמאַכט; און ליגסט שוין מיטן ביילעק קאַפּויר...

אברהם-זעליק

אַ סך באַדאַרפט, מיינסטו?... מיך אַ זעלנער, געהרגעט זאָל ער ווערן, אָנגעכאַפּט ביים האַלז, אַריינגעשטופּט מיט די קני אין די וואַנט, אַ האָר בלויז, — כ׳זאָל בלייבן קלעפּן אין איר, און, — בוך! בוך! בוך! דער דייטש אין דער מינוט געבומען (?) וואַרפן באָמבעס, און ער איז אַנטלאָפן געוואָרן אין דרערד אַריין...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

מיר, נעבעך, אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן; און נישט בחנם זיך גע־וואָרפן אין דרערד...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

נאָך אַ גליק די באָמבעס, וואָס האָבן מיר אָפּגעלייזט ס׳לעבן...

ע ז ר י א ל

קוקט זיך אַרום

כ׳האָב איר שוין ווידער נישט; עפּעס וואָס, ווערט זי גלייך פאַר־פאַלן... אָפּ.

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

שטיל

אברהם־זעליק!

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

וואָס ווילסטו?

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

כאָטש געקריגן דאָס גוטע קוויטל?

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

שרה־הינדע! דו ווייסט וואָס אַ יידיש האַרץ איז?... דיך איבערקערן דריי מאָל, שטעלן מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס קאַפּויר... אויסגיין די־גאַנצע לענג און ברייט פון די שטאָט, אויף די הענט.

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

זיי דאָס טאַקע מעגן אַנטקעגן קומען...

ו י נ ק ל ע ר

און, חלילה, נישט פאַרגעסן אָפּצובּרעכן די ביינער...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

שרה־הינדע...

שרה־הינדע

וואָס, אברהם־זעליק...

אברהם־זעליק

יידן גיבן...

ווינקלער

מ׳גיט זיי אָבער אַלץ מער...

שרה־הינדע

חלילה: האַלטן פאַרמאַכט די האַנט, — געברויכט אויסצוציִען פאַר אַ לעפל וואַרים וואַסער...

אברהם־זעליק

ס׳גייען זעק געלט... גאַנצע וואַגאָנעס אָנטועכץ... יעדן איינציקן אָנטון פון קאָפּ ביז צו די פיס...

שרה־הינדע

מילא: אַז מ׳שלאָגט, כאַטש נישט זיין בחנם; עפּעס האָבן דערפאַר... נאָך אפשר פועלן: מ׳זאָל עפּעס אַרויסצאָלן פאַר די שניט־קראָם?... דאָך געמיינט: די גאַנצע וועלט איז מיין, ס׳אי געוואָרן די מלחמה, און נישט ברויכן צאָלן די וועקסעלעך...

אברהם־זעליק

נאָך אַצינד אויכעט צו איר נישט דערלייגן... און פאַר די אַלטע רעשט־לעך, בבלנע שטיקלעך, מיט די קרומע אַרביסלעך, וואָס דו האָסט מיך אַלעמאָל פאַר זיי געגעסן אַ לעבעדיקן, — נאָך הייסן אָפּגעבן גאַנצע שטיקער סחורה, און אויסגעמאָלט מיט אַזוינע פייגעלעך, וואָס זאָלן נאָר וועלן אַרויספליען...

שרה־הינדע

זאָלסט געדענקען, אַז ס׳וועט קומען צום אויפגעבן, — צוצולייגן אַ פּאָר הונדערט אַרשין ווייסע לייוונט, קרושעס; אַ פּאָר שטיקלעך קרעטען, און קאַזשמיר... דערעלעך... דיר עמעץ קאָנען אָפּלייקענען, אַז ס׳אי נישט געוועז?...

אברהם-זעליק

אויסגעזאָרגט פאַר אברהם-זעליקן...

ווינקלער

נישט אַזאַ שטיק אָקס, ווי זי מאַכט פונם...

אברהם-זעליק

ס'קרענקט מיך נאָר אויף גאָדל הויקער, דעם וויסטן דלות, וואָס ווייסט אויף זיין גאַנץ לעבן נישט דעם טעם פון אַ לעק מילך, — און די העזה געהאַט אויפצוגעבן אַ קאָזע!... נו?...

שרה-הינדע

וואו האָב איך ערגעץ די פּאַטשיילע?

אברהם-זעליק

וואָס ברויכסטו די פּאַטשיילע?

שרה-הינדע

איך וועל אים צולאָזן, דעם הויקער גנב, אַ קאָזע? נישט ביי מיין לעבן...

אברהם-זעליק

אַז דו וואָלסט דיך צוגעהערט וואָס שלמה צאַפּ, חיים גלאָמב, לאה פלאַק, יענע שנאָרערס האָבן זיך געהייסן אַריינשרייבן, — וואָלט דיר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן; און געקאָנט מיינען: ס'זענען געוועזן לויטער גבירים אין לאָפּעשנע, נישט קיין אָרימעלייט אויף די טאָג-ליכט...

שרה-הינדע

אַזוינע פאַרשטאָכענע אויגן...

אברהם-זעליק

ביילע-רבקה, וואָס איז געגאַנגען אויף די טירן, — האָט דערלאַנגט אויפן פּאַפּיר גאַנצע זעקס שנורן פּערל.

ש ר ה - ה י נ ד ע

פון וואַנעט ווייסט זי וואָס פּערל זענען?

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

לייבעלע וואַסער-טרעגער, דער זלאָב מיט די קאַנען, — אַ פולע וואַנט, פון אויבן ביז אַרונטער, מיט קופּערנע פייער-פאַנען...

ש ר ה - ה י נ ד ע

אַזש! פון אויבן ביז אַרונטער...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

מאָטיע שטיק קלאָץ, דער לײדיקער קאָפּ, וואָס ווייסט נישט קיין צורה פאַר אַן אַלף, קאָן נישט מאַכן קיין מוצא איבער אַ רעטעך, טרעף, — וואָס ער האָט געקאָנט אויפגעבן?

ו י נ ק ל ע ר

אַ השגה פון אַ קבצן?

ש ר ה - ה י נ ד ע

בריליאַנטענע אויערינג...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

ניין...

ש ר ה - ה י נ ד ע

זילבערנע לײכטער.

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק

אויכעט נישט.

ש ר ה - ה י נ ד ע

כ׳ווייס שוין באַלד נישט מער און וואָס מיך אָנצוכאַפּן...

ו י נ ק ל ע ר

נו?... לאָמיר שוין הערן?...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

אַ סויבעלן שטריימל!

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

בלייבט שטיין, פאַרנאַרט

אויף וואָס וועט ער׳ס אָנטון?... אויף די נאָז?... „ער האָט אַ קאָפּ פּאַר אַ סויבעלן שטריימל?...

װ י נ ק ל ע ר

האָט אפשר אין זינען: אַן איידעם...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

אברהם־זעליק, זעץ דיך אַוועק צום טיש...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

כ׳ברויך אַראָפּגיין באַקן ברויט, שרה...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

נישט אַליין, וועל איך דיך אַוועקזעצן... זעצט אים אַוועק.

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

שוין, כ׳זיץ שוין...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

מיר אָנשרייבן אַ בריוו צו אַלע יידן פון פעטערבורג...

װ י נ ק ל ע ר

פון צוזאָגן ביז געבן, איז נאָך אַלץ דערנעבן...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

ווייניק וואָס מ׳צאָלט זיי דריי רובל אַ וואָך אויף יעדן קאָפּ, ווען האָבן זיי דאָס אין לאָפּעשנע געהאַט?... און וועלכער שנאָרער, זיך דאָס אויף דעם אומגליק נישט פאַרזען מיט קיין זעקס, זיבן ממזרים?... נישט קיין אייגענע, — קלויבט מע אויף קינדער אין די הייזער, מע צאָלט זיך אַרויס מיט אַנדערע אויף די העלפט, — און מ׳פירט זיי אין די גמינע אַריין

ווייזן... צירל, וואָס ווייסט גאָרנישט דעם טעם פון ווייטיק, — איז אַ מאַמע פון צוועלף קליינע קינדער, מיט אַ קישן פעדערן אונטער די ספּאָד־ניצע, מ׳זאָל מיינען: אַז זי ברויך זיך שוין־שוין צעליגן מיטן דרייצנטן... נו?... דאָס איז נאָך אַלץ ווייניק, אַ?... און ווילן נאָך אָפּראַבירן גאַנץ פּעטערבורג?... אויסטון די רוסישע יידן ביז צום העמד?...

וינקלער

מעגן זיך אַוועקנעמען די האַנט פונם האַרץ, און אָרנטליך אונטערשטופּן; דערמיט גאָרנישט אָרימער ווערן, די רוסישע יידן...

שרה־הינדע

אויב אַזוי, אברהם־זעליק, וואָס שלאָפסטו?

אברהם־זעליק

ווער זאָגט דיר, אַז כ׳שלאָף?

שרה־הינדע

גיב אויף, אַז ס׳זאָל זיי ליכטיק ווערן אין די אויגן...

אברהם־זעליק

זיי שוין ליכטיק נישט זיין, פון דעם, וואָס כ׳האָב זיי אויפגעגעבן...

שרה־הינדע

הונדערט שטיקלעך ווייסוואַרג... זיבעציק שטיקלעך באַטיסט... אַ פּאָר הונדערט האַנטיכער... טויזנטער שאַלן...

אַ געשריי אין דרויסן.

בלומע

רייסט זיך אריין, ראַנגלענדיק מיט אַ זעלנער

ווי די שלאַנגען וויקלען זיי זיך אַרום מיין לייב...

רייזעלע

מיט אַ געוויין

מאַ־מע!

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק
צעטומלט

וואָס האָט ער זיך צו איר צוגעקלעפּט ?

ש ר ה - ה י נ ד ע

ער איז זיך דאָך אײנגאַנצן טועה...

װ י נ ק ל ע ר
צום בוידעם

ר׳ יאַנקל !

ע ז ר י א ל
אין טיר

אַרומגעזוכט אין אַלע װינקעלעך... די שטובן איבערגעקערט... װי קומט זי אין דרויסן אַרויס ?...

ק ר אַ ק אָ װ ס ק י
קומט גיך אַראָפּ, און נעמט אַרויס דעם זעלנער

ביי מיר אויבן איז דאָ סחורה פאַר דיר...

א ב ר ה ם - ז ע ל י ק
גיט זיך אַ שטעל אַװעק

אַזוי איז אויף און אָפּ, אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג ; אויב נישט מיין ווייב, איז זי ; אַלע רגע איינע פון זיי ביידע ; עזריאל, מ׳איז דאָ איינגעשטעלט מיט זיי ; מ׳טאָר זיי דאָ קיין האַלבע מינוט נישט האָבן...

ב ל ו מ ע
גיט אַ כלישנע אַרויס מיט אַ געוויין.

פ אָ ר ה אַ נ ג

פירטער אקט

ניט לאַנג דערנאָך
אין דער זעלביקער שטוב

ווינקלער

רײַזירט זיך ס'פּנים.

עזריאל

קומט אַרײַן

גאָלסט דיר שוין אָפּ די באָרד?

ווינקלער

אַז די דײַטשן קומען אַרײַן, וואָס ברויך איך זי מער נאָך האָבן?

עזריאל

מזלדיק געזונט, האָסט דיך געקאָנט אַזוי פיל חדשים אויסהיטן...

ווינקלער

נישט גרינג אָנגעקומען... געדרייט ווי אַ וואָרים... נישט איינמאָל גע־מיינט: כ'בין שוין אין זייערע הענט, און עפּעס ווי דורך אַ נס זיך אַדורכגעדרייט, און געבליבן אין דרויסן...

קראַקאָווסקי

קומט אַרונטער פון אויבן, טראָגנדיק אַ פּאַק אויף זיך, שרייט

גיכער... שוין באַלד נישט מער קאָנען אַרויס פון שטאָט...

ווינקלער

ווער ס'גייט מיט די רוסן מיט...

עזריאל

אין אים האָבן זיי, זייער מענטש; און ער ווידער לעקט פון זיי די פינ־גער...

קראַקאָווסקי

אין טיר

זיך האָבן אויסגעבעטן, אַ?...

ווינקלער

כאָטש איינמאָל די תּפילה געמוזט אָנגענומען ווערן...

קראקאווסקי

זיך נישט לאַנג פריִען מיטן; פריער אויבעט געמיינט, ס׳אי שוין נאָכן; איידער מ׳וועט זיך פאַרדרייען, – און צוריק דאָ זיין... נישט ס׳ערשטע און נישט ס׳לעצטע מאָל...

ווינקלער

מ׳מעג שוין אויסשאָקלען די אַרבל, און זאָגן רבנן קדיש נאָך זיי...

קראקאווסקי

בייז

עפּעס נעמט דאָרט אויבן ביי זיי אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך... קאָנען זיך גאָרנישט אויסגראַבלען... העי, דער דייטש אייך ווידער באַלד איינ־פּעקלען...

ווינקלער

האָבן גוט ס׳קדחת פאַרן דייטש...

קראקאווסקי

אין דרויסן אַרויס

נישט פאַרגעסן אַלץ מיטצונעמען, ס׳הערט? קיין נאָגל אין וואַנט נישט לאָזן; אַלץ איז ביי אים אַ קרן...

ווינקלער

אין טיר

אַ גוטן שליטוועגס... אין שטוב שוין צוליב אים אַליין, ווערט געוועןֹ: דער דייטש זאָל אַריינקומען; אַצינד, נאָך דער פעטער דיינער אויך אַוועק אין זיין רו אַריין, – שטיל ווערן אין הויז...

עזריאל

איר גאָרנישט בעסער געוואָרן ביים זיידן אין שטוב, אַז זי איז געוועןֹ...

ווינקלער

יאָ... אָבער נאָך דעם טויש?

עזריאל

שוין אויפגעהערט גלייבן אין איר...

ווינקלער

נישט ערגער ווי פריער...

עזריאל

דערשלאָגן

שוין גערן דערלעבט, ס׳זאָל טאָג ווערן; אַ נאַכט, ווי זי וואָלט גענומען יאָרן... מ׳קאָן זיך נישט באַפרייען פון איר... מ׳ווערט מיד און מ׳שטייט אָפּ...

ווינקלער

פאַר זיך

געוואוסט: ווי לאַנג מ׳וועט זיי אַזוי לאָזן, — זיך האַלטן; אָנשפּאַרן, — קיין עקשנים נישט זיין, און צוריקגיין...

עזריאל

פאַר זיך

מ׳הערט צומאָלט נישט קיין קריי פון קיין האָן; אַ ביל פון אַ הונט; אַזוי דערשטיקט, ווי מ׳וואָלט די שטאָט אָנגעטון אַ שטריק אויפן האַלז...

ווינקלער

פאַר זיך

נישט גרינג זיך אונטערגעגעבן; אָרנטלעך אַריינגעכאַפּט; פאַרנומען גאַנץ שיין, קלעפּ...

עזריאל

פאַר זיך

נישט קיין שאָס, און קיין אויסגאָס פון רציחה... מ׳האָט אַ געפיל ווי מ׳וואָלט ערגעץ אָפּגעטון שוידערלעכע זאַכן, פון וועלכע די האָר שטעלן זיך קאַפּויר; שוין בעסער: אַ שרייענדיקע מלחמה, ס׳זאָל הילכן אויפן קול, אויף אַלע שבעים לשונות...

ווינקלער

פּאַר זיך

ערגעץ אַנדערש געליטן שיפבראָך; אויבן, ביי גאָרליצע זיך איבערגעבראָכן, און געפּלאַצט; גייט מע דאָ אַראָפּ ווי ביי אַ טויטן נאָך אַ לויה, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ...

עזריאל

אַזוי פינסטער, כ׳האָב נאָך די שטאָט אַזוי פינסטער נישט געזען... ווי מ׳וואָלט אַוועקגענומען די הייזער, די גאַסן... מ׳קאָן שטיין פּאַר אַ פעלד, און מורא האָבן אויסצושטרעקן די האַנט, — מ׳זאָל זיך איר נישט צעקלאַפּן אָן אַ וואַנט; און פּאַרקערט, — שטיין ביי אַ מויער, און ס׳זאָל אויסקומען אַזוי פּוסט און ליידיק ווי אויף אַ פרייען מדבר...

ווינקלער

אָך און ווייַ, אַז ס׳ביסל אויסגעמאָרדעוועטע זעלנער גייט צוריק... פּראָפּאַלאַ!... רוסלאַנד שוין דאָס איבעריקע ביסל יאָרן דערקירצן...

עזריאל

די שטילקייט איז עפּעס ווי אַ צאַפּלען מיטן טויט; געצאַנקט ערגעץ שטילערהייט; מ׳קוקט זיך די אויגן אויס ווי אין אַ האַנט-געשלעג, ווען מ׳ווייסט נישט, נאָר מ׳שפּירט דעם טויט: ווי ער קריכט אויף דיר אַרויף, ציט זיך אַרויף איבער די הויט, און מ׳קאָן זיך נישט פאַרגינען צו פּאַרלירן אַן איבעריקע רגע, אַן איבעריקן קוק, מ׳זאָל דורך איר נישט פּאַרלירן ס׳לעבן; מ׳דערפילט אים נישט אַזוי פיל מיטן באַגנעט, וואָס גייט אַריין אין לייב, ווי מיט די וואַרעמקייט, וואָס נעמט אַדורך...

עטלעכע ביקסן-שאָסן

בלומע

גיט אַ קום אַריין, צעטראָגן

אין יענער נאַכט אויך אַזוי אַרומגעקראָכן; געטאַפּט אין דער פינסטער, און אָנגעשטרענגט זיך עפּעס צו הערן...

ווינקלער

אין יענער נאַכט זיך געשפּאַרט אַ האָרדע טאָטערן, קאָזאַקן; און אַז ס׳איז פּאַר זיי אין די אויגן עמעץ געפאַלן, — יענעם נאָך צוגעטרעטן; אַצינד

גייען מענטשן, וואָס וועלן בלייבן שטיין, זיך אַראָפּבייגן, און אַרייַנקוקן אין די אויגן: אויב מ'האָט זיך נישט ווי געטון?...

עזריאל

און דו ביסט נישט אַליין מער ווי אין יענע נאַכט; איך טרעט איצט נישט אָפּ אויף קיין מינוט פון דיר...

בלומע

ביז דאַן, נאָך יענע נאַכט ביי מיר נישט געווען, און מיך געפילט שטאַרק אפילו אַליין צו זיין; אַצינד, — שוואַך מיט דיר אינאײינעם און פאַרלוירן...

עזריאל

דערשלאָגן

צען פויערן קאָנען דאָס נישט טון, וואָס מ'טוט זיך אַליין...

בלומע

דער זיידע געבוּג שטאַרק געווען... וואָס זיי האָבן אין אים אַרייַנגעהאַקט?... מיט ביקסן און אָן ביקסן... אים אַוועקגעלייגט, — נאָכגיכער שוין צוריקגעשטאַנען אויף די פיס, און זיי אָפּגעוואָרפן ווי די שפּענדלעך...

עזריאל

ווי פריער

דער שכל פאַלט ס'רוב איבערן עקשן, וואָס ברענגט אים אין דרערד אַריין...

ווינקלער

דאָס אומגליק נעמט זיך, ווי אַ סך וואָלקנדלעך אויפן הימל, — צונויף, און ווען ס'אי שוין פון זיי איין גרויסער וואָלקן, איז אים נאָכדעם פאַרן ווינט שווער צו צעטרייבן; יעדעס גרויסע אומגליק באַשטייט לכתחילה נישט מער ווי פון פיצלעך, ברעקלעך, ביז זיי קומען זיך צונויף און פאַרלייגן מיט אַלעמען, דעקן צו איבערן קאָפּ, אַז מ'זעט די האָר נישט אַרויס...

בלומע

פאַר זיך

אַזוי ווי אַ שווערער וואָלקן, זיך ס׳אומגליק איבער מיר געבעט, און צוגעדעקט; און מ׳זעט מיר די האָר פון קאָפּ נישט אַרויס...

עזריאל

ווי לאַנג?... אַ פּאָר חדשים אינגאַנצן... נאָך אַמאָל אויסגעפּעלט צו זיין אַ פּאָר חדשים אין שטוב?...

בלומע

יאָ... אַז ס׳אי נישט געווען ווי אַצינד אין דרויסן; זיך געוואויגן און געבויגן יעדעס הויז ווי אַ דין ביימעלע...

עזריאל

אָבער דעם בוים נישט אויסגעריסן; אַ צווייגעלע, אַ קליין דין צווייגעלע צעקאַליעטשעט... נו?... ביי אַ סך אַנדערע ביימער די צווייגן אַראָפּגעבראָכן, — זענען זיי נישט גאַנץ געבליבן, די ביימער?...

בלומע

בלוט, ווי פאַרטרוקנט ס׳זאָל נישט זיין, ווערט עס אַלץ אָפּגעשווענקט; ס׳קומט איין רעגן, און אַ צווייטער, — אויך טרערן מאַכן נישט קיין פלעק, מ׳ווייסט צומאָלט נישט וואו זיי ווערן פאַרגאָסן; לאָזן נישט איבער קיין שלאַד...

עזריאל

דיר מער אויסגעמאָלט ווי ס׳איז; פּילייכט דער קאָפּ אַרבעט אַזוי אַריין, אַז ס׳צעשפּרייט זיך אין די געהירן, ווי עפּעס אַ שטענדיק געלויף צווישן טירן; און ס׳פייער גאָרנישט אַזוי גרויס, ווי די פלאַמען מאַכן עס...

בלומע

דו קאָנסט דיר זוכן אויסצורעדן, יאָ...

עזריאל

נעם זומער: ס׳גייען טעג, פערלדיקע, און ס׳פאַלט איינער אַריין מיט אַ סקאַזע, נו?... ווען צווישן אַזוי פיל שיינע זוניקע טעג, אַז ס׳אַריינגעפאַלן איינער אַ כמאַרנער, — דעריבער דער זומער קיין זומער נישט?...

ווינקלער

כ׳גיי יעשן אין גאָרטן, אונטער פאַררעגנטע הימלען, און ס׳ווילט זיך נאָכטראַכטן, ווי עס פאַלן די בלעטער פון ביימער, און ס׳קלענערן זיך די טעג; עס קומען ביידע אינאיינעם אויף אַמאָל אַוועק; זע איך, פונדעסטוועגן, ווי ס׳בלייבט נאָך אַלץ פון די געלע, פאַרוויאַנעטע בלעטער עפּעס מער איבער, ווי פון די טעג; די בלעטער פאַלן פון עפּעס וואָס מ׳קאָן אָנטאַפּן, און לייגן זיך צו עפּעס אָפּ; די טעג נעמען זיך פון גאָרנישט און גייען צו גאָרנישט אַוועק; און וואָס איז זיך דאָ צו גריבלען אין נעכטיקע טעג?...

בלומע

די טעג ווערן גאָרנישט אַזוי אַראָפּגענומען פון גאָר, ווי זיי קומען אויף עפּעס אַרויף; און פונם גיין און קומען, בייטן זיך די דורות, עלטערט זיך די וועלט, ווערט רייכער אָדער אָרימער ס׳לעבן...

עזריאל

אַז דער טאָג: אין וועלכן ס׳אומגליק פאַלט אויס, געריכט צי אומגעריכט, און ווערט פאַרשלונגען אינם אוצר פון טעג; לייגט זיך דאָרט אָפּ מיט אַלץ מיטאַנאַנד וואָס טרעפט אין זיי, ווי די פאַרשריבענע בלעטער אין אַ בוך, — איז אַ גרויסער חילוק: אויב איין בלאַט איז דאָרט שיין אָדער מיאוס פאַרשריבן?... ווען ס׳קומט נישט מער אויס עס צו נעמען אין האַנט אַריין, און דערין אַריינצוקוקן?...

בלומע

די טעג לייגן זיך טאַקע אָפּ מיט אַלעם, וואָס זיי נעמען אויף זיך, אָבער פון די אַלע קלעפּ, וואָס מ׳כאַפּט אַריין, און שטיינער, וואָס פאַלן אין קאָפּ אַריין, — בלייבט עפּעס איבער ווי אַ העפט פון אַ פאַרהיילטן שניט און רק נאָכן באַשטימטן טאָג, כאָטש ער איז נישט מער געווען ווי אַ צופאַל, וואָס אַ נשמה האָט זיך אינם געצאַפּלט, אַ שטיק פרייד געוואָרפן ווי לעבעדיק אונטער די הענט...

ווינקלער

און ווערט דערמיט אַ יאָרצייט...

עזריאל

נו, בלייבט שוין דאָס אין דער זעלביקער פּאַרב, אין די אייגענע העל־קייט, — אויף שטענדיק אַרויס?... און ווערט נישט צו אַ טויטן, ווי ליב און איינגעבאַקן ר׳האָט נישט געזאָלט זיין, — שוואַכער די צו־בינדנקייט מיט אַ יאָר שפּעטער, ווי אין טאָג פון שטאַרבן?... אָדער אפילו אַ פּאָר טאָג דערנאָך ווי ס׳האָט געטראָפן און פאַרלאָפן?...

דאָס שיסן פון ביקסן ווערט מער צעוואָרפ׳.

ר׳ שמואל

קומט אַריין

נאָך גוט, ס׳אויף זיי געקומען אַזאַ גיכער טויט!... האָבן זיך דאָך גע־גרייט צו מאַכן אַ צווייטע לאָפּעשנע פון די שטאָט, געהרגעט זאָלן זיי ווערן; נעבעך, נישט געווען באַשערט, און די שמחה זיי געוואָרן פאַר־שטערט... פון די העלע הויט אויף זיי אַראָפּגעפּאַלן, און געמוזט אַלץ לאָזן שטיין, און עוקר זיין... דערזעט איר וואו ביסטו, בלומע?...

בלומע

דערשפּירט די זעלביקע נאַכט, און זיך אָפּגעריסן; נישט געקאָנט איינ־ליגן...

ר׳ שמואל

ס׳אי מיר, זיצנדיק איבער דיר, אַראָפּגעפּאַלן דער קאָפּ, — ווי מ׳וואָלט אים אָפּגעהאַקט...

בלומע

וואָס ברויך דער זיידע זיצן איבער מיר, און אָפּהיטן ס׳לעבן?...

ר׳ שמואל

איי, ווען כ׳וואָלט עס דיר געקאָנט אָפּהיטן... ס׳לעבן איז נישט קיין גלייכער וועג... ס׳מאַכן זיך גריבער... פּאַר איינעם מער און דעם אַנ־דערן ווייניקער, — און נישט יעדער קאָן זיי גלייך אַריבער...

בלומע

און ווער ס׳קאָן מיט אַלעם נישט?

ר׳ שמואל

אַלע מוזן אַריבער; ווײַל בלײַבן שטיין, איז נאָך אַלעם...

בלומע

גיט אַ פֿאַל אַרויף אויף אים

ווער ווייסט: צי איך וועל נישט בלײַבן שטיין, און בײַ מיר זײַן נאָך אַלעם?...

עזריאל

פֿאַרביטערט

וועמען וועסטו דערמיט מער טון, ווי זיך אַליין?

בלומע

כלישנעט

כ׳קאָן נישט ווייטער גיין!

ר׳ שמואל

גרעסערע גריבער זיך פֿאַר מיר אויפגעמאַכט, און איבער זיי אַריבערגע־שפּרייזט; בײַ איינעם לענגער אָפּגעשטעלט, ווײַניקער, — און געגאַנגען; מיט אַ ליכט אין האַנט, אַ גאָט אין האַרץ, — זענען אַלע גריבער פֿון הינטן געבליבן; אַדורך צעהרגעט, צעממיתט, אָבער נישט געבליבן מיט אַלעם שטיין; קום, און כ׳וועל דיר ווײַזן ווי אַזוי די געפֿערלעכסטע גריבער אַריבערצוגיין... *אָפּ מיט איר.*

ווינקלער

נאָך אַ ווײַלע

נישט היימלעך מיט איר...

עזריאל

נישט ס׳איינציקע בלעטל, וואָס דער ווינט האָט יענע נאַכט פֿון בוים אַראָפּגעקלאַפּט...

ווינקלער

נישט יעדע איינע קאָן גלײַך דאָס זעלביקע אַרונטערשלינגען; און בלײַבן אפֿילו נאָכן אַראָפּשלינגען, די זעלביקע; אפֿילו יענע, וואָס האָבן זיך גע־

מאַכט אַ האַרץ, און פרייליך אויפגעשטאַנען, און זינגען, — מערקט זיך אויך אין זייער געזאַנג אַ ציטער; יענער ציטער, וואָס ביי פייגל אין הערבסט, ווען זיי דערפילן דעם ווינטער זיך בעטן מיט זיינע לאַנגע נעכט, און שווערע, ביטערע קעלטן; יענע פריילעכקייט איז נאָך ערגער... הום... ווער ס'ווייסט נישט פון זייער לאַכן און זייער וויינען?... אַזוי, שפּילסטו אויף אָפענע קאָרטן... דו זעסט נישט קיין שמייכל מער... בלויז אויגן, וואָס זענען געבליבן פייכט און צעשוואומען, אָן טרערן... אַ נעפּל, דער זעלביקער, וואָס וואַלגערט זיך אויפן פעלד, נאָכדעם ווי ס'האָט שוין אָפּגערעגנט, און ס'קאָן בשום אופן נישט מער צוריק שיין ווערן...

עזריאל

שטייט אויף, און גייט אָפּ אָן איין וואָרט.

ווינקלער

שאַרט זיך צו צום פענסטער, וואו ער בלייבט זיצן קוקנדיק פאַרטראַכט אין דרויסן אַרויס.

אַזוי זענען די פייגל זומער,
וואָס ווערן צום ווינטער אַלץ שטומער...

דאָס שיטן האַלט כסדר אָן, ווי צוואָרפן.

שרה-הינדע

שטופּט אַריין אברהם-זעליקן, וועלכער איז באַהאָנגען מיט פעקלעך

מ'ברויך אים נאָך שלעפּן, דעם אָקס!

אברהם-זעליק

ש-ש-ש... ס'אי דאָך אינמיטן די נאַכט, און אַ קראַנק מענטש...

שרה-הינדע

אַז דו ווילסט דיך נישט רירן...

אברהם-זעליק

נישט גלייכער: ס'וואָלט דיך אַ קאָזאַק געווען אויפגעכאַפּט אויף די פּי-קע זיינע?...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

וויינִיק געפעלט : ער זאָל זי מיר געבן צו פאַרזוכן ?...

ו י נ ק ל ע ר

וואָס עפּעס אויף די מינוט ? שוין קיין כּוח נישט איבערצוּוואַרטן ביז אינדערפרי ?...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

דרייט מיר נ׳קאָפּ אַראָפּ : נאָר כ׳זאָל מיך שוין אַרויסלאָזן אַהיים...

ו י נ ק ל ע ר

ס׳פעלד איז נאָך וואַרים ; נישט אָפּגעקילט פון די געשלעגן.

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

וויל קיין רגע נישט לענגער דאָ זיין...

ו י נ ק ל ע ר

ביי יידן, אַ בר־מינן, ער איז נאָך וואַרים, — און מ׳טוט אים שוין זיין רעכטס ; רק, מ׳איילט זיך... אפילו קיין צייט נישט צו שטאַרבן...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

אַז זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, איר קיין פּולק זעלנער נישט צוריקהאַלטן... כ׳ווייס, אסור, וואָס ס׳איילעניש איז ?... און צוואָס מ׳לויפט ?... וואָרן, ס׳אי דען דאָרט עפּעס געבליבן ?... אַ שפּאָן פון עפּעס ?... קומען אַהיים און טרעפן אַ פּוסט פעלד, אַ הויל שטיק ערד, אַ באַרג שטיינער... און מיר נאָך ברויכן אָפּרייסן ס׳האַרץ, ביז כ׳וועל זיי ערגעץ קאָנען אַוועקשלעפן, ס׳אָרט אויפרוימען !...

ש ר ה ־ ה י נ ד ע

אַ פּראָסט רוי שטיק ערד, נאָר אַז כ׳וועל אַוועקלייגן נ׳קאָפּ, זאָל עס זיין אויף אַן אייגן שטיק ערד...

א ב ר ה ם ־ ז ע ל י ק

ס׳ערשטע רעגנדל כאַפּן, און באַלד נישט האָבן קיין דאַך, וואו אַרונטערצוגיין...

שרה־היִנדע

זומער אין דרויסן... וואַרימע טעג הייבן זיך אָן... זיך מאַכן אַ רעגנדל, — זײַן אַ מחיה !... אַ זומער־רעגן שמעקט... שניט, די פּויערן וועלן נעמען שניידן, אַרייַנבּרענגען די תּבואה, זיך צוריקשטעלן ירידים, און זײַן די אייגענע וועלט פון פריער...

אַבְרָהם־זעליק

זי רעדט פון היץ, די יידענע ; פּויערן וועלן שניידן, — וואָס וועלן זיי שניידן ?... דעם נעכטיקן טאָג ?... אַז מ׳האָט פאַרזייעט ווינט... די דער־פער זענען פאַרבּרענט... מ׳טוט אַ קוק, — אַ שרענגע קוימענס פון די כאַלופּעס זייערע געבּליבּן ; דער היישעריק האָט אָפּגעפרעסן ס׳פעלד ; און ס׳אי נאָך דערוויַל קיין פעלד נישט אויכעט, נאָר אָקאָפּעס, צעאַקער־טע אָקאָפּעס... גריבּער...

שרה־היִנדע

וואַרט... נאָר אַרויס אויפן וועג, שוין זען : ווי ער בּרעכט זיך... ס׳בּיסל פּויערן האָט דערשמעקט : די גריבּער זענען ליידיק, אָן מיליטער, — קריכן זיי שוין דאָרט אַרויס פון זייערע בּאַהעלטענישן... נאָך קיינער פאַר אונז זיך נישט געקאָנט אַרויסלאָזן, אַ ?... און אַז דו׳ וועסט קומען אַהיים, — שוין טרעפן אַנדערע, וואָס וועלן פריער האָבּן פאַר דיר אָנ־געקומען... רחמיאל עסיק־מאַכער האָבּן אַרייַנגעשלאָגן אַ פלאָקן אין דרערד ; און איידער ס׳וועט נאַכט ווערן, — זיך קאָנען שטעלן דאַווענען מנחה אויפן מאַרק, מיט אַ מנין...

ווינקלער

כע־כע... אַ קוואַל נעמט זיך קיינמאָל נישט אויס ; שפּאַרט זיך אַזוי לאַנג, בּיז ער רייסט זיך אַדורך, און נעמט צוריק שלאָגן ; אַלץ פאַרבּרענט, צע־שטויסן, און מ׳זאָל צולייגן ס׳אויער צו די ערד, קאָנען הערן ס׳קלאַפּן פון די זעגן און העק, — וואָס די מענטשן בּויען זיך צוריק אויף זייערע צעשטערטע היימען...

עזריאל

קומט אַריַין

נישט צוואַרטן בּיז ס׳וועט טאָג ווערן ?

שרה־הינדע
נאָך איידער מ׳וועט אַרויס מיט אַ פוס פון שטאָט, — שוין אונז דער טאָג אָקעגנקומען אויף זיין ווייס פערד צו רייטן...

עזריאל
נישט פריער געטריבן, און אויף די לעצטע מינוט אוודאי נישט...

שרה־הינדע
אַ שיינעם דאַנק פאַרן אויסשטיין, און האַלטן אין הויז ביי זיך ווי אייגע־נע; מיר אַליין אַ סך מאָל נישט ניחא געווען...

אברהם־זעליק
נאָר וואָס האָט מע געקאָנט טון?... מלחמה!...

עזריאל
מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן: אַמאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט... אַז ס׳הויז זאָל נישט זיין אַזוי, אָ, אויף די לינקע זייט...

שרה־הינדע
איר גאָט אַזוי גיך שענקען ס׳געזונט, ווי קיינעם צום שלעכטן נישט דער־מאָנען; אַלע מאָל האָבן אַ גוט וואָרט נאָכצוזאָגן...

אברהם־זעליק
הלואי, זיי זאָלן שוין האָבן אָפּגעטרעטן אויף תמיד; און נישט מער ברויכן גיין אַזוי אַהין און צוריק; דאָס איצטיקע מאָל, נישט ווייניק מענטשן אויכעט ס׳לעבן געקאָסט; נאָך אַזאַ גאַנג, אַהין און אַהער, — שוין קיינער פון אים לעבעדיק נישט בלייבן... אָפּ מיט איר.

עזריאל
שטעלט זיך אין פענסטער אריין, קוקן.

ווינקלער
נאָך אַ ווײַלע

דער עולם זיך צעלאָפן; אויס יריד; נישטאָ מער זייער געביין; ער אויבן פאַרשפּאָרן צו פאַרקויפן פלייש, און דער אונטן, — ברויט; אויס יאַטקע, אויס באַק־אויוון...

ע ז ר י א ל

אָפּגעהאַקט

אַמאָל געמיינט: דאָס זיין די ישועה אירע...

ווי נ ק ל ע ר

און, אפשר ?... ווי לאַנג אַ מענטש שטייט אויף די פיס ?...

ע ז ר י א ל

אומגעדולדיק

אַמאָל היינט טאָג ווערן ?...

ווי נ ק ל ע ר

קוקנדיק אין דרויסן אַרויס, צויך

ס׳ווייסלט זיך עפּעס שוין, דאָרט...

ע ז ר י א ל

נישט לענגער היינט די נאַכט פון נעכטן און אייערנעכטן, און אַזוי גרויס אין די אויגן !...

ווי נ ק ל ע ר

פאַרכאַפּט

נישט לאַנג זיך צוגעקוקט, ווי ס׳טאָגט ; ס׳ווערט פאַר די אויגן פון שוואַרץ ווייס, און פון בלאָ, — גראָ...

ע ז ר י א ל

ווערן ליכטיק... און די דייטשן... אפשר אַן אַנדערער ווינט ביי איר אָנהייבן בלאָזן...

ווי נ ק ל ע ר

ווי פריער

ש־ש־ש... גייען שוין אַרום אין שטאָט... זעסט ?... אַזוי אומדערשראָקן... ווי שוין דאָ געווען יאָרן... אַלטע לאַנדשטורמער... אַ קופּקעלע דאָ... אַ קופּקעלע דאָרט... פאַרויכערן ציגאַרעטלעך... ס׳מוז אוודאי דאָ גאָר קיין מיליטער נישט זיין... יענע זענען אַוועק, און די

אַריין אָן איין וואָרט, אַזוי ווי מ׳וואָלט אָפּגערעדט און אַדורכגעקומען צווישן זיך, און אין גוטן; דאָס אפילו נישט געפילט...

א געוויש אין די אַנדערע שטוב.

ר׳ שמואל

פירט אַריין בלומען אונטער די הענט, זייער צעטראָגן

געהיטן, געהיטן און איר נישט געקאָנט דערהיטן...

עזריאל

גיט זיך א צאַל

בלו=מע!

בלומע

לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קאַנאַפּע

אַז כ׳האָב געהאַלטן די אויגן אָפן, איז מיר געווען טונקל אין זיי; און אַז כ׳האָב זיי צוגעמאַכט, — געוואָרן ליכטיק; איצט, אַז כ׳וועל זיי נישט עפענען מער, — שוין די ליכטיקייט אין זיי קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן...

עזריאל

פאַרביטערט

זי האָט זיך אומגעבראַכט... רופט רייזעלען!...

רייזעלע

נאַקעט פון בעט אַרויס, מיט א געוויין

מאַ=מע!

עזריאל

ס׳קינד, בלומע, איז דיר געקומען גוט מאָרגן זאָגן; מאַך נאָך איינמאָל אויף די צוויי שיינע אויגן דיינע, און אַז זיי וועלן איר זען, — דיך איינגענעמען א חשק ווייטער צו לעבן...

ר׳ שמואל

פאַרדעקט איר ס׳פּנים

א יידישע אנוסה.

עזריאל

גיט א כאַפּ אַריין ס׳קינד אין זיך

מיך איצט פאַר איר אויכעט ברויכן אויף דיר אומקוקן; ביסט געבליבן אָן א מאַמע...

ווינקלער

שניידיק

דיך געבּרויכט ריכטן, אַז זי וועט אַמאָל אומגעריכט, ווי עס רייסט זיך אַמאָל אָפּ אַ שטיין פון באַרג, — אַראָפּפאַלן אין דעם טיפן אָפּגרונט, וואָס מ׳האָט אַרויסגעזען פון אירע אויגן, ווען זיי זענען נאָך געווען אָפן; און שוין דאָרט אויף אייביק פאַרבלייבן, — ווען זיי וועלן זיך ביי איר מיט אַלעם פאַרמאַכן...

ר׳ שמואל

װאָס האָט איר צוקאָפּנס געשטעלט צוויי אָנגעצונדענע ליכט, זעצט זיך זאָגן

האַרצרייסנדיק

צעריסן א ספר־תורה... אַן אות אָפּגעמעקט... אָבער די יריעה נישט טמא געוואָרן... די זעלביקע קדישה געבליבן רוען אויף איר...

גרויסער טאָג אין דרויסן.

פאָרהאַנג

אין דער ריי
אײנאַקטער

עס שפּילן:

דער הונגעריקער

פּאָליציאַנט

דער קוכער

דאָקטאָר

מענטשן

פארשפּיל

דער הונגעריקער

מיטן פּנים פון אַ דאַך אַראָפּ

שטאָט,
הונגעריקע שטאָט,
פאַרפּלאָנטערט אין דראָט,
ווי אַ שפּין אין נעץ, —
פינקלט זי און בליצט,
געלזיכטיק
די ציינער פאַרקריצט:
ס'אייטערן פּאָרכטיק
אירע קרעץ;
באַפּעסטיקט און געפּאָרט
איז בלוט-אָרימקייט
מיט הונגעריקייט,
אויף שפּאַן און טריט, —
און אָנגעגירט
היט
איר, ווי אַ הונט אויף די קייט,
דאָס וואַכזאַמע אויג, —
פאַר יעדן מעגלעכסטן בויג,
און צאַפּלדיקן
אַנגסט-געשריי;
און גרייט צו דערשטיקן
דעם שווער-אָטעמדיקן
געבריי,
נאָך ביים געבוירט
פון העל-צעצונדענעם
און געבונדענעם
צאָרן, —
דאָ-דאָרט, אויף קרישלענדיקע מויערן,
אָנגעגירט
ווערט געהיטן דער גאָרער עלנט,
און אָנקוועלנד

געשטשירעט מיט די ציין
איבער אים:
קום
אום!
קום
אום!
קום
אום!
איז עס אייך גוט אין די אויערן אריין?

פ אָ ר ה אַ נ ג

אַ הויכער שטאָרץ פון איבער אַ ריזיקער וואַסערבריק. אַ סך ליידיקע וועגענער פאַרדרענגט אינאײנעם אויפן ברעג. שפּיצן פון שטייענדיקע שלעפּשיפן אויפן וואַסער.

אויטאָמאָביל איינפאָר הייזער

אַן אָפּגעריסן הויז מיט פאַרגלאָזטע טירן פון אַ געוועזן געשעפט אָדער אַ שענק. איבער זיי אַ שילד מיט אַ פעטע אויפשריפט: ביליקע קויף.

צוויי-דריי שטיינערנע שטיגן אַרויפצוגיין.

ע ט ל ע כ ע

אָרימע, אָפּגעריסענע לאַפּצערדאַקעס, שטייען שלעפּער־קע, איינער הינטערן אַנדערן, אין דער רייע, ווי אויף אונטערגעהאַקטע פיס.

א יי נ ע ר

ליגט איבער די שוועלן און שלאָפט הויך; זעגט מיטן האַרץ.

צ וו יי ט ע ר

צערייסט ס׳מויל מיט א געוועץ

כ׳בין אים מקנא, ער קאָן שלאָפן.

ד ר י ט ע ר

ווער לאָזט עס דיך נישט?

פ י ר ט ע ר

ווי קאָן מע שלאָפן, אַז מ׳איז הונגעריק? וואָס כ׳מאַך צו די אויגן, וועקט עס מיך נאָכגיכער אויף...

פ י נ פ ט ע ר

איבער מיר ווידער דער הונגער קיין שליטה נישט; קאָן מיר נאָך דעם טויט מאַכן, — ווי לאַנג כ׳שטיי אויף די פיס; קום לייג איך מיך אַוועק, — שלאָף איך ווי אַ טויטער, אַז מ׳לאָזט מיך.

א יי נ ע ר

ווער האַלט אים ווידער צו?

פ ר י ע ר ד י ק ע ר

די רייע; זיך נישט באַצייטנס דאָ אַוועקשטעלן, — דערנאָך אויף מיין חלק עפּעס אָנקומען?...

א יי נ ע ר

זענען יענע נישט אַזוי קלוג, וואָס שלאָפן?

פ ר י ע ר ד י ק ע ר

יענע קאָנען זיך באַגיין אָן עסן, אָז זיי זענען אויף און אין קען שלאָפן, אַז כ׳בין הונגעריק; מוז אָבער עפּעס האָבן צום נעמען אין מויל אַריין, ווען כ׳שטיי אויף די פיס...

ד ע ר ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

קומט אָן, גייט גלייך און פּאַריסן, אויף די שוועלן אין דער קיך אַריין.

א י י נ ע ר

באַווייזט אים נאָכצורופן

אַהער גיי ; שטעל דיך אַרונטער...

צ ו ו י י ט ע ר

מיט אים

אַ דרייסטער אורח, אים גלייך אַקעגנטראָגן...

ד ר י ט ע ר

ער קאָן קריגן, יאָ, ס׳זאָל אים ליכטיק ווערן אין בויך...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

וועלכער האָט אויפגעמאַכט די טיר, און באַוויזן אַריינצושטעלן אַ פוס, —
פליט איבער איין רגע אַראָפּ פון אַלע שטיגן, אויפן טראָטואַר.

י ע נ ע ר

וואָס איז געלעגן אוי־געצויגן און געשלאָפן, כאַפּט זיך אויף

מ׳קאָן דעם קאָפּ אפילו אויף די האַרטע שטיינער נישט אָוועקלייגן...

א י י נ ע ר

באַמערקט

ער האָט נאָך אַ גליק : וואָס ס׳אי יענעם אונטערגעפלויגן זיך דאָ אַוועק־צולייגן, — און נישט באַשערט געווען אַזוי שיין זיך צו קולערן אויף די שטיינערנע שטיגן.

צ ו ו י י ט ע ר

מיט אים

און צוליב אים זיך מעגן באַרימען : אַז ר׳איז נישט אויפגעשטאַנען מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ...

הונגעריקער

קומענדיק צו זיך

מעגן זיך וואַרפֿן, די פֿאַרקויפֿטע בלוט־הינט, אַזוי ווי ס'וואָלט געווען זייערס... פֿאַרנעמט זיך אויפֿסניי אַפֿילו אויסבערעכן מיט מיר די טיר, און זיי אויכעט נישט אָפּטרעטן...

איינער

לאַכט

די גאָלדענע בעטן...

הונגעריקער

נעמט אַריינהאַקן

צווייטער

וויל אים דערקלערן

גיי אַרונטער איידער ס'קומט ווער אָן, אַן אַנדערער, — און זיין דער פֿירטער, דער פֿינפֿטער; אַנישט, — ס'ביסל געקעכטס אויף דיר אָנקומען נאָך וואַרימס ערשט...

דריטער

מענטשן שטייען נישט, נאָר האַלטן אין איין גיין...

הונגעריקער

אין כּעס

כ'קאָן נישט שטיין און וואַרטן, ביז זיי וועלן זיך אַרומזען, אַז ס'איז שוין צייט כ'זאָל מעגן עפּעס עסן...

איינער

און גיי אַריין, פּועל: מ'זאָל דיר פֿריער געבן...

צווייטער

ער איז דאָך שוין געגאַנגען...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

מעגן אַזוי לאַנג וואַרטן, ביז כ׳וועל מיך גיין בײַ זיי אײַנבעטן; אפילו שטעלן אויף די קעפּ, און מיר מוזן אַרײַנשטופּן אַ שטיק ברויט אויפן ניכטערן מאָרגן, כ׳זאָל נישט ווערן פונם הונגער דערוואָרגן...

א יי נ ע ר

נייטן מיט דער שטאָט...

צ וו יי ט ע ר

און געבן, ס׳זאָל אים שווער זײַן אַוועקצוטראָגן...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

בײַ זיי אויפן זייגער וועל איך קוקן, אויב כ׳מעג שוין עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן?...

א יי נ ע ר

גאָר אויף דײַן מאָגן וועלן זיי קוקן?...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

זיי עסן מיט אַ מאָס, און קאָנען האָבן זייער אויסגעזעצטע צײַט; דער מאָגן איז שוין אַזוי אײַנגעאַרבעט, און ווייסט: אַז ס׳וועט קומען די ריכ־טיקע מינוט, וועט ער קריגן ס׳זײַניקע; אַ ביסל אַנדערש ווי פריער און בעכטן, אָבער גענוג ער זאָל זיך אָנבלאָזן און ווערן אַ בעל־גאווה; מײַ־נער קריגט קיינמאָל נישט גענוג, ער זאָל האָבן צו דער זעט; כ׳לאָז אים שטענדיק נישט דערעסן און אַ ליידיקן; און האָט כסדר מיט מיר אַן אַר־בעט... מאַכט מיר נ׳טויט... און שוין אַוועקגעקוקט פון פליש, פון פו־טער, נאָר אַ שטיק ברויט כ׳זאָל אים געבן! אַ שטיק ברויט!

א יי נ ע ר

ער האָט גוט דערפאַר נ׳טויט!

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

אַז כ׳קאָן עס אים צווואַרפן, קויף איך מיך אָפּ דערמיט, און ער ליגט אײַנגעלייגט ווי אַ הונט, לאָזט זיך נישט הערן; אָבער ווען ער כאַפּט מיך אָן פאַרן האַלז, ווי ער וואָלט געוואוסט: אַז ס׳קומט דאָ זײַן טויט, —

קאָן איך שטיין ווי אַ לעמעלע, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, און וואַרטן ביז זיי וועלן זיך דאָרט איבעווייניק אויסמאַכן ?...

איינער

קיינער קומט נישט דאָ אַהער, אַ זאַטער; נאָכדערצו, די וואָס קומען אַזוי פרי; אַלע זענען הונגעריק; איינער מער, איינער ווייניקער, — אָבער יעדער האָט זיך זיין געשוואָלענעם בויך, און אַ ליידיקן; און, פונדעסטוועגן, נישט אַזוי אַרומאַרבעטן...

הונגעריקער

נישט יעדער הונגעריקער איז אַלצאיינס, און גלייך; איינער קאָן מער פאַרטראָגן, און שטיין דערשלאָגן; און דער אַנדערער מוז וואַרפן מיט די הענט, און קלאַפּן אין די טירן...

צווייטער

יענעם טאַקע ווײלער, וואָס ער קאָן עס; נאָכן אויסשרייען ווערט גרינגער, און מ׳שפּירט נישט אַזוי שטאַרק דעם הונגער...

הונגעריקער

קלאַפּט

העי, די געדערים זענען ליידיק, און קלינגען ווי קייטן; שוין היינט אַמאָל זעען ווי ס׳ביסל געקעכטס זעט אויס?... ס׳שניידט מיך איבעווייניק ווי מיט מעסערס...

איינציקע

ער קאָן האַקן מיטן קאָפּ.

הונגעריקער

פאַרמאַטערט

נישט אַנדערש, ווי זיי האָבן זיך געגעבן די הענט מיט מיין היים, און אָפּגערעדט: מיך איינאיינעם צו דריקן; ווייסן: אַז כ׳קאָן נישט לענגער אָנטרייבן ווי צוויי־דריי מעת־לעת אָן דעם שטיקל ברויט, כ׳זאָל מיך מוזן אונטערגעבן, און פאַלן אַ קרבן...

ד י א ײ נ י ק ע

װילן אַרױסקריגן פֿון אים

— דו האָסט אַ לײטישע הײם ?
— און דאָ פֿאַרלײגט דעם קאָפּ ?
— אויף די בילקע קיך ?

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

װײניק: װאָס כ׳בין יונג געװאָרן אָפּגעשניטן פֿון אַ פֿעטן טיש, מיט אַ װאַרי- בעט, װײל כ׳האָב געקריגן אָפּענע אויגן, און געהאַט אויסצוזעצן קעגן דעם און יענעם, — נאָך דאָ אויכעט אויף מיר האָבן אַן אויג ?...

ד י א ײ נ י ק ע

— װאָס רעדט ער ?
— געזאָלט אַנטלויפֿן פֿון די הײם ?
— און נאָך אַ שײנע הײם דערצו ?

אַ נ ד ע ר ע

— דער ריכטיקער פֿויגל...
— גוט געקאָנט אין זין האָבן אַ װײב...
— געמײנט רײך : זי קאָן מיטן די טיר אויסברעכן...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

װי פֿריער

נײן... דורך דעם, װאָס מ׳האַקט מיט מיר די טיר אויס, — דעם קאָ- נישט אויפֿשרויפֿן, און קײן אַנדערן אויך אויף די פּלײצעס נישט אַרויפֿ- זעצן ; אַזױנער איז ער, און אַזױ זיצט ער, — און דערמ׳ט װאָס מ׳הונ- גערט מיך אויס, װערט ער נאָך מער אָפּענער...

א ײ נ ע ר

אַ מענטש מיט אַן אָפּענעם קאָפּ...

צ װ ײ ט ע ר

ס׳פּעלט אים אַ קלעפּקע.

דריטער

און, נישט איינע...

הונגעריקער

פון פריער

מיר אפילו אַנידערלייגן אַ פולע שטוב מיט ברויט, שטיקער פלייש, אַז ס׳זאָל מיר פאַרקלעפּן דעם גומען, און מיך נישט אָנקריגן, לאָזן דער־מיט פאַרוויגן...

איינער

פון די פריערדיקע

שוין באַלד מיטן פאַרטיק...

צווייטער

דער הונגער שיין אויסגעשטעלט...

דריטער

אָך און ווי צו זיין וועלט...

הונגעריקער

נעמט האַקן אין די טירן

כ׳וויל עסן !... נאָך אַלץ נישט אָנגעקאָכט ?... נאָך רוי ?... און נישט אַזוי גוט שמעקן ?... שטיינער און ביינער, אַבי שטילן דעם מאָגן... כ׳קאָן אים לענגער נישט פאַרטראָגן... אָדער איר גיט עפּעס, אנישט נעמט אים פון מיר אַוועק, און אַ סוף... נישט קיין געקעכטס, איז אַ שטיק ברויט... אַבי ס׳מויל צו פאַרשטופּן... נישט לאָזן אַזוי הויך שרייען... ער מאַכט מיר נ׳טויט מיט זיינע געוואַלטן... קיין ברויט אויכעט נישט ?... טאָ לאָזט מיך אַריין, אים ווייזן : וואָס מ׳גרייט פאַר אים אָן, און דערמיט איינ־שטילן : ער זאָל מיר נישט אַזוי ס׳לעבן דערגיין... אים הייסן דערווייל שמעקן צום עסן, און אפשר פון בלויזן געשמאַק ווערן זאַט... אָדער גאָר אַזוי פאַרחלשט און אַוועקפאַלן... איי, ווען ער זאָל אַוועקפאַלן !... ווייזט אים אַן אָפּגעשיילטן טאָפּ קאַרטאָפל, אָדער אַ שעפל באָבעלעך, און כ׳בין זיכער, ער וועט דערפאַר חלשן... נו ?... איר לאָזט אים אַריין, אָנקוקן ?...

בלויז אָנקוקן... ביין ?... נעמט קריכן אויף די גלייכע ווענט גאָרנישט העלפן..
ס׳מוז אים ווייזן... דורך אַ פענסטער כאַטש... אַ שפּאַרע... זעסט : אַן
אָקס מיט אַ פּאָדקאָווע ?... אַ גאַנצן קעסל שיטערס ?... די גריוון שווי־
מען אויף אים אַרום... ס׳אי פאַר דיר... פאַר דיר... וואָס פאַנעוועסטו ?...

די אײניקע

דערשראָקן

— ווי ער קריכט...

— אויף די גלייכע וואַנט...

— אַריינגענומען ס׳גאַנצע הויז אין זיין הענט...

אַ פּאָליציאַנט

אויפן אָרט

וואו קריכסטו דאָרט ?

הונגעריקער

נאָך אַ ביסל עסן...

פּאָליציאַנט

און דאָרט עס קריגן ?

הונגעריקער

אפשר מיטן בלויזן קוקן, דעם הונגער שטילן.

פּאָליציאַנט

גיי שטעל דיך אַרונטער אין די רייע, און ווייז נישט קיינעם וואָס דו
קאָנסט...

הונגעריקער

ס׳לאָזט מיך נישט איינשטיין הינטער די וואַנט ; דער הונגער מיך אויפ־
עסן, — אים נישט האָבן צו ווייזן אַ שטיק ברויט פאַר די אויגן...

פּאָליציאַנט

זיי שטיל, און אַ גוט יינגל ; ס׳שטייט דאָ קיינער נישט פאַר פאַר־
געבינן...

א י י נ ע ר

ער ברויך נישט שטיין, — קאָן אויך ליגן.

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

כ׳מוז שרייען, — כ׳זאָל דעם הונגער דערמיט פאַרוויגן.

פ אָ ל י צ י אַ נ ט

צו פרי; נאָך עמעצן איבערוועקן...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

כ׳קען נישט זיין שטיל, ווען כ׳וויל...

פ אָ ל י צ י אַ נ ט

ש-ש-ש... לאַז דיך נישט הערן...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

אפילו נישט מיט מיינע טרערן ?

פ אָ ל י צ י אַ נ ט

דאָס קאָן איך דיר שוין נישט פאַרווערן...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

נעמט זיך דרייען ווי אַ שלאַנג, און ארויסלאָזן מאו...

פ אָ ל י צ י אַ נ ט

עפעס אָפגעמאַכט ?...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

געמיינט: איר לאַכט...
וואָרן, מ׳קען צוימען
אַ געוויין,
ס׳זאָל אויפהערן שוימען,
און האָבן אַ געשיקטלעכן חן,

װען עס נעמט אַרױסשרײַען
פֿון זיך אַלײן?

פּ אָ ל י צ י אַ נ ט

ש־ש־ש...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

און דאָס, נאָך צו הױך!
שױן באַלד שטילער װי דער רױך,
װאָס גײט פֿונם קוימען;
און אפשר אים דאָס אײַנרױמען
אױפֿן אױער,
װי אַ כּלה־מײדל איר געליבטן,
שטײענדיק הינטער די מױער?

נעמט אױסדריקן אױף אַלערלײ אַרטן די תּאװה פֿון עסן און פֿרעסן בײַ אײדל־געשטאַטע, הונגעריקע, און סתּם זולל־וסובאניקעס, ביז ער גײט אַװעק אין אַ מיל, און נעמט זיך אױס װי אַ װינט; בלײַבט אָפּהענטיק, און פֿאַלט אַװעק.

פּ אָ ל י צ י אַ נ ט

שױן אַזױ זיצן, שטיל און שײן?...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

און אַז ס'װעט מיך אָננעמען אַ פֿריש געװײן?...

פּ אָ ל י צ י אַ נ ט

פֿאַר אַ װײלע כאַטש, ביז מ'װעט אױפֿמאַכן די קיך...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

ס'אי גרינג פֿאַר יענעם דאָס צו זאָגן, װאָס האָט עפּעס ליגן אינעװײניק, אין מאָגן...

א י י נ ע ר

אין דער רײ

פֿון װאַנעט אים דער רוח דאָ אָנגעטראָגן?...

צוויטער

ניט קיין באַקאַנט פּנים...

דריטער

פֿרעמד אונזער עולם...

פֿירטער

אַ משוגעים־הויז אוודאי מיטן ערגעץ די טיר אויסגעבראָכן...

פֿריערדיקער

בייגט זיך אַראָפּ צו אים

פֿון אַ משוגעים־הויז, טאַקע?

הונגעריקער

אויפֿגעבראַכט

אַ מכּה!

פֿריערדיקער

פֿון וואַנעט דען?

הונגעריקער

פֿון ערגעץ ניט...

פֿריערדיקער

אַ פֿרייער פֿויגל?

צוויטער

ווער פֿון אַלע, וואָס דו זעסט, האָט אַ היים?

דריטער

און שפּרינגט ניט אַזוי פֿון די הויט, און שטעלט זיך אויפֿן קאָפּ?...

הונגעריקער

פֿאַרכאַפּט

ב'קום ניט בעטלען!

ג ע ל ע כ ט ע ר

— ווייל מ׳שטייט אין די רייע ?

— אַראָפּגעלאָזט די קעפּ ?

— ברויך מע זיך שעמען ?

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

ווי פריער

כ׳וויל נעמען !

א י י נ ע ר

אַז מ׳נעמט, גיט מע איבער די הענט...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

מאָנען, ס׳זאָלן ציטערן די ווענט !...

א י י נ ע ר

שוין דאָס אויכעט געפּרוווט...

צ ו ו י י ט ע ר

און אַזוי פיל ווי דו, אויסגעפּירט...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

זיך צוגעכאַפּט צו די שיסל, און ביי זיי ברויכן איינשטיין פאַר אַ שטיקל ברויט ?... ס׳ברויט איז זייער ?... אויף זייער מיסט געוואַקסן ?... די קעל-בער פרוכפּערן זיך אין זייערע בייכער ?...

א י י נ ע ר

שוין געווען די זעלביקע חכמים פאַר דיר, וואָס האָבן מיט די קעפּ פאַרלייגט... נישט דער ערשטער...

צ ו ו י י ט ע ר

און נישט דער לעצטער...

ד ר י ט ע ר

און אַזוי לאַנג געשריגן, ביז מ׳האָט זיי פאַרשטאָפּט ס׳מויל מיט אַ שטיק וואורשט, און אויפגעהערט שרייען...

אַ הויכער שטאָרץ פון איבער אַ ריזיקער וואַסערבריק. אַ סך ליידי־קע וועגענער פאַרדרענגט איינאיינעם אויפן ברעג. שפּיצן פון שטייענ־דיקע שלעפשיפן אויפן וואַסער.

אויטאָמאָביל איינפאָר הייזער

אַן אָפּגעריסן הויז מיט פאַרגלאָזטע טירן פון אַ געווענן געשעפט אָדער אַ שענק. איבער זיי אַ שילד מיט אַ פעטע אויפשריפט: בי־ליקע קוך.

צוויי־דריי שטיינערנע שטיגן אַרויפצוגיין.

פ י ר ט ע ר

אַוועקגעפּגרט, ווי איבערגעפּרעסענע הינט...

פ י נ פ ט ע ר

און נאָכדעם, נאָכמער געדושעט דעם געמיינעם מאַן...

ז ע ק ס ט ע ר

אַליין: געוועזענע שנאָרער, און בעסער געוואוסט די מלאכה...

ז י ב ע ט ע ר

נאָר האָבן מיט וואָס אָנצולייגן דעם בויך, גלייך פאַרגעסן: אַז ס'אי גאָך ווער געבליבן, וואָס איז הונגעריק...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

מיר אויסגעפּעלט ברויט ?... און נישט געקאָנט, כ'זאָל וועלן, – מיר לאָזן גיסן שמאַלץ אין מויל אַריין ?...

ג ע ל ע כ ט ע ר

– ער ברויך בלויז וועלן...

– און אים ערשט בעטן דערצו...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

נישט קיין רייכן טאַטן מיט אַ באַרג געשעפטן אויפן קאָפּ ?...

א יי נ י ק ע

– לאָזט ער דיך אַזוי אַרומגיין ?...

– און זאָלסט דאָ ברויכן אָנקומען ?...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

און טאַקע דערפאַר, ווייל כ'לאָז מיר נישט פאַרשטופּן ס'מויל מיט אַ שטיק וואורשט...

א יי נ ע ר

כ'ווייס נישט: וואָס ס'אי צווישן אייך געוועזן, נאָר איינער זיכער געמוזט זיין אומגערעכט...

צ ו ו י י ט ע ר

אָדער ביידע געטויגט אויפן פייער...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

מיין טאַטע, פּכע... אַ מענטש מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ שווערן זאַק געלט, — אַלע געלט־זעק האָבן גרויסע קעפּ; קיינמאָל נישט אַריינגעשטעקט די נאָז אין אַ געשעפט, ס׳זאָל זיך נישט האָבן באַצאָלט טאָפּלט, וויפיל ר׳האָט געשטעלט; דאָס אייגענע אויך מיט די מענטשן זיינע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין די געשעפטן און פאַבריקלעך; געהאַט אַזאַ קאָפּ, וואָס האָט נישט אַנדערש פאַרשטאַנען...

א י י נ ע ר

האָבן אַלע די זעלביקע קעפּ, וואָס פאַרשטייען נישט אַנדערש...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

און אפילו ביי מיר, זיין אייגענעם זון...

צ ו ו י י ט ע ר

געהאַט דעם ריכטיקן טאַטן...

ד ר י ט ע ר

און אפשר: נישט דעם ריכטיקן?...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

געשעפט און מענטש ביי אים געשטאַנען אויף די זעלביקע הייך, און געברויכט פון זיי ביידע, אַלצאיינס, גלייך פּרויסקריגן; דער מענטש, האָט ער געזאָגט, — מוז זיך פּונקט ווי אַ געשעפט, באַצאָלן; באַצאָלט זיך נישט, איינגעפּאַקט ס׳עסק, אויס מענטש!...

ד ר י ט ע ר

זיי זענען אַלע אַזוי קלוג...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

האָב איך פאַרשטאַנען: דאָס פאַרן עסן, וואָס איך קאָן אָן דערין נישט אויסקומען, — אַז דער גוף זאָל עס זען אַזוי צו פאַראַרבעטן: „די פאַר־

ברויכסט, קאָנסט דיך נישט באַגיין, האָב דיר אַכט און אַכציק, אָן אַ פונט ברויט איבערן טאָג, אַ פירטל קאַשע, אַ האַלב גלאָז מילך, און נאָך אַזעלכעס, — גיב אַזוי פיל דערפאַר אַוועק...״ אָבער שלעפּן אַ וואָגן, די צונג שלעפּנדיק אַרויסקריכן פונם האַלז אויף איילן, און דאָס, וואָס כ׳קריג אויפצועסן, קוים אויסמאַכן אויפן שפּיצמעסער ?...

א יי נ י ק ע

— יאָ...

— יאָ...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

האָב איך געזאָגט : „ניין ! נישט געטראָפן ס׳אָרט ; כ׳קאָן אַריינלייגן פאַר אַזוי פיל, ווי כ׳נעם אַרויס ; ווילסט מער, — גיב מער ; קיין אָפּגענאַ-רעכטס, איז נישטאָ ; אויב ס׳פערד ברויך שלעפּן מער, גיב אים, געהרגעט זאָלסטו ווערן, אויף אַזוי פיל צו עסן, — ער זאָל נישט פאַלן אונטערן וואָגן ; און באַזונדער : וואָס טויג מיר בכלל אַזוי שווער צו האָרוען, ווען כ׳זאָל אפילו קריגן, וויפיל כ׳ברויך אויפצועסן איבערן טאָג ?... צי נאָכמער ?... זיין באַגליקט : אַז כ׳וועל צוגעלייגט ווערן פון אַ משא, ווען זי וועט זיין פון גאָלד ?... וואָס איז אַ חילוק : אויב מיין אייגן גאָלד דערהרגעט מיך, צי אַ פרעמדנס אַ שטיין ?... אויב אַרבעטן, כ׳מוז גיין אַרבעטן, כ׳זאָל מיך קאָנען דערהאַלטן ביים לעבן, איז אויף אַזוי פיל : איינצוזאַפּן אין זיך די ליכטיקייט פון אַלע פאַרבן און קולות, אָטעמען מיט שטיין און אייזן, שטאָל, וואַלד, בוים און פעלד, און מיט ערד ; און נישט, אַרבעטן אַזוי שווער מיטן טויט, — כ׳זאָל נישט מער האָבן דער-פאַר ווי דעם טויט ?...

א יי נ י ק ע

מ׳קאָן זיך אַ סך אויסנעמען און אויסביטן, יאָ...

א יי נ ע ר

געוואוסט צו אַקערן מיט די נאָז...

צ ו יי ט ע ר

אַוועק נאָך די האַלבע נאַכט, כ׳האָב געהערט ; מ׳זוכט העגט צו בריקן, — שוין אַנדערע פאַר מיר זיך געהאַט צוגעאיילט, און פריער געקומען...

ד ר י ט ע ר

בעסער באַשטאַנען זיך צו בראָטן זומער אויף די היצן, ביי אַ הייסן קעסל ציגל, ווי צוצוהאַלטן דאָ די וואַנט פאַר דעם אָרימען שטיקל ברויט...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

גיין אַוועקגעבן ס'געזונט און צאָלן מיט יאָרן לעבן, זיך צו קאָנען פאַרגלייכן מיט אַ פערד, וואָס שלעפּט אַ גאַנצן טאָג דעם וואָגן, — ווייל ס'האָט די זכיה אויף דער נאַכט צו שטיין אין שטאַל. און קייען פון די טאָרבע, וואָס מ'הענגט אים אָן אויפן האַלז און איבער די אויערן ?...

א י י נ י ק ע

— דאָס אי שלעכט ?

— אַזאַ יאָר צו מיר...

— מ'ברויך גאָרנישט בעסער...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

כע-כע-כע... כ'מוז נאָך קאָנען לאַכן אויך... פאַרווייט זיך אוי, די געדערים ציען זיך מיר איין, ווי אַ שטריק ביי אַ געהאָנגענעם אויפן האַלז...

א י י נ ע ר

אים איז טאַקע גוט: אַז ר'האָט נישט אַראָפּהענגען קיין שטיין פון האַלז, — אַ ווייב מיט קליינע קינדער...

צ ו ו י י ט ע ר

אַ קראַנק ווייב, מעגסטו צולייגן...

ד ר י ט ע ר

און די קינדער, מיט געשוואָלענע בייכלעך...

פ י ר ט ע ר

פיסלעך ווי די שטעקעלעך, צו מעסטן אויף איילן די לענג...

פ י נ פ ט ע ר

און וואָס פאָרן זיך ווי צווילינגען, מיט די ענגלישע קרענק...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

טאַקע דערפאַר נישט חתונה געהאַט; כאָטש ס׳האָט פאַר מיר געחלשט אַ יונג רויט מיידל, אַ האָריקס, מיט אַ קוועלנדיק ווינטל אונטער די הויט פון איר לייב...

א יי נ ע ר

איך בין גאָרנישט אַזוי קלוג געווען...

צ ו יי ט ע ר

און אויך אַזוי פיל פאַרשטאַנען...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

אַ ווייב באַרשט אָפּ דעם וואָכנדיקן געמיט מיט איר ווייבלעכקייט, קוקט אָן מיט עטלעכע זון־בליקן, — און נייט טאַקע דערמיט, מ׳זאָל מוזן זיין גוט־ברודער מיט דעם פינסטערן יאָך, אים שלעפן ווי אַ שווערן פגר ס׳גאַנצע לעבן; און ווייניק, זייער ווייניק קאָנען אונטערהעצן, — מ׳זאָל אויפשטיין, זיך אויסגלייכן, און נישט אָפּגעבן דערפאַר, וואָס מ׳ברויך איר דערנערן, — ס׳געזונט, שיינקייט, נאָר זיך אויסוואַקסן דורך דער אַרבעט, זיין דער ריכטיקער מאַן, וואָס זאָל נישט בלויז אָפּקומען מיטן וועלן, נאָר אויך קאָנען האָבן פון איר, דעם אייגענעם ווייב, ווען די אַרבעט זאָל נישט אַזוי שווער פאַלן צו לאַסט און אַוועקלייגן...

א יי נ י ק ע

— וועמען ליגן עס אין קאָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן?

— גוט געווען אין די בחורישע יאָרן, אַז מ׳האָט זיי געזוכט אַראָפּצושלינגען, און ס׳מויל דערנאָך אָפּצווישן...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

ביי ווייבער לאָזט זיך אָבער נישט דאָס יונגע בלוט אָפּטויטן; נאָכדערצו ווען יונגען פון אייערע בחורישע יאָרן, וואָס שלעפן נישט אַזוי שווער דעם וואָגן, — זענען זיי אַלעמאָל פאַר די אויגן...

ג ע ל ע כ ט ע ר

— און אונז אָפּטון אויף טערקיש ?
— זיי אויכעט אַראָפּשלינגען ?

אַ נ ד ע ר ע

— ס׳גייט זיי אַ סך איין, יאָ...
— אַזוי גוט, אַז ס׳פּעלט זיי מער ווי דאָס גישט אויס...

א יי נ ע ר

איין קינדעלע אויף די האַנט, און ס׳אַנדערע ביי די האַנט...

צ וו יי ט ע ר

מיינע האָט אַן אַרבעט אַרומצוגיין זוכן אַ שטיקל פּערדפלייש, ס׳זאָל גישט זיין אַזוי שוואַרץ ווי די ערד...

ד ר י ט ע ר

מיינע, מיטן צוצוקלויבן צוויי הערינג ווי די שפּענער...

פ י ר ט ע ר

היינע קומט אָפּ דעם גאַנצן טאָג, בלויז מיטן הערן קרייען פון די מענער...

פ י נ פ ט ע ר

און מיינע קומט גאָרנישט אויס מיטן ; בלויז אָנצוגרויטן ס׳ביסל וואַסער מיט אַ פּאַרבלוט צוויקעלע...

ז ע ק ס ט ע ר

אַז מיינע גייט אַוועק באַגינען, קומט זי מיט די נאַכט צוגלייך אַהיים, און ברענגט, ס׳גילדענע און גוטע : אַ לינגל אויף אַ שטריקעלע...

א יי נ י ק ע

האָבן זיך אַלע אָרנטלעך צו באַלעקן...

אַ קוכער

גראָב ווי אַ פאַס, שווימט אַרום אין שמאַלץ, און מ׳זעט נישט מער אַרויס
ווי ס׳פּנים פון די ווייסע הויזן מיטן רעקל, — אויף די שוועל

וואָס פאַר אַ מהומה דאָ היינט אויף זיי אָנגעפאַלן ?...

אַלע

צעשטעלן זיך דערשראָקענע אין די רייע.

הונגעריקער

גיט אים אַ כאַפּ אָן ביים האַלז

דו גיסט צו עסן, אַנישט מאַך איך דיר דאָ דעם טויט אויפן אָרט...

קוכער

שליידערט אים אָפּ פון זיך

סם אין די אויגן! ער קאָן אוודאי נישט באַשטיין צו שטיין מיט אַלע גלייך
און אונטערשפאַרן די וואַנט, — אַזוינע פאַרשטאָכענע אויגן... אָפּ.

הונגעריקער

דערשלאָגן

וואָס זיי האָבן אַ כוח צו געבן...

איינער

שטיל

דאָס נייטיק באַדאַרפט ?

הונגעריקער

מיך גאָרנישט אָפּשרעקן...

איינער

ווי אַמאָל...

צווייטער

און ס׳ווענדט זיך, ווען...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

טון נאָך אַ טובה: דערמיט וואָס זיי רייצן אויף דעם מאָגן, מ׳זאָל שפּירן אַ טעם אין עסן; אָבער עסן צו דער זעט?...

א יי נ ע ר

ס׳זאָל דאָס אויף זייער כּוח און קראַפט אַרויפקומען, וואָס זיי גיבן איינ־גאַנצן...

צ וו יי ט ע ר

קיינמאָל קיין בעסערן טעם נישט וויסן, ווי ס׳עסן זייערס האָט...

ד ר י ט ע ר

מ׳נעמט אַ סך מאָל, ביים ערשטן לעפל געקעכטס, ברעכן מיט די גרינע גאַל...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

כ׳נעם מיך דעריבער נישט זייער איבער: אַז כ׳קריג פון זיי עפּעס צו־געוואָרפן, און פאַל נישט ביי זיך שטאַרק אַראָפּ, אַז כ׳האָב עס נישט; ס׳אי שוין ביי מיר אין בלוט: ס׳הונגערן; כ׳מוז זיין הונגעריק, ס׳זאָל פון מיר אַרויסשרייען; שפּריצן מיט סם און זייען טויט; מיין הונגערן איז זייער אָנקומענדיקער אומגליק, און זיין זייער טרויעריקער סוף...

א יי נ ע ר

ביטער

ס׳ווייסט גאָר קיינער נישט, ווען מ׳וועט אַמאָל אויפמאַכן, און אָנהייבן אויסטיילן ס׳עסן?...

צ וו יי ט ע ר

כ׳ווער, קוקנדיק אויף אים, אויכעט הונגעריק...

ד ר י ט ע ר

דער זייגער שוין אומעטום אויסגעשלאָגן: זיבן...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

נעמט זיך קורטשען

לאַנג מנוחה געהאַט פון אים... הער: אַז דו ביסט אַלץ אַזאַ צעפּיעשטשעטער מאָגן, און נישט פאַרגעסן דעם אַמאָליקן אַפּעטיט, — זיך נישט געקאָנט אָפּזוכן ערגעץ אַנדערש־וואו אַן אָרט זיך אַריינצולייגן, נאָר ביי מיר ?... אָ, דו ווייסט: ס׳פעלט ביי מיין טאַטן נישט פון קיין פייגל־מילך, און כ׳זאָל מיך צוליב דיר גיין חברן מיט אים ?... אַ מכה שבמכה! בעסער דו ביי מיר האָבן אַן עוולה... צעלאָזט געוואָרן ווען כ׳בין נאָך געווען אין זיין הויז, און קאָן זיך נישט אָפּגעוויינען פון די גוטע מאכלים, מיט וועלכע מ׳האָט אים געקעכלט, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קליין קינד; כ׳קאָן צוליב דיין שוואוילטאָג צוריק קיין קינד נישט ווערן; דער שכל איז אויסגעוואַקסן ווי ביי אַ גרויסן, און מיט קיין געבראָטענע, זיסע פליישן, אים פון וועג נישט אַראָפּפירן; דער שכל איז ביי מיר גראָד שטאַרקער פון מאָגן, און ער האָט איבער אים די דעה, און נישט דער מאָגן איבערן שכל...

א י י נ ע ר

ביי וועמען ס׳אי פאַרקערט, איז ביי אים פאַרדרייט...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

ווייסטו גאָר וואָס ?... אַזוי ווי כ׳האָב נישט אויף דער מינוט קיין שטיקל ברויט, און ס׳אי דיר שווער צו וואַרטן אויפן ניכטערן, ביז זיי וועלן זיך דאָס אַרומזען, — דיר פּרוון פאַרלייכטערן מיט קונצן; דיר ווייזן קונצן, גוט ?...

א י י נ ע ר

מיט קונצן אים אָפּקומען ?

צ ו ו י י ט ע ר

אַ סך געווען אַזוינע חכמים, מ׳זאָל דאָס קאָנען...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

מיך שטעלן פאַר דיר אויפן קאָפּ, גוט ?... שטעלט זיך אויפן קאָפּ באַשטייסט נישט ?... וואַרט... פאַר דיר גיין אויף די הענט... גייט אויף די הענט כעֿ

כע... זיך אויסגעחכמעט : און לאָזט זיך נישט מער קאָרמענען מיי שטיקלעך... אוודאי דיך בעסער געוואָלט אָפּפּטרן מיט ברויט, נאָר וואָ זאָל איך עס פאַר דיר נעמען ?... זעסט נישט : ווי גרינג ס׳קומט אָן דאָס צו קריגן ?... זיי שטייען אַזוי אין גרויסן דערמיט, און איך ווידער בין אָן עקשן... אַז כ׳האָב מיך פאַר מיין טאַטן נישט געבויגן, — פאַר זיי אוודאי נישט בייגן !... און נאָך פאַר אַן אָרים שטיקל ברויט דערצו ?... ביי אים געלאָזט לויפן די בעסטע געריכטסן... פאַנעווע נישט, כ׳בעט דיך... אַזוי לאַנג ווי דו האָסט דאַרויף געוואַרט, שוין זיכער נישט וואַרטן... אויף זייער זייגער אַמאָל אויכעט אויסשלאָגן זיבן, ניין ?...

א יי נ י ק ע

— אוודאי.

— אוודאי.

— אוודאי.

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

און איך, דיר דערוויל ווייזן אַ שפּאָגל־נייע קונץ ; פריש פון איי אַרויס מיר נעכטן ערשט אונטערגעפלויגן ; און ער איז נישט בלויז פאַרן אויג נאָר גוט אויכעט פאַרן מאָגן ; כ׳בין זיכער, אַז דער בויך וועט פונע הנאה האָבן...

א יי נ ע ר

טאַקע אַ בעלן צו הערן...

צ וו יי ט ע ר

זיך אַליין אפשר אויכעט קאָנען מיט אים אַרויסהעלפן...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

כ׳וועל נעמען שלינגען שטיקלעך אייזן, גוט ?

א יי נ י ק ע

— ער איז משוגע אָדער פאַרנאַרט...

— צי גאָר ביידע, אינאיינעם...

הונגעריקער

פאַר זיך

ס׳אי פריער פאַר אַלעם אַ גרויסע קונץ, און דאַן, — דער מאָגן נישט בלייבן ליידיק... און ער מיינט דאָך נישט מער, ווי כ׳זאָל אים אָנפילן... איז אַ חילוק: אויב מיט ברויט צי אייזן... און איך, אַז כ׳וועל מיך צוגעוויינען צו אייזן, מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרלירן דעם חשק צו ברויט... און מיר זיין וואויל ווי די וועלט... נישט ברויכן אָנקומען מער צו קיינעם, און איינשטיין ביי זיי אין די הענט... כ׳קאָן קריגן אייזן, דו זאָלסט נאָר אַזוי פיל וועלן... דאַרויף האָב איך קיין דאגה נישט... כ׳גיי צו צו וועלכן טעלעגראַפישן סלופּ, ס׳פעלן סלופּעס ?... און בייס אָפּ, וויפיל כ׳וועל נאָר קאָנען פאַרנעמען מיטן מויל...

איינניקע

אַ טייער מאכל...

הונגעריקער

ווילסט נישט ?... וואַרט... מיר שניידן פאַר דיר ס׳לייב, גוט ?... האָסט דאָך ליב צו זען: ווי מ׳פייניקט זיך, ניין ?... פון דעם אַליין קומט דאָך דיר צו אַ שטיק געזונט... כ׳האָב נאָך אַן אַרטיקל: מיר אויפטרענען די אָדערן, און דיר געבן צו טרינקען ס׳בלוט, גוט ?... דו פּגרסט דאָך אַוועק פאַר אַ ביסל וואַרעם בלוט... מיר גרינגער זיין דיך צו זעטיקן מיט מיין בלוט, ווי מיט זייער ברויט... ווי ?... באַשטייסט אפילו אויף מיין בלוט אויכעט נישט ?... נאָר וואָס דען ווילסטו, זאָל איך דיר געבן: זראַזעס ?... געבראָטענע פליישן ?... זיך צופיל מיר אַריינגעריסן אין די ביינער... וואָרן, ביסט היינט ביי מיר דען ערגער־אָפּ פאַר נעכטן, און אַלע טעג פון אַ גאַנץ גייענדיק יאָר ?... מיט דיר אָפּגעמאַכט, און אַדורכגעקומען: זאָלסט מיך פאַר די דריי טעג נישט טשעפּען... ווי ?... שוין אַריבער ?... גיין... פאַר אַ ליגנער, כ׳זאָל דיך זוכן אָפּצונאַרן, — קענסטו מיך דאָך, אַז כ׳בין עס נישט; וואָס כ׳זאָג דיר צו, קריגסטו מיטן גאַנצן האַרץ און אַ פולע האַנט; און דיר גרייט צו באַווייזן שוואַרץ אויף ווייס, אפילו באַרעכענען מיט דיר אויף די האָר, אויף די מינוט און אויף די רגע... נעכטן: איין טאָג, — איינער; אייערנעכטן, אַ טאָג, — האָבן מיר, צוזאַמען: צוויי טעג, ווי כ׳האָב דיר גאָרנישט געגעבן... הע ?... די נעכט

רעכנסטו אויכעט ?... וועלכער משוגענער עסט דאָס ביינאַכט ?... סיי די, וואָס שלאָפֿן בייטאָג... פֿאַר אייערנעכטן פֿון מיר געקריגן אַ שטיק ברויט, אוודאי פֿון אַ פֿונט... ריכטיק: אינדערפֿרי... אַ סימן: אַז די זון איז שוין פֿון אַ גוטע שעה געהאַט אַרויס... און איצט איז נאָך קיין זון נישטאָ... ס׳אי געווען פֿאַרכמאַרעט ?... דער הימל אַצינד אויכעט נישט אַזוי איי־איי... זיך גאָרנישט איבערצונעמען... ביז די זון וועט אַרויס, נאָך נעמען אַ גוטע שעה, און פֿאַר די איינע שעה, — זיי זיך איינעווייניק דערוויילּ אויסגראַבלען און אויפֿמאַכן די קיך, און זיך אויסגלייכן מיט דיר, כ׳זאָל דיך נישט האָבן באַעוולהט אפֿילו מיט קיין איין מינוט... אַ־אַ, דיך אַרומזען: ס׳אי צופֿיל ?... באַשטייסט נישט אויף דריי טעג ?... ס׳אי דיר צו לאַנג צו וואַרטן ?... און מיך צווינגען דיר צו געבן אַ שטיק ברויט יעדן טאָג, צי גאָר צוויי מאָל אין טאָג ?... און אַז כ׳וועל דיר נישט קאָנען נאָכקומען דאָס פֿאַרגעניגן, — מיך זוכן אָנצוקריגן ביים האַלז ?... דיר, דאַכט זיך, איבער איין רגע צוויי אָפּטון, אַז ס׳וועט דיר דערנאָך אַליין באַנג טון דערפֿאַר, און פֿון מיר קיין איינמאָל אין דריי טאָג אויכעט נישט האָבן גאָר... ווילסט זען ?... ווייז איך דיר א קונץ, אַז כ׳גיי אַרויף אויפֿן דאַך, טאַקע פֿון די ביליגע קיך, אפֿשר וועט דאָס רירן זייערע שטיינערנע הערצער צו אַנדערע, — און וואַרף מיך אַראָפּ דיר אין די אויגן, און איך בין מיט דיר קוויט... נישט כ׳קום דיר עפּעס, און נישט דו קאָנסט צו מיר עפּעס האָבן... נעמט קלעטערן אויף די וואַנט.

ע ט ל ע כ ע

פֿון די רייע גיבן אים אַ כאַפּ

דיך נישט לאָזן אומברענגען, זיך...

פּ אָ ל י צ י אַ נ ט

וואַקסט אויס

זיך ווידער גענומען לאָזן הערן?...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

ווערט זיך

לאָזט מיך... צו שטאַרק זיך גענומען צו מיר... און כ׳מוז אים אָפּלערנען... איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל... ווי כ׳זאָל נישט ווערן, און ער לאָזט זיך נישט

איינעמען... נאָר ברויט זאָל איך אים געבן... ברויט אויף די האַנט... וויל דורכאויס זען ברויט פאַר די אויגן... ווערט אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, באַוואוסטלאָז.

א יי נ י ק ע

אַרום אים, אַרומגעשטעלט

— ער איז פאַרחלשט פון הונגער...
— שוין דריי טעג נישט געהאַט אין זיין מויל...
— מ׳ברויך אַרויסרופן אַ דאָקטאָר...

פ אָ ל י צ י אַ נ ט

נעמט רעדן אויפן טעלעפאָן, וועלכער געפינט זיך אין א רויט קעסטעלע, וואָס איז צוגעקלאַפּט אויף אַ דערביייאיקן סלופּ פון אַן עלעקטרישע לאַמטער

העלאָ... גיכע הילף ?... יאָ... אַ מענטש איז געפאַלן אין חלשות... ס׳זעט אויס : פון הונגער... יאָ... דרום=מערב=זייט...

א יי נ ע ר

האָט געברענגט וואַסער, און שפּריצט אויף אים

נו ? מאַך אויף די אויגן... זיי נישט קיין עקשן... נאָך געבליבן אויף וואָס צו קוקן...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

קומט אויף און פרייט זיך

שוין... אים פאַרנאַרט מיט אַ מעשהלע... כע=כע... אים דערציילט פון אַ געבראָטענע גאַנז, אַ פעטע, אַן אויסגעברוינטע, וואָס מ׳האָט ערשט אַרויסגענומען פונם אויוון... און נאָך אַ וואַרימע... און זיך אַזוי דערפרייט מיט איר, אַז די אויגן האָבן אים גענומען גלאַנצן, טרערן זיך אין זיי געשטעלט, און מיך אינגאַנצן ווי פאַרגעסן... כע=כע... כ׳זאָל וויסן : ער וועט זיך באַנוגן לאָזן דערמיט, אים דאָך געקאָנט אָנהאַקן אַ פולן קאָפּ, ער זאָל זיך דערוויל באַטעמט מאַכן ס׳מויל מיט אַ געבראָטענעם אינדיק, און אַז מ׳וועט אויפמאַכן די קיך, דערזען ברויט, — אויכעט נישט האָבן קיין קליינע גדולה... אוי, האָט ער ליב צו עסן !... כ׳זאָג אייך : די אויגן נעמען אים גלאַנצן, און ס׳מויל גאַווערן, די שלינע צו

רינען, ווען ער הערט דערציילן פון געבראָטענע לעבערלעך ; ס׳האַרץ קוועלט אים אָן פון די געגנז, ראַקעס מיט אויסטערס... כע-כע-כע... און איך טראַכט מיר דערביי, אַזוי ווי ער ווייסט נישט דערפון, אים עס נישט שאַטן... פּאַרזינקט.

ג ע ר ע ד ע ר ײ

— ס׳אַרא בראָך איז צו זיי, וואָס זיי קאָנען גאָרנישט אויסקומען מיט זיך אין דרינען ?...

— און ווערן וואָס אַ טאָג אַלץ מער פאַרפאַלן ?

א ײ נ י ק ע

— עסערס מערן זיך מיט יעדע שעה...

— די רייע וואַקסט ווי אויף הייוון...

— מ׳טוישט די קעסלען איבער אַ נאַכט...

נ אָ ך א ײ נ י ק ע

— מ׳הונגערט אין שטאָט גאַנץ אָרנטלעך אונטער...

— די קיך איז נישט מער פאַר קיין נאַכט-פייגל...

— ס׳שעמען זיך גאָרנישט צו קומען גאַנץ לייטישע אַרבעטער...

— אַרבעט זיך אָפּגעטון, און קיין געלט אונטערן קישן נישט געבליבן אָפּגעשפּאָרט...

— מ׳קאָן אַ סך שפּאָרן, יאָ, אפילו ווען מ׳אַרבעט...

נ אָ ך א ײ נ י ק ע

— דער הונגער לייגט זיך אַראָפּ ווי אַ שווערע משא אויף די הייזער פון די הינטער-געסלעך, און זיי מיט אַלעם אָפּמעקן...

— די לעכער, וואָס וועלן בלייבן, זיך קראָען אין זיי באַזעצן...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

גיט זיך אַ וואָרף אויף די קיך

עסן !... עסן !... עסן !... כ׳וואָרן אייך : נישט מער איינצורייסן, און טריצן צוליב אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ שיטעלע געקעכטס, איבער וואָס

איר האָט נאָך לעת־עתּה צו זאָגן... מ׳טאָר זיך מיט קיין הונגעריקן נישט איינרייסן... אַ הונגעריקער ווייסט נישט קיין חכמות, און האָט נישט וואָס איינצושטעלן... נעמט ברעכן שויבן טויט אָדער ברויט...

ד י ר יי ע

פאַרהאַלט דעם אָטעם.

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

מיטאַמאָל

אַ־אַ־אַ!... איר זעט: פאַרוואָס מ׳קומט נישט אויס?... זיצן און פרעסן, די גזלנים; און אונז שטעלט מען אויס פאַר די נאַראָנים...

ד י ר יי ע

ווערט מיטן קוק צעבראָכן, ווי אַ שטורעמווינט וואָלט איר אַרומגעכאַפּט, און ס׳ווערט פון איר איין הויפן, אַן אומבאַשטימטע קופּע, אַ קנויל, — וואָס ליגט אויף די טיר און פענסטער פון די קיך.

ג ע ש ר יי ע ן

— זיי פרעסן אויף ס׳עסן מיט די אויגן...
— נעמען זיך אַרונטער ס׳גאַנצע פעטע, און געדיכטע...
— לאָזן איבער דאָס שיטערע און אומגערייסטע, צו פאַרטיילן...
— אַליין שטייט זיי נישט אָן קיין בלעכענע טעלער, נאָר געגלייזטע...

ה ו נ ג ע ר י ק ע ר

כאַפּט זיך אַרויף אויף די קעפּ און רוקנס פון דעם באַרג מענטשן

מיט וואָס פאַר אַ מיילער מ׳פרעסט?... פון וואַנעט נעמען זיך צו מענטשן אַזוינע גרויסע מיילער?... קראָקאָדעלן־מיילער!...

ד ע ר ק נ ו י ל

ברעכט שוין דאָן טירן, פענסטער

— אָפּשאַפן די קיך!
— מ׳ברויך נישט קיין בחנמדיקע געבער!
— און בחנמדיקע נעמער!
— אַרבעט פאַר עסן!
— עסן פאַר אַרבעט!

— אַזאַ ברויט באַקומט נישט!

— גייט נישט אַרונטער אין קעל!

אין די פענסטער פון דעם אויבערשטן גאָרן, ווייזן זיך די אינעווייניקסטע פון קיך, — און וואַרפן צעשראָקן מיט די הענט; שרייען, אויב מעגלעך, וואָס מ׳קאָן נישט צוליבן טומל, — דערהערן.

פּאָליציאַנט

רעדט אויפן טעלעפאָן, וואָס אין רויטן קעסטעלע.

הונגעריקער

אַליין, אויסגעצויגן און פאַרשטייפט, אויפן פּנים ביי אים אַ שמייכל פון אַ פאַרהונגערטן צום טויט

איינמאָל כאָטש געראָטן אויף זיי אָנצורייצן די סטאַדע הונגעריקע וועלף...

באַווייזט אַ פויסט **היט אייך פאַר וועלף!... זיי וועלן אייך די רעשט פון אייער קאַרג ביסל יאָרן דערגיין, און ס׳לעבן דערקירצן.**

פון ערגעץ לאָזט זיך הערן דאָס אומגעדולדיקע גלעקל פון די גיכע הילף, און

אַ דאָקטאָרל

אין ווייסן, מיט נישט אויסגעשלאָפענע אויגן, קומט אָן אויפן אָרט.

פאָרהאַנג